STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05947

# ARBETER SHUL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַרבעטער שול

## לערנבוך פאַרן פערטן יאָר

◇◇

ערשטע אויפלאַגע

◇◇

צוזאַמענגעשטעלט פון

**נ. קאַמענעצקי און מוישע שיפּרים**

פ אַ ר ל אַ ג

אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

80 — 5טע עוועניו

ניו יאָרק, אָקטאָבער 1934

Copyright, 1934
by the
International Workers Order
80 Fifth Avenue, New York

געדרוקט אין 2,000 עקזעמפּליאַרן.

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand St., New York

# צו די לערער

דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט לויט דער פּראָגראַם, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אַפן לעצטן שול־צוזאַמענפאָר.

מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו קריגן מאַטעריאַל פאַר אַלע טעמעס, וועלכע גייען אַריין אין די 9 פּראָיעקטן. דאָס ווייניקע וואָס איז אויסגעלאָזט געוואָרן צוליב מאַנגל אין מאַטעריאַל און אויך פּלאַץ, וועלן די לערער דאַרפן דערגענצן.

די פראַגן וועלכע מיר גיבן נאָך יעדן פּראָיעקט, נעמען אַרום ניט נאָר די מאַטעריאַלן וועלכע זיינען אַריין אין בוך, נאָר אויך דאָס ווייניקע וואָס פעלט אויס. דאָס איז געטאָן געוואָרן, קעדיי צו דערמאָנען דעם לערער אויסצופילן די איבעריקע טעמעס.

די פראַגן נעמען אַרום דעם גאַנצן פּראָיעקט. זיי זיינען אָבער ניט קיין אויסשעפנדיקע. דער לערער קען צולייגן אָדער ענדערן די פראַגן.

מיר ווילן אויסדריקן אונדזער האַרציקן דאַנק צו אַלע שרייבער, מיט וועמעס ווערק מיר האָבן זיך באַנוצט און מיר בעטן זיי אַנטשולדיקן פאַר די ענדערונגען און פאַרקירצונגען, וועלכע מיר האָבן געמאַכט אין זייער ווערק. מיר האָבן דאָס געמוזט טאָן, קעדיי צופּאַסן זייערע ווערק צו קינדער ביקלאַל און אַמעריקאַנער קינדער ביפראַט.

אונדזער האַרציקער דאַנק צו די כאַווערים לערער פון די ניו יאָרקער שולן פאַר זייער הילף און אָנווייזונגען און צו דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר פון אונדזערע שולן, כ׳ זאַלצמאַן, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין פרייע צייט און אונדז געהאָלפן מיט ראַט און טאַט.

מיר וועלן זיין דאַנקבאַר די לערער און שול־טוער, וועלכע וועלן אונדז אָנווייזן אַף כעסרוינעס אין דעם בוך, און מיט דעם העלפן פאַרבעסערן די צווייטע אויפלאַגע.

דאָס בוך איז גוטגעהייסן געוואָרן פון אַ לערער־קאָמיסיע בא דער נאַציאָנאַלער שול־קאָמיסיע פון די אידישע קינדער שולן בא דעב אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

די צוזאַמענשטעלער.

# אינהאַלט.


| | |
|---|---|
| דער „ספיטש" | 5 |
| מוסי | 7 |
| אונדזער שול | 9 |
| הערים טאַטע | 10 |
| הילדע | 13 |
| דער אַרבעטער אָרדן | 17 |
| דער פּרינציפּאַל האָט זיך אונטערגעגעבן | 18 |
| יאָסיף וו. סטאַלין | 22 |
| וואַלן אין אַמעריקע | 25 |
| די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 | 26 |
| 9טער יאַנואַר, 1905 | 29 |
| מאַקסים גאָרקי | 31 |
| די מוטער | 34 |
| לענין וועגן מילכאָמע | 38 |
| די וועלט מילכאָמע | 38 |
| קריג געגן קריג | 40 |
| אינטערווענציע | 41 |
| כאַווירים | 42 |
| געכאַפּט אַן אַמעריקאַנער | 43 |
| צום מוליער | 46 |
| לייבקע בערלינטשיק | 47 |
| בירא־בידזשאַן | 51 |
| אַן אַ פּלאַן | 53 |
| אַ לאַנד פון מעשוגאָים | 54 |
| מיר סטרייקן | 56 |
| ברויטליין | 58 |
| „וואָירק רעליף" | 62 |
| ווען טאָמפּסאָן האָט זיך דערוואוסט | 62 |
| די הונגער מאַרשירער אין וואַשינגטאָן | 66 |
| שיקאַגאָ | 68 |
| אַ באַזוך באַ אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער | 70 |
| דער ראָוו און דער אַרבעטער | 74 |
| אָקטאָבער — דער אָנהייב פון דער וועלט רעוואָלוציע | 77 |
| קאַרל מאַרקס | 79 |
| האָט לענין געזאָגט | 83 |
| לענין איז געקומען | 84 |
| לענין | 93 |
| באַ לענינ׳ס קייווער | 94 |
| קאַרל ליבקנעכט | 94 |
| די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג | 96 |
| ראָזע לוקסעמבורג | 98 |
| דער צאַר מאַכט פּאָגראָמען | 99 |
| שאָלעם אַליישעם | 102 |
| פון מאָטל פּייסעס | 102 |
| דאָס לעבן פון די נעגער אין אַפריקע | 107 |
| לוביאַל | 109 |
| דאָס לעבן פון די נעגער אין אַמעריקע | 110 |
| הענקער, נעם אַוועק דיין האַנט | 113 |
| לינטשעריי | 116 |
| וואַשינגטאָן און לינקאָלן | 122 |
| דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם | 126 |
| י. באַוושאַוער | 128 |
| אַרבעטער פרויען | 128 |
| אינטערנאַציאָנאַלער פרויען טאָג | 129 |
| מאַריס ווינטשעווסקי | 130 |
| עס רירט זיך | 132 |
| הונגער | 133 |
| קוילן־גרעבער | 134 |
| סטרייק | 135 |
| באַ פאַרדן אין פאַבריק | 141 |
| טאָני דער מוליער | 142 |
| אַ בעזים און אַ קער | 144 |
| זאָל לעבן די קאָמונע | 145 |
| ווער זיינען דאָס די יונגע פּיאָנערן | 150 |
| געווען אַזאַ נאַכט | 151 |
| די באָי־סקאַוטס פון טשערי סטריט | 152 |
| אין אַט די טעג | 155 |
| שטעלט אָפּ די אַרבעט | 156 |
| עפּשער דו, הערי סימס | 160 |
| קוילן | 163 |
| ליד פון שוואַרצן שוכפּוצער | 167 |
| שלאָג | 169 |
| גאָטס דינער | 169 |
| ס׳איז דער הימל | 170 |
| די לעוואָנע דערציילט | 171 |
| ווער זיינען זיי | 173 |
| אייז | 174 |
| מיר זיינען קינדער אַלע גלייכע | 177 |
| הירש לעקערט | 180 |
| דער זיידע האָט דערציילט | 181 |
| זיין ערשטער מיי פייערונג | 183 |
| אייזשען פּאָטיע | 185 |
| פּעטער דעזשעיטיע | 187 |
| ד. עדלשטאַט | 188 |
| עס טאָגט | 189 |
| מיין צאַוואָע | 190 |
| אָף דעם אינזל קובא | 191 |
| די אַרבעטער אין אינדיע | 193 |
| די מאַטאַנע | 194 |
| מיט קאַרל מאַרקסן | 196 |
| אין רויטן ווין | 200 |
| טאָג־בוך פון אַ דויטשישן פּיאָנער | 202 |
| טעלמאַן | 207 |

# דער „ספיטש"

## פון כאַשמאַל

זיין טאַטע איז געהאַרגעט געוואָרן פון אַן „עקסידענט" אין אַ פאַבריק.

זיין מאַמע איז געווען אַ „דזשעניטאָר" אין מר. גרידימענס הויז. געקראָגן האָט זי דערפאַר אַ צימער אין קעלער און עסן — דאָס וואָס ס'איז פאַרבליבן פון באַלעבאָס' טיש.

אין יענער געגנט איז געווען אַ טאַלמוד טוירע, אויפגעבויט פון רייכע פאַבריקאַנטן. גרידימאַן איז דאָרט געווען דער „פרעזידענט".

איז גרידימאַן צוגעשטאַנען צו סעמי'ס מאַמען, זי זאָל שיקן איר אינגל אין טאַלמוד טוירע.

נישט ווייט פון דער טאַלמוד טוירע האָט זיך געפונען אַ אידישע אַרבעטער שול. סעם איז דאָרט איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען. די פענצטער זיינען געווען אָפן, האָט ער אַריינגעקוקט. דער לערער האָט אים באַמערקט און געבעטן אַריינקומען. סעם האָט זיך פאַרשעמט און אַנטלאָפן.

סעם ווייסט ניט ווי אַזוי, נאָר אַף מאָרגן האָט ער זיך ווידער גע־פונען לעבן שול. איצט איז ער שוין ניט אַנטלאָפן, ווען דער לערער האָט אים אַריינגערופן. ער האָט פאַרבראַכט דאָרטן אַ פאָר שאָ.

ווען ער איז געקומען אַהיים, — אין קעלער, האָט ער געלאָזט וויסן דער מוטער, אַז מער גייט ער ניט אין טאַלמוד טוירע. ער הויבט אָן גיין אין דער אַרבעטער קינדער שול.

— מאַמע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט פרייד אין די אויגן. מען לערנט דאָרט וועגן די אַרבעטער — ווי אַזוי זיי ווערן פאַר־שקלאַפט אין די פאַבריקן און שטאַרבן יונגערהייט, אָט פונקט ווי ס'האָט געטראָפן מיט'ן טאַטן. אין טאַלמוד טוירע לערנט מען אונדז, אַז די באַלעבאַטים זיינען גוטע מענטשן, און דו, מאַמע, ווייסט דאָך אַז ס'אַ ליגן.

סעמי האָט אַזוי לאַנג אַריינגעטאַינעט מיט זיין מוטער, ביז זי האָט צוגעשטימט, אַז ער זאָל גיין אין דער אַרבעטער קינדער־שול.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און גרידימאַן האָט זיך פון דעם דער־וואוסט. ער האָט גענומען סטראַשען סעמי'ס מוטער, אַז ער וועט זי אָפזאָגן פון דער שטעלע.

מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך געבעטן באַ סעמ'ען, ער זאָל צוריקגיין אין טאַלמוד טוירע.

סעמי האָט נאָכגעגעבן. ער האָט איר אָבער געזאָגט, אַז פרייטיק און שאַבעס, — די צוויי טעג וואָס מע גייט ניט אין טאַלמוד טוירע, וועט ער גיין אין אַרבעטער שול.

די טעג וואָס ער איז געגאַנגען אין טאַלמוד טוירע זיינען פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. ער פלעגט קומען אַהיים אַ צעקאַכטער.

פון דער אידישער אַרבעטער קינדער שול האָט ער זיך גאָרניט געקענט אָנלויבן. פרייטיק און שאַבעס זיינען באַ אים די גליקלעכסטע טעג. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געוואַרט מיט אומגעדולד אַף זיי.

מאַמע! — איז ער איינמאָל אַריינגעלאָפן אין קעלער מיט אַ סימכע, — דו ווייסט, איך בין געוואָרן אַ פּיאָנער. ער האָט איר דער-קלערט וואָס דאָס מיינט. ווען ער איז געגאַנגען שלאָפן, האָט ער שטילערהייט געזונגען אַ פּיאָנערן ליד.

איינמאָל האָט זיך די טאַלמוד טוירע געגרייט צו אַן אונטערנע-מונג . גרידימאַן, דער הויפּט-מאַכער, האָט געהייסן דעם טאַלמוד טוירע מעלאַמעד, ער זאָל אָנשרייבן אַ לאַנגן „ספּיטש" פאַר סעמי׳ן. ער האָט געוואוסט, אַז סעמי איז זייער אַ פּייאיקער. ער האָט געוואָלט וויזן דער וועלט, אַז נישט נאָר „האַלט" ער אים אַן אַלמאַנע מיט איר אינגל — גיט זיי עסן, טרינקען און אַ פּלאַץ צו שלאָפן, נאָר אַז אַ דאַנק אים איז דאָס אינגל געוואָרן אַ „לייט".

געקומען דער טאָג פון דער אונטערנעמונג. דער זאַל איז געווען געפּאַקט.

דער ערשטער נומער אַפן פּראָגראַם איז געווען העברייאישע לידער, וועלכע דער אוילעם האָט ניט פאַרשטאַנען; נאָכדעם איז גרידימאַן אַרויפגעקומען אַף דער בינע.

— לײדיס און דזשענטלמען, — האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין גראָבער שטימע, — איך בין ניט קיין „ספּיקער" בין איך ניט. איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז איך האַלט אים אַן אַלמאַנע מיט איר אינגל. דעם אינגל האָב איך אָוועקגעגעבן אַהער אין דער טאַלמוד טוירע. ער וועט איצט האַלטן פאַר אייך אַ „ספּיטש".

אַף מאָרגן אינדערפרי איז געווען פריילעך אין שול. די שילער צוזאַמען מיט׳ן לערער האָבן האַרציק געלאַכט, ווען אַ פּאָר קינדער האָבן דערציילט, וואָס פאַראַ „ספּיטש" סעם האָט געהאַלטן נעכטן ביינאַכט. סעם אַליין איז נאָך אין שול ניט געווען.

ווען ער איז ענדלעך געקומען, זיינען אַלע צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל דערציילן וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

— דער טאַלמוד טוירע מעלאַמעד האָט מיר געגעבן אויסלערנען אַ „ספּיטש". איך גיב אַ קוק, זע איך, אַז ס׳הויבט זיך אָן אַזוי: איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט באַשאַפן רייכע מענטשן, וועלכע האָבן ראַכמאָנעס אַף אַלמאָנעס און יעסוימים. מער האָב איך שוין ניט געוואָלט לייענען און איך האָב באַשלאָסן אַליין עפּעס צו זאָגן. איך האָב איבערגעגעבן די געשיכטע פון מיין פאָטער, פון וואָס ער איז געשטאָרבן און ווער ס׳איז שולדיק אין זיין טויט. איך האָב בעשאָס מייסע אָנגעוויזן אַף גרידימאַנ׳ען. ער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז איך זאָל אַרונטער פון דער בינע. די אַרבעטער, וועלכע

זיינען געווען אין זאַל, האָבן פאַרלאַנגט אַז איך זאָל בלייבן. נו, האָב איך גערעדט. די באַלעבאַטים זיינען געזעסן די קעפּ אַרונטערגעלאָזט און די אַרבעטער האָבן געהאַלטן אין איין אַפּלאָדירן.

— נאָכדעם האָב איך דערציילט, וואָס מע לערנט אין טאַלמוד טוירע און אַפּעלירט צו אַלע אַרבעטער, וועלכע געפינען זיך אין זאַל, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין דער קינדער שול פון אינטער-נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. דאָרטן, האָב איך געזאָגט, לערנט מען דעם עמעס וועגן די אַרבעטער און באַלעבאַטים.

— איך האָב אָפּגעמאַכט מיט די פּיאָנערן פון אונדזער גרופּע, אַז זיי זאָלן זיין אין זאַל און ווען איך וועל אַרויסנעמען אַ טיכל פון קעשענע, זאָלן זיי אַרויפמאַרשירן אַף דער בינע.

— דער עולם איז געוואָרן איבעראַשט ווען די גרופּע האָט אַרויס-גענומען רויטע טיכלעך און אָנגעהויבן זינגען „סאָלידאַריטעט“. ס'איז געוואָרן אַ טומל. די גראָבע בייכער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער בינע, גרידימאַן איז אַוועק רופן די פּאָליציי.

— וואָס-זשע האָט ווייטער פּאַסירט? — האָבן די קינדער ניי-געריק געפרעגט.

— ס'האָט גאָרניט פּאַסירט, — האָט סעם געענטפערט. — מיר האָבן געהייסן אַלעמען זיך אויפשטעלן, געזונגען דעם „אינטערנאַ-ציאָנאַל“ און פאַרלאָזט דעם זאַל. די אַרבעטער האָבן אונדז אַפּלאָדירט.

— איצט, — זאָגט סעם, — וועל איך אייך דערקלערן, פאַרוואָס איך בין היינט געקומען שפּעט: איך האָב געוואוסט אַז גרידימאַן וועט אונדז אַרויסוואַרפן פון דער דירע, בין איך מיט דער מאַמען אויפגעשטאַנען היינט פאַרטאָג און איינגעפּאַקט אונדזערע זאַכן. די מאַמע איז איצט אַוועק זוכן אַ צימער. קומענדיקע וואָך וועט זי זוכן אַרבעט אין אַ פאַבריק. איך וועל מער ניט זיין געצוואונגען צו גיין אין דער פאַרהאַסטער טאַלמוד טוירע. די מאַמע איז איצט מיט מיר אינגאַנצן איינשטימיק.

— פון היינט אָן, — האָט סעמי פאַרענדיקט, — וועל איך קענען גיין יעדן טאָג אין שול.

# מוסי

## פון ר. שעק

ווען מוסי איז געווען אין זיבעטן יאָר סקול, האָט עפּעס פּאַסירט:

די פּיאָנערן האָבן אויסגעטיילט בלעטלעך אין די פאַרשיידענע סקולס, וועגן דעם ערשטן מאַי.

מוסי, און אַן אַנדער פּיאָנער, „סלים“, האָבן גענומען מיט זיך

הונדערט בלעטלעך אויסצוטיילן אין זייער שול. אינדערפרי, פאַרן לערנען, זיינען שוין ביידע געשטאַנען אין פראָסט, לעבן סקול און געגעבן יעדן פאַרבייגייענדיקן קינד אַ בלעטל. די רויטע אויסיעס האָבן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אַף די קינדער. שפּעטער האָבן מוסי און „סלים" די בלעטלעך צעלייגט אין די ליידיקע צימערן פון סקול.

אַ שאָ פאַרן אַהיימגיין, ווען מוסי און „סלים" זיינען געווען פאַר-טיפט אין „אַזיע", אין פערטן פּעריאָד פון געאָגראַפיע, עפנט זיך די טיר און אַ קינד ברענגט אַריין פאַר דער לערערן אַ צעטל. די לערערן שטעלט אַרויף אירע אויגן-גלעזער אַף דער נאָז, איר שטערן ווערט צוזאַמענגעקנייטשט, זי ציט צוזאַמען אירע אויגן און לייענט:

„שיקט גלייך צו אַרטור קרעמסקי און סאַל. גאָלדבערג אין מיין אָפיס. זיי האָבן געטאָן אַ קאָמוניסטישע שטיקל אַרבעט. האַלט אַן אויג אַף זיי.

פּ. ר. מאַרקאָרמיק, פּרינציפּאַל."

די לערערן האָט ביידן אַרונטערגעשיקט. פאַרהיצטע קומען זיי אַריין אין אָפיס און שטעלן זיך אַוועק לעבן פּרינציפּאַל'ס „דעסק".

דער פּרינציפּאַל איז אַ הויכער און גראָבער, מיט אַ קליין, גרוי בערדעלע, און טראָגט זילבערנע ברילן. ער רעדט מיט אַ גראָבער, פולער שטים.

— זייט איר די צוויי קליינע „רויטע", וועלכע פּרוּוון איינ-פלאַנצן באָלשעוויסטישע אידייען אין מיינע קינדער?

— יע, — ענטפערן ביידע.

— איך האָב אָבער גלייך פאַרשטאַנען. זאָגט-זשע מיר איצט, ווער האָט עס אייך געהייסן אויסטיילן די שמוציקע פּאַפּירלעך דאָ אין „סקול"?

מוסי ענטפערט:

— אַנטשולדיקט, מר. מאַקאָרמיק, דאָס פּאַפּירל איז גאָר ניט שמוציק...

דער פּרינציפּאַל שלאָגט אים איבער:

— גענוג, כוצפּעניק „באָלשעוויק"! איר זייט אַלע קליינע דום-קעפּ און פּאָפּוגייען, דאָס אַלץ. כ'וועל שיקן נאָך אייערע עלטערן. דערווייל קענט איר זיך אַמוזירן מיט צוויי קלאַסן נידעריקער. זאָגט מיר נאָר אַפריער, וואָס מיינט אַט-אָ-דאָס:

דער פּרינציפּאַל נעמט אַ ליפלעט אין האַנט און מיטן גראָבן פינגער ציינט ער אַף די ווערטער: „פּיאָנירס, אָלוויז רעדי". (פּיאָ-נערן שטענדיק גרייט).

ביידע אינגלעך ווערן צעטומלט אַף אַ ווײַלע. מוסי ווערט רויט און „סלים" — ווייס. מוסי קומט צו זיך דער ערשטער און ענטפערט:

— דאָס איז אונדזער אידעאַל.

דער פּרינציפּאַל לאַכט איראָניש.

— גלייך ווי איר צוויי ווייסט עפּעס און האָט דעם קלענסטן באַגריף וואָס „אידעאַל“ מיינט.

„סלים“ ענטפערט:

— אַוואַדע ווייסן מיר. אַן אידעאַל איז דאָס, פאַרוואָס אַ מענטש לעבט, פאַר וועלכן ער איז גרייט . . .

— שווייגט שטיל! איר קענט אַריינגיין אין צימער 210 און דאָרטן בלייבן, ביז איר וועט זיך אַרויסקלאַפּן די אידיאָטישע אידייען פון אייערע קעפּ. איר דאַרפט אַהער ברענגען אייערע עלטערן. מיס סמיט, נעמט זיי אַרויף אין צימער 210! . . .

# אונדזער שול

## פון נאָכעם ווייסמאַן

אונדזער שול איז אונדזער מאָרגן,
דורכגעלויכטן מיטן היינט;
וואַקסן זין און טעכטער שטאָלצע
צו באַגעגענען דעם פיינט!
לערנען מיר און גרייטן זיך
מיט אַ פלאַמיקן באַגער;
ס׳וועט אַ רויטער מאָרגן מוזן
קומען, קומען אויך אַהער!

ס׳וועט אַ רויטער מאָרגן קומען —
דוירעס האָבן אים פאַרזייט;
זאָל ער אויך אַ דאָר פון קעמפער
טרעפן דאָ אין ריי געגרייט!

...ס׳איז ניט גרינג דער וועג פון קעמפער!
אייזן פעסט שטייט סוינעס וואַנט!
אויסגעלערנט און געגרייט זיך,
שטאַרקט דעם מויעד און די האַנט!

# העריס טאַטע

## פון יאַנקעוו לייזעראָוויטש

הערי׳ס טאַטע איז אַ צוריקגעשטאַנענער ארבעטער, אַ פרומער. דער טאַטע האָט הערין געשיקט אין כיידער און אים אָפט מיטגענומען אין שול אריין דאַווענען.

האָט זיך אָבער הערי באַקאַנט מיט אַ גרופע פיאָנערן און זיי האָבן אַזוי לאַנג גערעדט איבער אים ביז ער איז געוואָרן אַ פיאָנער.

דער טאַטע פלעגט אָף אים שרייען. די מאַמע האָט זיך געבעטן בא אים ער זאָל זיך ניט כאַווערן מיט די קאָמוניסטן, אָבער הערי איז געבליבן אַ פיאָנער און אַ גוטער פיאָנער. ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן און געטאָן גוטע ארבעט אין זיין טרופ.

שוין אַ יאָר צייט אַז הערי איז אַ פיאָנער.

די ערשטע צייט, ווען הערי פלעגט פארשוואונדן ווערן פון הויז, פונקט דאַן, ווען דער טאַטע האָט אים געוואָלט מיטנעמען אין שול אריין דאַווענען, פלעגן פאַרקומען קריגערייען אין הויז. הערי האָט געטאַינעט, אַז אַן אַרבעטער דאַרף ניט זיין פרום, ווייל רעליגיע איז נאָר גוט פאַר די באָסעס. דער טאַטע פלעגט ווערן אַן אָנגעצונדענער, נאָר דאָ פלעגט די מאַמע מיטן שוואַכן האַרץ זיך אַריינמישן און אַ זאָג טאָן:

— זאָל שוין זיין גענוג, אָט כאַלעש איך באַלד אוועק.

און די מאַמע פלעגט טאַקע זייער אָפט כאַלעשן. זי איז געווען אַן אויסגעמאַטערטע פון יאָרן לאַנג אַרבעטן אין סוועטשעפּער, פון וואוינען אין פינצטערע, ענגע צימערן, איז וואָס עפּעס פלעגט זי ווערן שוואַרץ ווי די ערד און באַלד כאַלעשן.

לעצטנס, ווען העריס טאַטע האָט פאַרלוירן זיין „דזשאַב" און אין הויז האָט אָנגעהויבן אויספעלן אַ שטיקל ברויט, איז העריס אַנזען געוואָרן אַביסל בעסער. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט פונקט אַזוי ווי דער צוועלף יעריקער הערי האָט געזאָגט מיט כאַדאָשים פריער. זיי האָבן זיך איצט דערמאָנט זיינע ווערטער:

— ס׳וועט ווערן ערגער און ערגער. דער פרעזידענט מיט זיין נ. ר. אַ. און אַלע זיינע גליקן מיינט בלויז אָפּצונאַרן די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך ניט בונטעווען.

טאַטע, מאַמע האָבן זיך שוין אַביסל צוגעהערט צו העריס רייד וועגן דעם, ווי די באָסעס באַראַבעווען די אַרבעטער און ווי אַזוי די רעגירונג העלפט די באָסעס, אָבער אַז הערי פלעגט עפּעס זאָגן אַ וואָרט קעגן גאָט, פלעגט דער טאַטע זיך גלייך אָנצינדן:

— מיש נאָר ניט אַריין גאָט! זע נאָר ווער ס׳רעדט, אויך מיר

אַ מענטש! האַלעוואַי וואָלטן אַלע באַלעבאַטים געווען פרומע אידן, וואָלט אונדז, אַרבעטער, אויך געווען בעסער.

— אָ, יע? — שפּרינגט אויף הערי — וואָס זשע איז דער מער מיט אונדזער לענדלאָרד מיסטער ראַזנצווייג? אַזאַ פרומער איד מיט אַ לאַנגער באָרד און רעדט שטענדיק וועגן גאָט און פונדעסטוועגן האַלט ער נאָר אין איין סטראַשען אונדז מיט אַ „דיספּאָזעס״!

— לעצטנס קומט ער גאָר אַריין מיט אַ פּאַנעם פון אַ גאַזלען, — גיט צו די מאַמע מיט אַ דערשלאָגן קאָל — נעכטן האָט ער מיר געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן אים ניט געבן די „רענט״ וועט ער אונדז אַרויס-וואַרפן אין סאַמע יאַמקיפּער.

— נישקאָשע — זאָגט דער טאַטע מיט זיכערקייט — אַ פרומער איד וועט מוירע האָבן פאַר גאָט צו טאָן אַזאַ זאַך.

---

אַ טאָג פאַר ראַשהאַשאָנע, אינדערפרי, האָט זיך אַריינגעלאָזט אַ מאַרשל מיט דריי געזונטע יונגען צו הערין אין הויז אַריין און מ׳האָט אַלץ אַרויסגעטראָגן פון הויז.

די מאַמע איז גלייך געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד און אָוועקגע-כאַלעשט. שכיינים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און אָפּגעראַטעוועט די מאַמען. הערי האָט געוואָלט לויפן רופן דעם „אָנעמפּלאָיד קאָונסיל״, אָבער ער האָט מוירע געהאַט איבערצולאָזן די מאַמען.

ווען דער טאַטע איז אָנגעקומען האָט ער שוין געטראָפן אַלץ אין גאַס. שכיינים האָבן זיך צונויפגעלייגט אביסל געלט און דערוויל האָבן זיי זיך אַריינגעקליבן צו אַ שאָכן אין קעלער.

דעם ערשטן טאָג ראַשהאַשאָנע האָט הערי געהאַט אַ שטיקל קאַמף מיט זיינע עלטערן. דער טאַטע האָט נאָר געוואָלט אַז הערי זאָל גיין מיט אים אין שול אַריין.

— וואָס מיינסטו זיך! — האָט זיך דער טאַטע געבייזערט — היינט איז ראַשהאַשאָנע, אַזאַ הייליקער טאָג — ביזטו אַ איד צו נישט!

— אָבער, טאַטע, — האָט הערי געטאַינעט מיט האַרץ — אַ איד מעג אַרויסוואַרפן אַ אידן אין דרויסן אַרויס ערעוו ראַשהאַשאָנע?

— ס׳הויבט זיך שוין אָן — האָט זיך די מאַמע אַריינגעמישט מיט אַ שוואַך קאָל — הערילע, קינד מיינס, קום מיט אונדז אין שול אַריין. ס׳איז שוין גענוג פינצטער אונדזער וועלט. אוי ס׳איז מיר נישט גוט! — און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן באַם האַרצן.

הערי האָט אַ קוק געטאָן אַף דער מאַמעס פינצטערן פּאָנעם און באַשלאָסן, אַז דאָס מאָל וועט ער גיין אין שול און באַם טרוף מיטינג וועט ער אַלץ דערציילן און מ׳וועט באַשליסן וואָס צו טאָן.

מיט פאַרביסענע ליפּן האָט הערי אַרויסגענומען די לענין-שפּילקע פון לאַץ. ער וועט דאָך ניט מיטנעמען לענינ׳ס בילד אין אַ רעלי-גיעזן פּלאַץ.

פאַרשטייט זיך אַז געדאַוונט האָט הערי ניט. ער האָט געטראַכט וועגן די אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין שול, אַז מ׳וואָלט זיי באַדאַרפט מאַכן פאַר פּיאָנערן. ער האָט איצט שטאַרק דערפילט דעם אונטערשייד צווישן אים און זיי. ס׳האָט אים שוין איצט באַנג געטאָן, וואָס ער האָט נישט מיטגעבראַכט די לענין-שפּילקע.

— איך וואָלט זיי געוויזן די שפּילקע און דערציילט וועגן לענינען — האָט ער געטראַכט.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיש.

אַף דער בימע איז אַרויף אַ איד, איינגעוויקלט אין אַ טאַלעס און אָנגעהויבן דאַרשענען:

„גאָט האָט געזאָגט צו די קינדער פון איסראָעל — —“

— פּאַ, — האָט הערי אַ צי געטאָן דעם טאַטן — זע נאָר ווער דאָס איז.

— דאַכט זיך אונדזער לענדלאָרד — האָט דער טאַטע נישט זיכער אַרויסגערעדט. ער האָט אַ פרעג געטאָן באַם שאָכן, — ווער רעדט עס דאָרט?

— דאָס איז אונדזער נייער ראָוו, רעב יעשאַיע ראָזנצווייג.

הערי האָט אַ קוק געטאָן אַפן טאַטן מיט אַ שמייכל און שטיל געזאָגט:

— דאָס איז ער!

דעם טאַטן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן דעם ראָוום ווערטער:

. . . דערפאַר, מיינע טייערע אידן, דאַרף יעדער איינער פון אונדז איבערטראַכטן זיינע מאַיסעם, צי האָט כאַלילע איינער דעם אַנדערן נישט באַליידיקט, נישט ווייַ געטאָן — — —“

הערים טאַטע האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן פון אָרט. דער גאַנצער פּיין, וואָס האָט זיך באַ אים אָנגעקליבן און געדריקט ווי אַ שווערע מאַסע, האָט אַ פּלאַץ געטאָן. ער האָט מיט אימפּעט אַראָפּגעכאַפּט דעם טאַלעס פון זיינע אַקסלען, און אַ געשריי געטאָן צום ראָוו מיט אַלע זיינע קויכעס:

— גאַט׳ס גאַנעוו! האָסט דאָך מיך נעכטן, ערעוו ראָשהאַשאָנע, אַרויסגעוואָרפן אין גאַס, מיך באַליידיקט פאַר אַלע שכיינים . . . מיך . . . דו, ראָוו דו, גאָטס גאַנעוו . . .

ער האָט מער ניט געקענט רעדן פון אויפרעגונג, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן הערי׳ן און זיך געלאָזט צו דער טיר

הערי איז געגאַנגען לעבן טאַטן און געפילט עפּעס אַזאַ ווארעמע נאָענטקייט צו אים.

ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אַפן טאַטן און שטיל געזאָגט:

— נו, טאַטע, זעסט פאַר וועמען ס׳איז גוט רעליגיע?

הערים טאַטע איז געלאָפן פון דער שול ווי פון אַ פייער.

# הילדע

## פון פעסי באך

הילדע איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס. באַ זיך אין געסל איז געווען שטיל, איז זי אַוועקגעלאָפן צו דער ברייטער עווענױ, זיך געפלאָנטערט צווישן גרויסע מענטשן, זיך געדרייט צווישן מאַשינען, ביז זי איז מיד געוואָרן און גענומען לויפן אין סקול — סיי־ווי געוואוסט, אַז זי וועט זיין שפעט, אַז די לערערן וועט אַף איר שרייען, שלאָגן מיט אַ „רולער״ איבערן האַנט און די קינדער אין קלאַס וועלן לאַכן.

אין סקול־הויף, אין די קאָרידאָרן, איז שוין געווען שטיל. הילדע איז אַ וויילע געשטאַנען הינטערן טיר פון איר קלאַס, פאַוואָלינקע געעפנט, אַריינגערוקט איר געקרייזלט קעפל, אויסצושמעקן אַף וויפיל ס׳איז געפערלעך.

די קינדער פון די ערשטע בענקלעך, אַזוינע שטילינקע, מיט פאַרלייגטע הענטלעך אַף הינטן, האָבן באַמערקט הילדע׳ס קעפל. רויטע צינגלעך האָבן זיך באַוויזן. הילדע׳ס אויגן האָבן אויפגעבליצט. מיט פאַרביילטע פויסטלעך האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די בענקלעך.

טעג נאָך דעם האָבן הילדע׳ן ווי געטאָן די הענטלעך. די שפיץ־פינגער זיינען איר געווען בלוי און געשוואָלן. ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט זי געוויינט פאַר ווייטיק. אין אַן אָוונט, ווען איר מאַמע האָט געפרעסט פרעמדע וועש, און איר קליין שוועסטערל מאַרדזשי, איז געזעסן אַפן קאַלטן דיל, געוויינט — זי וויל עסן, האָט הילדע זיך צוגערוקט נאָענט צו איר און איר געוויזן די פאַרלאָפענע פינגערלעך:

— זע, מאַרדזשי, זע, ווי מ׳האָט מיר ווי געטאָן . . . שוין דריי טעג ווי ס׳ברענט . . . הערסט, מאַרדזשי, זאָלסט קיינמאָל נישט גיין אין סקול, די לערערן וועט דיך שלאָגן . . .

מאַרדזשי האָט אויפגעהערט צו וויינען. אַ דערשראָקענע געקוקט אַף הילדע׳ס הענט:

— הילדע, ס׳טוט דיר ווי? ווייז דער מאַמען.

הילדע האָט זיך דערשראָקן. ווי ווייזט מען דאָס דער מאַמע׳ן, אַז זי אַליין שלאָגט איר? אַז זי איז אַלעמאָל פאַרוויינט און אין קאַס?

אין אַ פרימאָרגן, ווען די קינדער זיינען שוין געווען צעזעצט אַף די בענקלעך, געוואַרט אַף זייער לערערן, איז דער פרינציפאַל אַריין. זי האָט אַ וויילע באַטראַכט די קינדער און אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן האָבן אַ נייע לערערן, ווייל די אַלטע איז קראַנק געוואָרן — די קינדער זאָלן פאָלגן און זיך האַלטן גוט. באַלד איז אַריין די נייע לערערן. די קינדער האָבן זי נייגעריק באַטראַכט. זי האָט עפעס מאָדנע געשמייכלט און זיי האָבן גלייך גענומען שרעקן זיך פאַר איר. זי האָט נישט געשריִען און נישט געקלאַפט אין טיש, נאָר געשמייכלט. זי

האָט זי אָנגעזאָגט, אַז מ׳רופט איר מים פילד און אַז זי דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר איר. אַף הילדע׳ן האָט זי געקוקט פאַרוואונדערט, געטראַכט, אַז זי איז אַנדערש, ווי אַנדערע נעגער-קינדער פון קלאַס; דאָס פּענימל קליין, דאַר, אויגן גרויסע, ווילדע, אומרואיקע. די לערערן האָט געקוקט אַף איר, אויסגעזוכט איר נאָמען און אַ שמייכל געטאָן:

— הער נאַר, הילדע, ווילסט נישט פּרובירן אַ שמייכל טאָן?

הילדע האָט אַ דערשראָקענע אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. צוערשט נישט געוואָלט ענטפערן. צום סאָף האָט זי האַרט געזאָגט:

— ניין.

מים פילד איז נישט ברויגעז געוואָרן.

— פאַרוואָס?

הילדע איז נישט געוואוינט געווען צו רעדן אַסאַך, איבערהויפּט מיט אַ לערערן, האָט זי, ווי מיט אַ פרעמדער שטימע געענטפערט:

— ווייל איך ווייס, אַז דו גלייכסט מיר נישט, ווייל כ׳בין אַ נעגער...

מים פילד האָט מער הילדע׳ן נישט געטשעפּעט.

מיטיק-צייט, ווען די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, איז הילדע געבליבן זיצן וואַרטן אַף אַ שטראַף. נאָר מים פילד האָט זיך לעבן איר גע-זעצט, איר איבער די הערעלעך אַ גלעט געטאָן:

— דו ביסט אַ קלוג מיידל, הילדע, פאַרוואָס מיינסטו אַז איך האָב דיך פיינט?

הילדע האָט פאַרלעגן געדרייט איר ברעג קליידל. פּלוצלונג האָט זי אַ קוק געטאָן מים פילד׳ן גלייך אין די אויגן:

—איך בין אַ נעגער-קינד, דערפאַר האָבן מיך אַלע לערערנס פיינט...

מים פילד האָט געשמייכלט;

— אָבער איך האָב דיך נישט פיינט.

הילדע האָט זיך עפּעס געשעמט. ס׳איז איר געווען מאָדנע. זי האָט געקוקט אין אַ זייט, ווען זי האָט געענטפערט:

— אַ ל ע האָבן מיך פיינט. די קינדער פון קלאַס אויך. מיין מאַמע זאָגט, כ׳בין שלעכט. זי שרייט שטענדיק אַף מיר. שלאָגט. מיין טאַטע שרייט אויך . . .

מים פילד האָט גענומען איר הענטל:

— ווייסטו פאַרוואָס? מיסטאָמע אַרבעט נישט דיין טאַטע. איר האָט נישט געניגוג צו עסן, איז דיין מאַמען שלעכט און שווער — שרייט זי. און דו ווייסט, הילדע, כ׳גלויב, אַז אַלע קינדער אין דעם קלאַס זיינען שטענדיק הונגעריק, פאַרפראָרן, מיסטאָמע אַרבעטן זייערע טאַטעס אויך נישט.

הילדע האָט פאַרטראַכט געקוקט אַפן שוואַרצן ברעט קעגנאיבער. אירע אויגן זיינען געוואָרן רואיקער. די בייז-פאַרביסענע ליפלעך האָבן זיך אַביסל געעפנט. ס׳איז איר געווען זייער גוט צו הערן אַזוינע רייד. ביז אַהער האָט מען שטענדיק געשריען, איצט רעדט אַ ווייסע

לערערן צו איר אַזוי פריינטלעך, פונקט ווי אַמאָל האָט צו איר איר מאַמע גערעדט ווען זי, הילדע, איז קראַנק געווען. פלוצלונג האָט זי זיך עפּעס דערמאָנט:

— אָבער די לערערנס רופן נישט די אַנדערע קינדער ניגער. שטענדיק טשעפּען זיי זיך נאָר צו מיר.

מיס פילד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, דאָס איז עמעס. זיי ווייסן נישט אַנדערש, אָבער איך, און ס׳זיינען דאָ נאָך אַסאַך אַזוינע, וואָס גלויבן ווי איך, האָבן דיך פּונקט אַזוי ליב ווי אַ ווייס קינד. גלויבסטו דאָס מיר, הילדע?

הילדע האָט אַ לאַך געטאָן. די אויגעלעך האָבן איר געפינקלט. זי האָט זיך שוין מער נישט געשעמט פאַר מיס פילד׳ן, ווען זי האָט געענטפערט:

— מיין מאַמע זאָגט, אַז אַ ווייסן דאַרף מען נישט גלויבן, זיי האָבן אונדז פיינט און נאַרן אָפּ. אָבער דיר גלויב איך. אַנישט וואָלסטו עס נישט געזאָגט.

מיס פילד האָט צופרידן איר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל:

— דיין קעפּל אַרבעט, הילדע, וועסט זיין אַלרייט. איצט לויף אַהיים עסן.

הילדע האָט אַ לאַך געטאָן:

— גאָר, באַטאָג עסן מיר נישט. כ׳האָב געהאַט אינדערפרי ברויט . . .

מיס פילד׳ן איז קאַלט געוואָרן:

— שוין לאַנג, ווי דו עסט נישט באַטאָג?

הילדע האָט צעפירט די הענטלעך:

— אָ, שוין לאַנג. אַז די מאַמע האָט נאָך געאַרבעט אַ פּאָר טעג אַ וואָך, פלעגט זי מיר געבן צוויי סענט צו קויפן זיך עפּעס. איצט האָט זי נישט. נישט אַלעמאָל האָבן מיר אַפילו אין אָוונט וואָס צו עסן.

זי האָט זיך פאַרענטפערט:

— ס׳איז גאָרנישט. אַסאַך קינדער פון אונדזער קלאַס גייען נישט אַהיים עסן. זיי לויפן אַרום די האַלבע שאָ אין גאַס! . . .

קאַלטע ווינטן האָבן זיך געטראָגן דורך דער אָרעמער, פינצטערער גאַס, געקראַכן דורך די שפּאַלטן פון טיר און פענצטער, און קעלער-צימער אַריין; געשלאָגן דאָס גאַז-פלעמל וואָס האָט באַלויכטן דעם צימער. הילדע האָט געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן; ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט-אָט לעשט זיך אויס דאָס פלעמל און זי מיט די קינדער וועלן בלייבן אינדערפינצטער. די קינדער זיינען געזעסן צוזאַמענגעטוליעט אין בעט. הילדע איז געלאָפן יעדע מינוט קוקן אין פענצטער, עפּשער וועט זי טאַטע-מאַמע דערזען. דער מאַמען האָט הילדע היינט נישט געזען. זי איז אַוועק פון הויז, ווען די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן. טאַם האָט אָנגעזאָגט הילדע׳ן צו קומען גלייך פון סקול אַהיים. זי וועט דאַרפן זיין מיט די קינדער, וויל ער גייט

אויך אוועק. זי האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו אַן איטאַ-ליעניש שאָכן: כ׳וועל אַרויס בעטלען איבער די גאַסן. די קינדער וועלן שוין לאַנג נישט קאָנען אויסהאַלטן. און דער שאָכן האָט געענטפערט:

— נישטאָ באַ וועמען צו בעטלען אין אונדזערע גאַסן. קיינער האָט פאַר זיך נישט...

פון באַטאָג אָן האָבן די קינדער געוויינט, געבעטן עסן און זיך געטרייסלט פון קעלט.

הילדען האָט געוואָרגן אין האַלדז. איר האָט זיך געוואָלט שטאַרק וויינען. נאָר זי האָט געוואוסט, אַז זי טאָר עס נישט טאָן, האָט זי געשריען אַף זיי, ווי אַ מאַמע:

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואו זאָל איך נעמען עסן? דער קרעמער טרייבט מיך אַרויס... טאָ וואָס זאָל איך טאָן?

זי האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט און אַ דערפרייטע געזאָגט: איר הערט? די קינדער, די שפּאַניער, וויינען אויך. זיי ווילן אויך עסן... הערט זיך צו...

די קינדער זיינען אַף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן און זיך צוגעהערט. הילדע האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אָן דער קאַלטער, שוואַרצער שויב, געקוקט אין דער פינצטערער גאַס אַריין. וואו קאָנען איצט זיין איר טאַטע-מאַמע? ס׳מוז שוין געוויס זיין זייער שפּעט. עפּשער וועלן זיי שוין אינגאַנצן נישט קומען? איבערלאָזן זיי אָט אַזוי אין הונגער און קעלט און אַליין וועלן זיי נישט קומען!... הילדע האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן צו די קינדער אין בעט, דערנאָך אָנגע-שטרענגט געקוקט דורכן פענצטער. זי האָט פּלוצלונג אַ טראַכט געטאָן:

— וואָס טוען איצט די קינדער דאָרט אַף דער רייכער 74סטער גאַס, וואו איר מאַמע פלעגט אַרבעטן איין מאָל אַ וואָך? דאָרט מוז איצט זיין ליכטיק. דער ווינט מוז דאָרטן זיין אַ שטילער, אַ וואַרעמער. די קינדער מוזן זיין פריילעך...

הילדע׳ס קעפּל שווינדלט פון וועלן עסן. זי הערט, אַז די קינדער אין בעט וויינען שוין ווידער. זי פאַרמאַכט די אויגלעך, טראַכט, ווי זי האָט דערציילט איר לערערן, מיס פילד, וועגן דעם, ווי זי האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די ווייסע, רייכע קינדער ווען זיי האָבן געלאַכט פון איר. און מיס פילד האָט דאַן אַ שמייכל געטאָן. לאַנג געקוקט אַף איר און געזאָגט:

— כ׳גלויב, אַז דו וועסט אויסוואַקסן, הילדע, וועסטו זיין אַ קעמפערן: וועסט זיך אָננעמען פאַר אַלע אָרעמע, פאַר אַלע, וואָס ווערן באַליידיקט, וועסט עפּשער נאָך זיין אַ פירערן באַ די נעגערס! געדענק עס, הילדע.

הילדע האָט געשמייכלט, כאָטש זי האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען וואָס מיס פילד מיינט, אָבער געפילט, אַז זי דערוואַרט פון איר עפּעס, וואָס איז גוט. זי האָט אַרויפגעקוקט צו איר און געפרעגט:

— ווי אַזוי וועל איך עס ווערן?

מים פילד האָט זיך דאַן צוגעבויגן צו איר גאָר נאָענט, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און שטיל געזאָגט:

— איך וועל דיר העלפן, הילדע. כ'האָב אַנאַנדער קלאַס, וואו כ'לערן אַרבעטער-קינדער ווי אַזוי צו קעמפן פאַר זייער רעכט. כ'לערן זיי צו פאַרשטיין פאַרוואָס מ'דערגייט די נעגערס אַזויפיל די יאָרן, פאַרוואָס ס'זיינען דאָ רייכע און אָרעמע. פאַרשטייסט? אָבער, הילדע, געדענק, זאָלסט קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם — אַנישט וועט מען מיר הייסן גיין פון דער סקול. געדענק, איך וועל נאָך רעדן מיט דיר. וועסטו קומען צו יענעם קלאַס אויך?

הילדע'ס פּנים שיינט אויף. מאָרגן וועט זי גיין אין מיס פילד'ס אַנדערן קלאַס — זי וועט זיין דאָס, וואָס מיס פילד זאָגט אַלעמאָל.

הילדע פאַרגעסט דעם הונגער און דרימלט איין.

# דער אַרבעטער אָרדן

## פון בעצאַלעל פרידמאַן

ניט — „טשערמאַן און פריינדע", נאָר — כאַווערטע, כאַווער!
ניט אַפּהענטיק, מוטלאָז, — נאָר יאַטיש און זשוואַווע!

און מיטינגען — הייסע מיט פּונקטן — אַ פרייד:
דורך יעדער טאָג־אָרדענונג קלאַסן־קאַמף גייט!..

אַ סטרייק אויסגעבראָכן? שטאַרק אָרדן די הענט,
וואָס שמידן די פּיקעט־ליין אַרום באָסישע ווענט!

גייט אָן אַ קאַמף פאַר פאַרזיכערונג־פאָנד, —
איז אַרבעטער־אָרדן דער ערשטער אין פראָנט!

איז כאַווער מיט כאַווער, ווי הענט פון איין מענטש...
די זאָרג פון איין כאַווער ווערט — זאָרג פון דעם ברענטש...

ס'באַגלייט יעדן מיטינג אַ לעקציע, אַ שמועס,
וואָס ברענגט קאַמפּן־אויסזיכט, ווי האַרציקסטן גרוס...

און אַרבעטער־שולן פאַרשפּרייט שוין אַסאַך,
ווייל אַרבעטער־אָרדן שטייט אַף דער וואַך!..

מאַרקס האָט געזאָגט: די פּראָלעטן — איין גוף!
און אַרבעטער־אָרדן פאָלגט אויס אָט דעם רוף!

יעדער ברענטש פון דעם אָרדן איז אַ קאַמף־קאָלעקטיוו!
יעדער ברענטש פון דעם אָרדן איז אַ שלאָגלער־אַקטיוו!

# דער פּרינציפּאַל האָט זיך אונטערגעגעבן

פון מוישע שיפרים

עס איז געווען אַ רעגנדיקער האַרבסט-טאָג. די נאַסע קעלט האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער, און מענטשן האָבן זיך שנעל געיאָגט איבער די גאַסן.

אין דער אַרבעטער קינדער שול, צווישן פּייכטע ווענט, באַלעבט מיט בילדער פון רעוואָלוציאָנערע העלדן און וואַנט-צייטונג מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, זיינען געזעסן די קינדער און זיך צוגע-הערט צום לייענען.

דער לערער איז געשטאַנען לעבן זיין טישל און זיך צוגעהערט.

אינמיטן לייענען איז אַריינגעקומען די עלף-יאָריקע סאָרע, זיך שטיל אַוועקגעזעצט אַפן בענקל און אַריינגעטאָן דעם קאָפּ אין בוך. זי האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט.

דער לערער האָט ניט געוואָלט איבעררייסן דאָס לייענען. ער האָט געקוקט צו סאָרען און באַשלאָסן גלייך נאָכן לייענען איר פרעגן פאַרוואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט.

קוקנדיק אַף סאָרען, האָט ער באַמערקט, אַז זי טראָגט ניט קיין קאַלאָשן און די שיכלעך זיינען אַזעלכע קליינע. די זאָקן בײַ די קנעכ-לעך זיינען נאַס און זי בייגט זיך אַלעמאָל איין און רייבט די פיס.

נאָכ׳ן לייענען איז דער לערער צוגעגאַנגען צו סאָרען.

— פאַר וואָס אַזוי שפּעט?

— מיינע שיך זיינען צעריסן, האָט מיך די מאַמע ניט געלאָזט גיין אין שול אַריין.

— האָסטו זיך געווענדט צום פּרינציפּאַל פון פּאַבליק סקול נאָך שיך?

— יאָ, — האָט סאָרע געענטפערט טרויעריק — די מאַמע איז געגאַנגען מיט מיר צום פּרינציפּאַל און דערציילט, אַז דער טאַטע אַרבעט שוין ניט דאָס צווייטע יאָר, און ער קען מיר ניט קויפן קיין שיך, אָבער דער פּרינציפּאַל האָט געענטפערט, אַז ער קען גאָר ניט טאָן.

די קינדער האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום געשפּרעך און באַלד זיינען אַ פּאָר קינדער אויפגעשפּרונגען און געוויזן זייערע שיך:

— זעט, כאַווער לערער, מיר האָבן אויך געבעטן שיך און ניט געקראָגן.

דער לערער האָט זיך פאַרטראַכט און מיט זיכערקייט געזאָגט:

— קינדער, איר וועט אַלע קריגן שיך.

די קינדער האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

ווי אַזוי?

— יאָ קינדער, — האָט דער לערער פאַרגעזעצט — איר וועט קריגן שיך. מיר דאַרפן זיך אָרגאַניזירן. קומט מאָרגן צוזאַמען מיט די קינדער פון די אַנדערע קלאַסן צום קינדער ברענטש באַם אינטער-נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. מיר וועלן צוזאַמען אָפּהאַלטן אַ מיטינג און באַשטימען וואָס צו טאָן.

אַף מאָרגן אָוונט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע קינדער, און באַם מיטינג פון קינדער ברענטש האָט מען אויפגענומען די פראַגע, ווי אַזוי צו קריגן שיך פאַר די קינדער.

דער לערער האָט גענומען אויספרעגן די קינדער און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קינדער קריגן ניט קיין קליידער און ניט קיין שיך אין סקול.

נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דע-לעגאַציע פון קינדער און עלטערן צום פּרינציפּאַל און פאָדערן: פרייע שפּייז, שיך און קליידער.

— און אויב דער פּרינציפּאַל וועט ניט נאָכגעבן? — האָט גע-פרעגט הערי, אַ צוועלף-יעריק יאַטל מיט שוואַרצע, לעבעדיקע אויגן.

— מיר דאַרפן אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פון אַרבעט — האָט לייע פאַרגעלייגט.

עס האָבן גענומען פליען פלענער פון אַלע זייטן. צום סאָף איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אויב דער פּרינציפּאַל וועט ניט נאָכגעבן, זאָל מען דורכפירן די פאָלגנדיקע פלענער:

1. דורכצופירן אַ גאַסן-מיטינג לעבן דער סקול.
2. נעמען די אַדרעסן און באַזוכן אַלע קינדער, וועלכע נויטיקן זיך אין שפּייז און קליידער.
3. אַרויסלאָזן אַ ליפלעט.
4. מאָביליזירן די קינדער און עלטערן און פּיקעטן די סקול.

גלייך אַף מאָרגן איז די דעלעגאַציע אַוועק צום פּרינציפּאַל.

דער פרינציפּאַל אַן אויסגעפּוצטער, אַ צופרידענער האָט פאַר־גלאָצט די אויגן צום הימל, געדעדט אַזעלכע פיינע זיסע רייד:

— עס טוט מיר ווי דאָס הארץ פאַר די אָרעמע קינדער, אַוואדע דאַרף אַזוי ניט זיין, אָבער וואָס קען איך טאָן? עס איז אַ קריזיס אין לאַנד, „דעפּרעשאָן" מיינע טייערע. מיר מוזן אַלע ליידן און געדולדיק וואַרטן ביז מיר וועלן איבערקומען דעם קריזיס. אונדזער באַליבטער פּרעזידענט — — —

הערי האָט מער ניט געקענט פאַרטראָגן די ליגנערישע זיסע רייד. ער האָט זיך געגעבן אַ רייס אַרויס פאַרויס — מיר וועלן פּיקעטן די סקול!

דער פרינציפּאַל האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן זיין גאַנצע זיסקייט. זיין פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט ווי פון אַ ציין־ווייטיק. ער האָט גענומען שרייען און קלאַפּן אין טיש:

— טראָבל מאַכער זייט איר. רויטע, אַרויס פון דאַנען, איך רוף גלייך פּאָליציי. טראָגט זיך אָפּ.

— מיר וועלן קומען אין מאַסן, — האָט דער לערער געזאָגט, איר זייט נאָך מיט אונדז ניט פאַרטיק.

מיטאָג צייט, ווען די קינדער זיינען אַרויס אין הויף עסן זייערע טרוקענע אָנבייסנס, איז הערי געשטאַנען אויף אַ קעסטל און זיין קאָל האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון אַלע קינדער:

— אַרבעטער קינדער, אויב איר ווילט עסן, שיך און קליידער, דאַרפט איר קעמפן. דער פרינציפּאַל זאָגט, אַז מיר אַלע ליידן גלייך פון קריזיס אָבער דאָס איז ניט עמעס. ער ליידט גאָר ניט פון קריזיס, מיר, די אַרבעטער קינדער און אונדזערע טאַטעס און מאַמעס ליידן פון קריזיס.

דער פרינציפּאַל איז אַרויסגעקומען. איינִיקע קינדער, וועלכע זיינען געשטאַנען לעבן אים האָבן אָנגעהויבן אויספייפן הערי'ן. זיי האָבן געשריען:

— רעדס! רעדס! באָלשעוויקס!

— גאָ טו ראַשיע!

איינִיקע קינדער וועלכע האָבן בעסער פאַרשטאַנען האָבן זיך דערנעענטערט צו הערי'ן און אים אַרומגערינגלט.

— הי איז רייט!

— ער ווייסט וואָס ער רעדט!

— מיין טאַטע אַרבעט שוין ניט אַזוי לאַנג, איך גיי אַפילו ניט אַהיים עסן, איך נעם מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט.

— איט'ס נאָט פעיר!

— הערי איז אָלרייט, הי איז עי פייטער!

הערי האָט אויסגעשריען מיט אַלע זיינע קויכעס:

— אין אַנדערע סקולס קריגן די קינדער שפּייז און קליידער.

לאמיר קעמפן און מיר וועלן אויך קריגן. ווער שליסט זיך אָן אין דער פּיקעט ליין?

עטלעכע צענדליק קינדער האָבן פאָרמירט אַ ריי. זיי האָבן גענומען מאַרשירן און שרייען:

— ווי וואָנט פרי לאַנטשעס!

— ווי וואָנט פרי קלאָדינג!

די קינדער לעבן פרינציפּאַל האָבן געפּייפט און געבוקעט.

דער פּרינציפּאַל איז אַן אויפגערעגטער אַריין אין אָפיס. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן פּאָליציי. מען האָט אָנגעהויבן טרייבן און שטויסן די קינדער.

הערי האָט זיך געריסן פון די שטאַרקע לאַפּעס פון אַ פּאָליציימאַן און געשריען:

— איר זעט, קינדער, ס'אַרא פריי לאַנד, ווען מיר ווילן עסן, שיקט מען אָף אונדז פּאָליציי.

אין אָוונט האָבן די שול קינדער מיטן ברענטש אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג.

אינדערפרי ווען די קינדער זיינען געקומען אין סקול אַריין, איז דער טראָטואַר געווען פאַרשריבן מיט רויטער פאַרב:

„קעמפט פאַר פרייער שפּייז און קליידער.“

די קאָרידאָרן און דער סקול בולעטין זיינען געווען באַקלעפּט מיט ליפלעטס. און ווען די קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אָף די בענקלעך האָבן זיי געפונען רויטע ליפלעטס מיט גרויסע, שרייענדיקע ווערטער:

„קעמפט פאַר פרייער שפּייז און קליידער.“

אין די קלאַסן זיינען שוין די קינדער געווען צוגעגרייט. די לערערן האָט אויסגערופן די נעמען פון די קינדער און געהייסן עפענען די ביכער. קינדער זיינען געזעסן שטיל און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— איצט לייענען מיר — האָט די לערערן געזאָגט.

מיטאַמאָל האָט זיך איין ריי אויפגעשטעלט און אין כאָר אויסגעשריען:

— ווי וואָנט פרי לאָנטשעס!

די ריי האָט זיך אַוועקגעזעצט און די צווייטע האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשריען אין כאָר:

— ווי וואָנט פרי קלאָדינג!

באַלד די דריטע און די פערטע, ביז דער גאַנצער קלאַס האָט אין איין גרויסן כאָר ריטמיש געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— ווי וואָנט פרי לאָנטש!

— ווי וואָנט פרי קלאָדינג!

דער פרינציפּאַל איז געקומען צולויפן, אָבער דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעכאַזערט אין אַסאַך קלאַסן.

דער פרינציפּאַל איז אַן אויפגעקאָכטער מיט פאַרלאָפענע אויגן אַריין אין הערי'ס קלאַס, אים אָנגעכאַפּט און גענומען שלעפּן צו זיך

אין אַפּים אַריין. אַלע קינדער האָבן זיך אַ הויב געטאָן און געגומען מיטגיין.

ער איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די רויטע האָבן צעדרייט די גאַנצע סקול. הונדערטער קינדער זיינען מיט זיי. ס׳וועט נאָך אויסברעכן אַ סטרייק, זיי וועלן פּיקעטן די סקול, אַלע צייטונגען וועלן שרייבן וועגן דעם. וואָס טוט מען?

ער איז שנעל אַרונטער צו זיך אין אָפּיס, אומגעלאָפן ווי אַ מעשוגענער אהין און צוריק און ניט געקענט באַשליסן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגומען טראַכטן. פון די קלאַס-צימערן האָט זיך געטראָגן אַ געשריי, וואָס האָט אים געלעכערט די אויערן...

דער פּרינציפּאַל האָט געשיקט רופן די לערער.

באַלד האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע קלאַס-צימערן די נייעס, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען אויסטיילן שיך און קליידער, און אַז יעדן טאָג וועלן די קינדער קריגן הייסע אָנבייסנס.

---

די קינדער פון שול מיטן קינדער ברענטש האָבן געפייערט דעם זיג מיט אַ סימכע. אַסאַך קינדער פון סקול זיינען געקומען און זיך אָנגעשלאָסן אין דער שול און אין ברענטש.

# יאָסיף וו. סטאַלין

סטאַלין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1879 אין אַ גרוזינישער אַרבעטער-פאַמיליע (דער פאָטער — אַ שוסטער, די מוטער — אַ נייטאָרן).

די עלטערן גיבן אים אָפּ לערנען זיך אין אַ גאַלאַכישער סעמי-

נאַריע. דער יונגער סטאַלין פאַרנעמט זיך אָבער נישט מיט דעם, וואָס עם פּאַסט פאַר אַ צוקונפטיקן גאַלעך. ער שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון רעוואָלוציאָנערע יוגנט-קרייזלעך. אין יאָר 1898 ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער גאַלאָכים-שול. דעמאָלט טרעט ער אַריין אין דער טיפליסער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער (אַזוי האָט דעמאָלט געהייסן אונדזער פאַרטיי) אָרגאַניזאַציע, און פון יענער צייט אָן ווערט רעוואָלוציאָנערע אַרבעט זיין פּראָפעסיע.

יאָסיף סטאַלין איז געווען לענינ׳ס בעסטער מיטקעמפער. צוזאַמען מיט לענינ׳ען האָט ער געשאַפן די אַרבעטער-פאַרטיי באָלשעוויקעס. צוזאַמען מיט אים האָט ער געקעמפט קעגן די, וואָס האָבן געוואָלט פירן די אַרבעטער אַף אַ ניט ריכטיקן וועג.

די צאַרישע רעגירונג האָט באַזונדערס פאַרפאָלגט סטאַלינ׳ען. אין יאָר 1902 האָט מען סטאַלינ׳ען אַרעסטירט און איינגעזעצט אין באַטומער טורמע. דאָרט איז ער אָפּגעזעסן ביזן סאָף יאָר 1903, און נאָכדעם האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר.

אָבער שוין אין אַ כוידעש אַרום נאָכן אָנקומען אַפן אָרט פון דער פאַרשיקונג איז סטאַלין אַנטלאָפן פון דאָרט און האָט זיך ווידער גענומען צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

פאַר דער צייט פון 1904 ביז 1913 איז סטאַלין דריי מאָל געווען אַרעסטירט דורך דער צאַרישער פּאָליציי און פאַרשיקט. אָבער אַלע מאָל פלעגט סטאַלין אַנטלויפן פון דער פאַרשיקונג און האָט אומדערמידלעך ווייטער געפירט אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אין יאָר 1913 האָבן די צאַרישע באַאַמטע, וואָס זיינען אַזש מעשוגע געוואָרן פון סטאַלינ׳ס אַנטלויפן, אים פאַרשיקט אין אַ פאַרוואָרפן דערפעלע אין טוכאַנער געגנט. אַ האַלב יאָר האָט זיך דאָרטן געצויגן די נאַכט. צוויי הייזלעך שטייען, פאַרשאָטן מיט שניי, אַף הונדערטער מייל אַרום — ניטאָ קיין אייזנבאַן. בלויז צוויי מאָל אין יאָר קומט אָן אַהער אַ דאַמפער. אָט אין אַזוינע באַדינגונגען האָט סטאַלין געלעבט ביז דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917.

דאָס גאַנצע לעבן סטאַלינ׳ס איז אַ קאַמף פאַר דער זאַך פון די אַרבעטער און פויערים.

סטאַלין זעצט פאָר די זאַך פון לענינ׳ען. ער איז דער פירער פון אונדזער לענינישער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פונעם גאַנצן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

# פראַגן

1. אין דער טאַלמעד טוירע לערנט מען די קינדער, אַז „אָרעם און רייך זיינען גלייך". וואָס לערנט מען אין אונדזער שול?

2. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן די טאַלמעד-טוירעס, אַרבעטער רינג, שאָלעם אַלייכעם און נאַציאָנאַלע אַרבעטער פאַרבאַנד שולן?

3. פאַרוואָס זיינען די רייכע פאַרינטערעסירט, אַז די אַרבעטער קינדער זאָלן גיין אין טאַלמעד טוירע?

4. זיינען אַלע פּאָבליק-סקול לערער שלעכט צו אַרבעטער און נעגער קינדער?

5. דאַרפן זיך אונדזערע קינדער האַלטן פרעמד פון די אַנדערע קינדער?

6. פאַרוואָס איז רעליגיע שעדלעך פאַר די אַרבעטער?

7. פאַרוואָס איז רעליגיע גוט פאַר די רייכע?

8. פאַרוואָס לייענט מען די ביבל אין די סקולס?

9. פאַרוואָס איז נויטיק דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן?

10. פאַרוואָס איז סטאַלין דער פירער פון די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט?

# וואַלן אין אַמעריקע

## פון ס. ארניץ

(זיכרוינעס פון אַ טעמעני ריכטער)

די וואַל קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס מאָל האָבן די רויטע אַרויסגעשטעלט זייערע אייגענע קאַנדידאַטן. אַכוץ דער געטאָ אַבער, וואו מען האָט זיי געלאָזט פריי רעדן, זיינען זייערע רעדנער פון אַסאַך אַנדערע ערטער פאַרטריבן געוואָרן. איך מיט מאַקסן האָבן געזוכט זיך אָנצושליסן אָן אַ פּאַרטיי וואו מען קען אָפּלעקן אַ ביינדל. פאַר אונדז איז געווען קלאָר, אַז „טעמעני האָל" רעגירט מיט דער שטאָט, האָבן מיר באַשלאָסן צו ווערן דעמאָקראַטן. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן קלוב „ביג דזשים האַלאָראַן".

אין „ביג-דזשים" קלוב האָב איך געהאַלטן מיין ערשטע רעדע. איך האָב געלויבט אין הימל אַריין די פילאַנטראָפּישע מייסים פונעם „ביג-באָס", וועלכן איך האָב פאָרגעשטעלט פאַר אַן עמעסן פריינט פון פאָלק. זיינע וואוילטאַטן זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אין מעשעך פונעם ווינטער פאַרטיילט אַ פּאָר טויזנט שיך און זומער האָט ער געמאַכט אַ פרייען פּיקניק פאַר פרויען און קינדער.

„ביג-דזשים" האָט מיר געהייסן זיך נעמען צו דער איסט-סאַיד. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָט פאַרויסגעזען, אַז די רויטע וועלן באַקומען אַסאַך שטימען צווישן די אידן. ער האָט אויך מוירע געהאַט, אַז דאָס הייסע בלוט פון די איטאַליענער וועט זיי וואַרפן אין די אָרעמס פון די רויטע. „ביג-דזשים" איז געווען כיטרע.

איך האָב אָרגאַניזירט אַ גענג פון יונגע רעדנער. מיר האָבן פּראָפּאַגאַנדירט, אַז די דעמאָקראַטן זיינען די פּאַרטיי פונעם פּאַשעטן מענטשן, און די רעפּובליקאַנער — פון די אַריסטאָקראַטן. מיר האָבן געשאָטן מוירעדיקע ליגנס אויף די רויטע. מיר האָבן אויף זיי אויס-געטראַכט אַלערליי פאַרברעכנס. מיר האָבן אויפגעריסן זייערע פאַרזאַמלונגען און האָבן שוין אין איין גאַנג אויך געוואָרפן פאַרפוילטע אייער אויף רעפּובליקאַנישע מיטינגען. די פּאָליציי איז געווען אויף אונדזער זייט. איך האָב אָנגעשטעלט בולקינען מיט זיין גענג מיט-צוהעלפן אין דער אַרבעט.

דעם טאָג פאַר די וואַלן האָבן די דיסטריקט קעפּטנס באַקומען אַ פּאַק געלט, מיט וועלכן זיי האָבן געדאַרפט קויפן שטימען אינעם וואַל-טאָג. דער פּרייז פאַר אַ שטים איז געווען 2 דאָלאַר און באַלאָנים צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר זיינען געווען גענוג. אַז איך האָב דערזען די פּעק געלט, האָב איך געזאָגט „ביג דזשימען", אַז איך האָב אַ „גענג" וואָס אַרבעט פאַר מיר און איז גרייט אויסצופירן אַלע מיינע באַפעלן. „ביג דזשים" האָט געהייסן זיין לייטענאַנט „רעד מייק",

ער זאָל מיר געבן אַרבעט. „רעד מייק“ האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט פאַרשיידענע קעפּטנס און האָט מיר געגעבן אַ צאָל קאַרטלעך מיט די נעמען און אַדרעסן פון די וויילערס — מיינע לייט זאָלן אָפּגעבן זייערע שטימען אונטער די דאָזיקע נעמען, ווייל די עמעסע וויילער זיינען באַקאַנט אַלס רעפּובליקאַנער. „רעד מייק“ האָט אָנגעוויזן, וואָס מען דאַרף טאָן, און מיינע לייט זיינען אַריין אין די וואַל-לאָקאַלן און האָבן געוויילט וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און שטעקנס, קעדיי צו פאַריאָגן פונעם שלאַכטפעלד די וועלכע וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן. מיין „גענג“ האָט פאַרבראַכט אַ זעלטענעם טאָג. זיי זיינען אַרומגעפאָרן אַף מאַשינען איבערן שטאָט, האָבן געשטימט וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט און האָבן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי אַרויסגעגאַנגעט קעסטלעך מיט שטים-צעטלען און זיי פאַרביטן מיט אַנדערע. איך האָב זיי געגעבן צו צען דאָלאַר אַ פּערזאָן און דאָס גאַנצע איבעריקע געלט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע.

ווי געוויינלעך האָט געזיגט „טעמעני האָל“ אין דער גאַנצער שטאָט, כאָטש די רעפּובליקאַנער און אַנדערע פּאַרטייען האָבן באַנוצט דיזעלביקע מיטלען.

# די רעוואָלוציע פון יאָר 1905

אין יאָר 1904 האָט די צאַרישע רעגירונג אָנגעהויבן אַ מילכאָמע מיט יאַפּאַן.

דער הויפּט-ציל פון דער מילכאָמע איז געווען פאַרכאַפּן נייע לענדער — קאָרייע און מאַנדזשוריע. דאָס איז נייטיק געווען די פּריצים אַף עקספּלואַטירן די דאָרטיקע פּויערים. דאָס איז נאָך מער נייטיק געווען די גרויסע סאָכרים און פאַבריקאַנטן, קעדיי צו פאַרקויפן דאָרטן זייערע סכוירעס אַף בעסערע באַדינגונגען.

נאָר כוץ דעם אַלעמען האָט די צאַרישע רעגירונג געמיינט מיט דער הילף פון מילכאָמע אָפּהאַלטן די אַרבעטער און פּויערים פון רעוואָלוציע.

די מילכאָמע האָט נאָך רואינירט די פּויערים, און די לאַגע פון די אַרבעטער געמאַכט פאַר אומדערטרעגלעך.

די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אָפטער אַרויסצוטרעטן קעגן זייערע אונטערדריקערס.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָקסן און האָט דערגרייכט צו איר העכסטן פּונקט אין די אָקטאָבער טעג.

אין סעפּטעמבער האָט זיך אין מאָסקווע אָנגעהויבן אַ דרוקער-סטרייק. עס האָבן געסטרייקט 50 דרוקערייען.

אין אָנהויב אָקטאָבער האָבן אויך אָנגעהויבן סטרייקן די אייזנ-

באַן אַרבעטער אין מאָסקווער ראַיאָן. דעם 9טן אָקטאָבער איז פאַרגעקומען אַ צוזאַמענפאַר פון דעלעגאַטן פון די אייזנבאַן אָנגע-שטעלטע. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערקלערן אַ סטרייק. דער צוזאַמענפאַר האָט אַרויסגעשטעלט פאָלגנדיקע פאָדערונגען: 8 שאָע-דיקער אַרבעטס-טאָג, באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, און עס זאָל צונויפגערופן ווערן אַ גרינדונג-פאַרזאַמלונג.

צום 17טן אָקטאָבער האָט זיך אָפּגעשטעלט די אייזנבאַן-באַוועגונג קימאַט אין גאַנץ רוסלאַנד. עס האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער טעלעגראַף.

דעם 13טן אָקטאָבער, 1905, איז אין פּעטערבורג אויסגעווײלט געוואָרן אַ סאָוועט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן, וועלכער איז געוואָרן דער צענטער פון דער רעוואָלוציע. איינציייטיק זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן סאָוועטן אויך אין אַנדערע שטעט — אין מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, און אַנד.

אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגע-וואָקסן, האָט דער צאַר באַשלאָסן אַביסל נאָכצוגעבן. דעם 17טן אָקטאָ-בער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, לויט וועלכן דעם פאָלק ווערן „געשענקט“ אַלערליי „פרייהייטן“ — פרייהייט פון פּרעסע, פון פאַרזאַמלונגען א. אַ. וו. כוץ דעם ווערט דאָס פאָלק גערופן אָנטייל צו נעמען אין דער געזעצגעבונג; צוליב דעם צוועק ווערט צונויפ-גערופן די דומע („קאָנגרעס“).

די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער אָפּגענאַרט דאָס פאָלק, אָנגע-הויבן פאַרפאָלגן די אַרבעטער. עס הויבן זיך אָן מאַסן-אַרעסטן, עס ווערן פאַרמאַכט אַרבעטער-צייטונגען, מע צעטרייבט און מע צעשיסט דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען.

דעם 6טן דעצעמבער האָט דער מאָסקווער אַרבעטער-ראָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן די אַרבעטער ווערן גערופן צו אַן אַלגעמיינעם סטרייק און אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

די רעגירונג האָט דעמאָלט דערקלערט אין מאָסקווע אַ באַלאַ-גערונגס-צושטאַנד. דעם 8טן דעצעמבער איז אין מאָסקווער טעאַטער פאַרגעקומען אַ גרויסער אַרבעטער-מיטינג. האָט די פּאָליציי אַרומ-גערינגלט דעם טעאַטער, צעטריבן דעם מיטינג און געשלאָגן די אַרבעטער.

אָף מאָרגן איז די גאַנצע פּרעסניע (אַן אַרבעטער-געגנט אין מאָסקווע) געוואָרן באַדעקט מיט באַריקאַדן. אַלע אַרבעטער זיינען אַרויס מיט געווער אין די הענט.

די מאָסקווער פּאָליציי און די קאָזאַקן האָבן גאָרנישט ניט גע-קאָנט טאָן מיט די אויפגעשטאַנענע. די אַרבעטער האָבן העלדיש געקעמפט. ס׳איז געווען אַ פאַל, ווען 13 באַוואָפנטע אַרבעטער האָבן 4 שאָ זיך פאַרטיידיקט געגן 500 קאָזאַקן, וועלכע האָבן מיט זיך געהאַט דריי האַרמאַטן און 2 קוילנוואַרפער.

די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער געשיקט פון פעטערבורג מי-ליטער, וואָס האָט אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די אַרבעטער-קוואַרטאַלן. דעם 21סטן דעצעמבער איז דער אויפשטאַנד דערשטיקט געוואָרן...

פיל הייזער און פאַבריקן זיינען כאָרעוו געוואָרן. טויזנטער אַרבעטער זיינען דערהאַרגעט געוואָרן, טויזנטער יעסוימים איז נאָך זיי געבליבן.

## פאַרוואָס איז די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 באַזיגט געוואָרן

דער מאָסקווער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן. גלייך נאָך דעם האָט די צאַרישע רעגירונג דערשטיקט די אויפשטאַנדן אויך אין אַנ-דערע שטעט.

די אַרבעטער-סטרייקן פלעגן נאָך דעם אויסברעכן אין באַזונדערע ערטער. עס זיינען נאָך אויך פאָרגעקומען פויערשע אומרוען אין דאָרף. אָבער מיט יעדן כוידעש איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז די רעוואָלוציע האָט געליטן אַ מאַפּאָלע. דער צאַרישער רעגירונג איז געלונגען איינצוהאַלטן די מאַכט אין אירע הענט.

פאַרוואָס-זשע האָט די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 געליטן אַ מאַפּאָלע?

די רעוואָלוציע האָט געליטן אַ מאַפּאָלע דערפאַר, ווייל די אַרבע-טער זיינען געווען שלעכט באַוואָפנט און נאָך נית געהאַט גענוג דערפאַרונג אין קאַמף.

דער צאַרישער רעגירונג איז געלונגען אויסצונוצן די אַרמיי אָף צו דערשטיקן די אויפגעשטאַנענע אַרבעטער און פויערים.

אַ גרויסע שטיצע דעם צאַר האָט געגעבן די בורזשואַזיע פון אַנדערע לענדער. די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן געגעבן דעם צאַר אַסאַך געלט אָף צו צעקלאַפּן די רעוואָלוציע. די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן זיינען געווען איינס מיט די רוסישע קאַפּיטאַליסטן. זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז אויך זייערע אַרבעטער און פויערים זאָלן נית נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די אַרבעטער און פויערים אין רוסלאַנד.

## דער באַטייט פון דער רעוואָלוציע פון 1905

די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן באַדייט פאַרן אַרבעטער-קלאַס און פויערטום.

צום ערשטן מאָל האָבן מיליאָנען אַרבעטער און פויערים באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ שלאַכט קעגן דער זעלבסטהערשונג.

— די אַרבעטער האָט מען צעקלאַפּט, — האָט לענין געזאָגט,

— אָבער דאָס איז געווען איינע פון יענע מאַפּאָלעס, וועלכע זיינען אַ גאַראַנטיע פאַר די צוקונפטיקע זיגן.

די אַרבעטער און פויערים האָבן זיך איבערצייגט, אַז דערשלאָגן זיך צו זייער באַפרייאונג קאָנען זיי בלויז מיט געווער אין האַנט, דורך אַראָפּוואַרפן די מאַכט פונעם צאַר, קאַפּיטאַליסטן און פריצים.

# ניינטער יאַנואַר, 1905

## פון שאָלעם אַלייכעם

טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך אָנגעטאָן יאָנטעוודיק, גענומען מיט זיך די ווייבער און די קינדער מיט הייליקע בילדער.

סאָלדאַטן זיינען אַרומגעפלויגן אַף די פערד, אַף די הויפּט-גאַסן

פון דער שטאָט. אַלע בריקן זיינען געווען באַדעקט מיט סאָלדאַטן. אַפילע די פעסטונג פון דער שטאָט איז געווען גרייט.

פונקט ניין אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן צו ציען אַ שנירל פון מענטשן. פון אַלע טיילן שטאָט זיינען זיי געגאַנגען מיט די הייליקע בילדער, מיטן גאַלעך אינמיטן, אָנגעטאָן אין זיינע גאַלאַכישע קליידער מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט.

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז עפּעס אַ יאָנטעוו. די אַלטע האָט ילעקאָוועד זונטיק אָנגעטאָן זוזין אין זיידענע יאָנטעוודיקע קליידער און איז געגאַנגען מיטן קינד אָפּן שפּאַציר. דערזען מענטשן גייען, האָט זיך די אַלטע געלאָזט מיטן קינד אַהין, וואו אַלע גייען. וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן דער שטראָם פון די מענטשן.

אַז די אַלטע האָט געוואָלט גיין צוריק, איז שוין געווען ניט מעגלעך. אַף איר פראַגע: וואוהין גייט מען דאָס ? האָט זי באַקומען אַן ענטפער פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ קינד פון אַ יאָר זעקס באַ דער האַנט:

— מיר גייען בעטן באַ דעם צאַר.

— פאַרוואָס זיינען דאָ אַזויפיל סאָלדאַטן און קאָזאַקן ? — פרעגט ווייטער די אַלטע.

— פון אונדזער קאָוועד וועגן, אַלטינקע, פון אונדזער קאָוועד וועגן.

שטעלט זיך אָפּ די אַלטע מיטן קינד באַ דער גרויסער בריק. זי

נעמט דאָס קינד אַף די הענט. זי דערזעט: היילִיקע בילדער טראָגט מען און עס גייט אַ גאַלעך. און היילִיקע לידער, הערט זי, זינגט מען. ציילעמט זיך די אַלטע.

— וואָס איז דאָס, באָבע? — פרעגט בא איר זוזי.

ער קוקט זיך איין מיט זיינע בלויע אויגן אין דעם יאָם פון קעפּ.

— בעטן גייט מען, — קינד מיינס.

נאָר זוזי דערהערט פלוצלונג: מען שיסט. פרעגט ער בא דער באָבען:

— וואָס שיסט מען?

ענטפערט אים די אַלטע:

— אַלע יאַנטעוו שיסט מען.

זעט זוזי, ווי מענטשן לייגן זיך. פרעגט ער בא דער באָבען:

— פאַרוואָס לייגן זיך די מענטשן?

ענטפערט אים די אַלטע:

— אַז מען בעט, דאַרף מען שטיין אַף די קני.

זעט זוזי, ווי מענטשן פאַלן און פאַלן. פרעגט ער:

— פאַרוואָס פאַלן די מענטשן?

און איידער די אַלטע ענטפערט אים, דערפילט זי, אַז מען שטופּט זי פון אַלע זייטן. זי דערזעט, ווי מענטשן לויפן, שטופּן זיך, שפּרינגען איינער איבערן אַנדערן. זי דערהערט אַ הילך, אַ געשריי, אַ געוויין, אַ קוויטשן מיט אַ פייפן.

דערזעלביקער שטראָם, וואָס האָט זי געבראַכט אַהער צוטראָגן, טראָגט זי צוריק. זי האַלט דאָס קינד צוגעדריקט צום האַרצן. זוזי האַלט זיך מיט ביידע הענטלעך בא דער באָבעס האַלדז, קוקט צוריק און הערט ניט אויף פרעגן:

— פאַרוואָס לויפט מען? פאַרוואָס שרייט מען? פאַרוואָס שטופּט מען זיך? פאַרוואָס וויינט מען?

די אַלטע קאָן אים ניט ענטפערן גאָרנישט. זי פילט, אַז ניט די פיס אירע, נאָר די מענטשן טראָגן זי. וואוהין — ווייסט זי ניט.

אָט האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם שטראָם פון מענטשן גרויסע, געזונטע פערד. סאָלדאַטן זיצן אַף די פערד און מען שיסט. און מענטשן פאַלן.

די אַלטע דערהערט אַ זעץ פון אויבן. אַ מאָדנער קוויטש רייסט זיך אַרויס פון זוזין. ער לאָזט אָפּ איר האַלדז און בויגט אַראָפּ דאָס קעפּל.

זי דערזעט, בלוט גיסט זיך פון איר האַנט אַראָפּ, און זי ווייסט ניט וועמענס בלוט דאָס איז. און זי זעט ניט, אַז זוזיס קאָפּ איז צעהאַקט.

עס ווערט איר פינצטער אין די אויגן, און זי פאַלט מיטן טויטן קינד אַפן ווייסן קאַלטן שניי, וואָס איז געוואָרן רויט פון בלוט.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער רויטער זונטיק.

# מאַקסים גאָרקי

מאַקסים גאָרקי איז דער גרעסטער, באַליבטסטער פּראָלעטאַרישער שרייבער. זיין עמעסער נאָמען איז אַלעקסיי פּיעשקאָוו. ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד אין יאָר 1868.

ווען דער קליינער אַלעקסיי איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר איז זיין מאַמע געשטאָרבן (דער טאַטע איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר פריער) און ער איז געוועזן געצוואונגען צו גיין אַרבעטן.

וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט דער קליינער אַלעקסיי ניט געטאָן! ער איז געווען אַ שיק-אינגל אין אַ שיך קראָם, אַ לערן-אינגל באַ אַ צייכנער, אַ געהילף באַ אַ קיכער אַף אַ דאַמפער, געהאַנדלט מיט הייליקע בילדער, געווען אַ וועכטער אַף אַן אייזנבאַן, אַ בייגל-מאַכער באַ אַ בעקער, און וואָס ניט?

און וואָס פאַר אַ צאָרעס איז דער קליינער אַלעקסיי ניט אויסגעשטאַנען!

אַלס שיק-אינגל, האָט אים דער באַלעבאָס פון קראָם אַזוי גע-מאַטערט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אָבער פּונקט דאַן, ווען ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, האָט ער זיך אָפּגעבריט מיט זודיקן באָרשט און מען האָט אים אַוועקגענומען אין שפּיטאָל.

באַם צייכנער האָט מען אים די אַרבעט ניט געלערנט, נאָר גע-צוואונגען צו טאָן די שווערסטע אַרבעטן, און ווען מען האָט אים געשיקט קויפן ברויט, האָט די באַלעבאָסטע געוואויגן דאָס ברויט אַף דער האַנט און געקוקט אין מויל אַריין, צי זיינען ניטאָ קיין ברעקלעך צווישן די ציין.

אַ ווינטער האָט ער געליטן און דערנאָך איז ער אַנטלאָפן אַף אַ דאַמפער און געאַרבעט אַלס געהילף פון קיכער. דער קיכער האָט אין אַלעקסייען איינגעפלאַנצט אַ ליבע צום לייענען. פון דעמאָלט אַן

האָט זיך גאָרקי שוין קיינמאָל ניט געשיידט מיטן בוך. ער האָט געלייענט אַסאַך. פון אָנפאַנג אָן אַ סיסטעם, אַלץ וואָס איז אים נאָר געקומען אין די הענט אַריין. אָבער דערנאָך האָט ער זיך אויסגע-לערנט צו אונטערשיידן אַ גוטן בוך פון אַ שלעכטן, צו שעצן און ליב האָבן אַ גוטן בוך, ווי דעם בעסטן פריינט.

אַסאַך צאָרעס האָט ער זיך אָנגעליטן צוליב זיין ליבע צום לייענען.

באַם צייכנער, וואו ער האָט שפּעטער נאָכאַמאָל געאַרבעט, האָט אים די באַלעבאָסטע באַליידיקט און פאַרפאָלגט. זי פלעגט מעסטן די ליכט אַף וויפל זיי זיינען איבערנאַכט קורצער געוואָרן. אויב דאָס ליכט איז געווען קורצער, פלעגט זי אויפזוכן די ביכער און צערייסן.

דאָך, ניט קוקנדיק אַף אַלע שוועריקייטן, האָט גאָרקי ניט פאַר-לוירן דעם דורשט נאָך וויסן. ער האָט אַסאַך געלייענט און זיך געלערנט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 15 יאָר, האָט אים פּלוצלינג אַרומגע-כאַפּט אַ שטאַרקער ווילן צו לערנען זיך. צוליב דעם האָט ער זיך געלאָזט קיין קאַזאַן. ער האָט געמיינט, אַז ווער עס וויל נאָר קען זיך לערנען אומזיסט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניט אַזוי, און ער האָט געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן אין אַ בייגל-בעקעריי פאַר דריי רובל אַ כוידעש. 14-15 שאָ אַ טאָג האָט ער געאַרבעט אין אַ פינצטערן, שטויביקן קעלער.

ניט קוקנדיק אַף דער שווערער אַרבעט, פלעגט פונדעסטוועגן גאָרקי זיך איינאָרדענען מיטן ביכל באַם אַרבעטס-טיש און לייענען אפן קאָל פאַר אַלע אַרבעטער. די בעקער האָבן זיך צוגעהערט און אַכטונג געגעבן, אַז דער באַלעבאָס זאָל ניט אָנקומען. אָבער ניט איינמאָל פלעגט זיך דער באַלעבאָס פּלוצלינג באַווייזן. אָנפאַלן אַף גאָרקין, זידלען אים און צווינגען אים צו טאָן די סאַמע שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעט.

גאָרקי האָט שטאַרק געליטן. די פאַרפאָלגונגען און באַליידי-קונגען האָבן אים נימעס געמאַכט דאָס לעבן. ער איז אַוועק פון בעקער און מער ניט געוואָלט צוריקגיין.

ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ קרייזל רעוואָלוציאָנערער יוגנט. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זייערע דיסקוסיעס. ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע אונטערערדישע, פאַרבאָטענע ביכלעך, פון וועלכע ער האָט געהערט נאָך פון פריער. אָבער ער איז ניט געווען צופרידן פון דעם. ער האָט געוואָלט עפּעס טאָן. און ווען דער רעוואָ-לוציאָנער ראָמאַס האָט פאַרגעלייגט צו פאָרן מיט אים אין דאָרף, האָט אַלעקסיי זיך גערן אָנגעכאַפּט אָן דעם.

דאָרטן האָבן זיי גענומען פאַרפירן שמועסן מיט די אָרעמע פויערים. זיי האָבן זיי געלערנט ליב צו האָבן די פרייהייט און קעמפן פאַר איר. די רייכע באַלעבאַטים האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם און גאָרקי און ראָמאַס האָבן געמוזט אַנטלויפן.

גאָרקי האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער רוסלאַנד. ער האָט דורכגעוואַנדערט דאָס לאַנד אין דער ברייט און אין דער לענג, ער האָט געלעבט אין די פּאַרוואָרפנסטע עקן.

דידאַזיקע וואַנדערנישן זיינע האָט ער דערנאָך באַשריבן אין זיינע ביכער, וועלכע זיינען באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט.

ער האָט געלעבט צווישן ציגיינער און קאָזאַקן, מאָלדעוואַנער און גרוזינער. געלעבט מיט אָרומשלעפּער, פּויערים און אַרבעטער. געווען אַ פישער אַפן קאַספּישן ים, אַ וועכטער, געאַרבעט אין אַן אייזנבאַן-וואַרשטאַט, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער רעוואָלו-ציאָנערער באַוועגונג און אַליין אויך אָנטייל גענומען אין די אונטער-ערדישע אַרבעטער-קרייזלעך. אַסאַך מענטשן האָט אַלעקסיי אָנגעזען אין די טעג פון זיין אַרומוואַנדערן.

אין די האַפן-שטעט האָט ער באַגעגנט פאַרשיידענערליי טיפּן. ער האָט זיך אָנגעהערט שיינע מייסעס וועגן פרייהייט-קעמפער. ער האָט געזען אַרבעטער וועלכע האָבן זיך אין געהיים געגרייט צו די רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן.

איינמאָל ווען ער איז געווען אין טיפליס, האָט ער דערציילט זיינע פּאַסירונגען דעם פאַרשיקטן, אַלטן רעוואָלוציאָנער קאַלאַזשני. יענער האָט אים פאַרשלאָסן אין אַ צימער און געהייסן אָנשרייבן זיינע איינדרוקן, אַניט וועט ער אים ניט אַרויסלאָזן.

אַלעקסיי האָט געמוזט פאָלגן. ער האָט זיך גענומען פאַר דער פען און אָנגעשריבן זיין ערשטע דערציילונג. די דערציילונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „מאַקסים גאָרקי“.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן גאָרקיס ליטעראַרישע קאַריערע.

גאָרקי איז געוואָרן אַ באַרימטער שרייבער.

אַסאַך האָט ער אָנגעשריבן, וועגן אַסאַך זאַכן דערציילט. גאָרקי איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די אַרבעטער, און פּראָטעסטירט קעגן זייערע אונטערדריקער.

אַף מאָרגן נאָך דער בלוט-פאַרגיסונג פון 9טן יאַנואַר, האָט גאָרקי אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו אַלע בירגער אין רוסלאַנד. ער האָט באַשולדיקט ניקאָליי דעם 2טן אין דער בלוט-פאַרגיסונג און גערופן צום פאַראַקשענטן קאַמף קעגן צאַר.

גאָרקי האָט אין זיינע ווערק „די מוטער“ און „דער ניינטער יאַנואַר“ באַשריבן די קאַמפן פון די אַרבעטער.

די צאַרישע רעגירונג האָט אים דערפאַר פאַרפאָלגט. די רעגי-רונג האָט זיך געשראָקן דערפאַר וואָס גאָרקי קלערט אויף אין זיינע ווערק די אורזאַכן פון זייער אונטערדריקונג און רופט זיי צו קעמפן קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס.

ניט איינמאָל האָט די צאַרישע רעגירונג אַרעסטירט גאָרקין. גאָרקי איז אויך געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, וואו די

צאַרישע רעגירונג פּלעגט אַריינזעצן יענע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר די געפערלעכסטע.

אָבער גאָרקי האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן.

לענין האָט זייער געשעצט דעם גרויסן שרייבער. ער האָט זיך מיט אים אָפט דורכגעשריבן. ער האָט געשריבן גאָרקין: „מ י ט א י י ע ר ק י נ ס ט ל ע ר י ש ן ט אַ ל אַ נ ט ה אָ ט א י ר ג ע ב ר אַ כ ט ד ע ר אַ ר ב ע ט ע ר-ב אַ ו ו ע ג ו נ ג א י ן ר ו ס ל אַ נ ד, א ו ן נ י ט נ אָ ר א י ן ר ו ס ל אַ נ ד... אַ ר י ז י ק ן נ ו צ ן.“

גאָרקי איז זייער באַליבט אין סאָוועטן פאַרבאַנד און בא די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט. זיינע ביכער זיינען איבערגעזעצט און ווערן אַרויסגעגעבן אין מיליאָנען קאָפּיעס.

ווי אַ רויטער אַרמייער איז ער שטענדיק אויף דער וואַך צו באַשיצן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד. אַכוץ זיינע גרעסערע ווערק וואָס ער שרייבט, דעקט ער אויך אין דער פּרעסע די רעכילעס און ליגנס וואָס עס פאַרשפּרייטן די סאָנים פון סאָוועטן-פאַרבאַנד און מיט זיין שאַרפער פען שלאָגט ער אָפּ זייערע אַטאַקעס.

סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט אויפגעבויט איינע פון די גרעסטע עראָפּלאַנען אין דער וועלט אויף גאָרקיס נאָמען. אַ שטאָט ווערט געבויט אויף גאָרקיס נאָמען. ביבליאָטעקן, שולן און קלובן טראָגן זיין נאָמען.

די סאָוועטן רעגירונג האָט גאָרקין באַלוינט מיט אַ לענין-אָרדן פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אַרבעטער.

# די מוטער

## פון מ. גאָרקי

אין שטוב איז אַריינגעלאָפן פעדיאַ מאַזין, אַ שיינענדיקער, מיט רויטע פלעקן אויף די באַקן.

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן, — האָט ער דערציילט, — דער אוילעם האָט זיך אַ ריר געטאָן... מען קריכט אַפן גאַס, די פעני מער בא אַלעמען, ווי העק... בא די טויערן פון פאַבריק שטייען די גאַנצע צייט וויעסאָווטשיקאָוו מיט גוסעוון, זיי האַלטן רעדעס... אַסאַך אוילעם צוריקגעקערט!... קומט, שוין צייט!... שוין צען אַזייגער.

— איך גיי, — זאָגט פּעסט פּאַוול.

— אָט וועט איר זען, — פאַרזיכערט פעדיאַ, — נאָך מיטיק וועט זיך אַ הייב טאָן די גאַנצע פאַבריק.

— ער ברענט, ווי אַ ליכט אַפן ווינט, — באַגלייט אים די מוטער

מיט שטילע ווערטער, שטעלט זיך, גייט אַרויס אין קיך און נעמט זיך אָנטאָן.

— וואוהין, מאַמע?

— מיט אייך! . . . זאָגט זי.

אין גאַס האָט מען זיי געגריסט, און אין די באַגריסונגען האָט געשטעקט עפּעס אַזוינס, באַזונדערס. ס׳האָבן זיך צעטראָגן אָפּגע-האַקטע שטילע באַמערקונגען:

— אָט זיינען זיי, די אָנפירער . . .

פון אַ צווייטן ווינקל האָט עמעץ געשריען צעקאָכט:

— די פּאָליציי וועט זיי אײנציקווייז צעכאַפּן . . . מע וועט פון זיי אַ טעל מאַכן.

— מ׳האָט שוין ניט איינמאָל געכאַפּט.

אַ פרויען-שטים האָט דערשראָקן געשריען:

— וואָס טוסטו, גאָט איז מיט דיר, ביסט אַ באָכער, וואָס? זיי זיינען נאָך באָכערים, זיי מאַכט ניט אויס . . .

ס׳האָט זיך גערוכט, אַז פּאַוול און אַנדריי באַמערקן גאָרניט, הערן ניט די קוילעס, וואָס באַגלייטן זיי. זיי זיינען געגאַנגען רואיק, אָן איילעניש, און האָבן אַפן קאָל גערעדט וועגן פּאָשעטע זאַכן. אָט שטעלט זיי אָפּ מיראָנאָוו, אַן עלטערער, שטילער מענטש, צו וועלכן אַלע האָבן געהאַט אָפּשיי פאַר זיין ניכטערן, ריינעם לעבן.

— איר אַרבעט אויך ניט, דאַנילא איוואַנאָוויטש? — פרעגט פּאַוול.

— מיין ווייב גייט צו קינד . . . נו, און ס׳איז עפּעס אַ טאָג אויך אַזאַ . . . אַן אומרואיקער, — דערקלערט מיראָנאָוו, באַטראַכנדיק אויפמערקזאַם די כאַווייריִם, און פרעגט שטיל:

— מען זאָגט, אַז איר ווילט דעם דירעקטאָר אַ סקאַנדאַל מאַכן, די שויבן אים אויסברעכן?

— וואָס זיינען מיר שיקורים? — רייסט זיך הויך אַרויס בא פּאַוולען.

— מיר וועלן זיך פּאָשעט דורכגיין איבער דער גאַס מיט די פאָנען און וועלן זינגען לידער! — זאָגט אַנדריי, — אָט הערט טאָקע אויס אונדזערע לידער, זיי דריקן אויס אונדזער גלויבן!

— אייער גלויבן ווייס איך! — זאָגט פאַרטראַכט מיראָנאָוו. — געלייענט אייערע בלעטלעך . . . אַ, מוטער — שמייכלט ער צו דער מוטער מיט זיינע קלוגע אויגן — דו ביסט אויך אַוועק בונטעווען?

— ווייזט אויס, ס׳איז טאָקע ריכטיק, וואָס מ׳זאָגט אָף דיר, אַז דו האָסט עס אָף דער פאַבריק די בלעטלעך געטראָגן —

— ווער זאָגט עס? — פרעגט פּאַוול.

— כ׳ווייס, מע זאָגט! נו, אַ גוטן . . . האַלט זיך אָנשטענדיק! . . .

די מוטער האָט שטיל געלאַכט, ס׳האָט איר געטאָן הנאָע, וואָס מע זאָגט אַזוינס אָף איר.

פּאַול טוט אַ שמייכל:

— ווּעסט שוין די טורמע ניט אויסמיידן, מאַמע!

— כ׳וועל ניט ווייכן פון איר, — ענטפערט זי.

זיי זיינען אַרוּם אַפן פּלאַץ, וואו ס׳איז געשטאַנען דער קלויסטער. אַרום אים, הינטערן פּאַרקאַן איז געדיכט געשטאַנען און געזעסן אַן אוילעם.

ס׳האָט אַ רעווע געטאָן מיט אַמאָל דאָס פייפל פון פאַבריק. דער אוילעם האָט אַ ציטער געטאָן, ווער ס׳איז געזעסן האָט זיך געשטעלט, אַף אַ רעגע איז אַלץ פאַרגליווערט געוואָרן, אַסאַך פּענימער זיינען בלייך געוואָרן.

— כאַוויירים! — האָט זיך דערהערט פּאַוולס שטים אַ פעסטע און קלינגענדיקע — ברידער! אַט האָט געשלאָגן די שאָ, ווען מיר דאַרפן זיך אָפּרייסן פון דעם לעבן, אין וועלכן ס׳איז פאַר אונדז קיין אָרט ניטאָ, וואו מיר זיינען קיין מענטשן ניט.

— כאַוויירים! מיר האָבן באַשלאָסן היינט אָפן לאָזן וויסן ווער מיר זיינען. מיר הייבן אויף אונדזער פאָן, די פאָן פון פאַרשטאַנד, עמעס און פרייהייט.

די שטאַנג, אַ ווייסע און לאַנגע, האָט זיך אַ הייב געטאָן אינ-דערלופטן, זיך איינגעבויגן, דורכגעשניטן דעם אוילעם, נעלעם גע-וואָרן צווישן די מענטשן און אין אַ רעגע אַרום האָט איבער אַלעמענס פּאַריסענע קעפּ אַ פלאַטער געטאָן, ווי אַ רויטער פויגל, דער רויטער לייוונט — די אַרבעטער-פאָן.

— זאָל לעבן דאָס אַרבעטער-פאָלק! — האָט פּאַוול אויסגעשריען.

הונדערטער שטימען האָבן זיך אָפּגערופן אין איין הילכיקן געשריי.

— זאָל לעבן די אַרבעטער-פּאַרטיי, אונדזער פּאַרטיי, כאַוויירים! זאָלן לעבן די אַרבעטער פון אַלע לענדער!

די מוטער כאַפּט עמעצן פאַר דער האַנט, זי שטיקט זיך פון טרערן, אָבער זי וויינט ניט, די פיס ציטערן באַ איר, די ליפן טרייסלען זיך און זי רעדט:

— ליבינקע . . . ס׳איז עמעס . . .

דער אוילעם האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן געדיכטער. פּאַוול האָט אַ מאַך געטאָן אינדערלופטן מיט דער פאָן, זי האָט אַ פלאַטער געטאָן אינדערלופטן און איז אַוועקגעשוואומען פאַרויס, באַלויכטן פון דער זון.

„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז, אין נויט!“

די מוטער איז מיט אַ הייסן שמייכל אַף די ליפן געגאַנגען צווישן אוילעם און האָט איבער די קעפּ געקוקט אַפן זון און אַף דער פאָן.

אין עק גאַס שטייט אַ גרויע וואַנט פון איינאַרטיקע מענטשן אָן פּענימער. הינטער די פּלייצעס גלאַנצן קאַלט און שאַרף די רייען פון די ביקסן.

— כאַווײרים! — רופט פּאַוול — פּאָרױס: קײן אַנדער װעג האָבן מיר ניט!

— ביקסן גרײט! — האָט זיך דערהערט אַ געשרײ פון פראָנט.

אינדערלופטן האָבן זיך אַ שלענגל געטאָן, אַ טרײסל געטאָן שפּיזן, געפאַלן און זיך אױסגעצױגן אין די הענט אַנקעגן דער פאָן.

— מאַ—אַרש! . . .

— זײ גײען!

— מע דאַרף זיך פאַנאַנדערגײן.

— אַנטלױף, פּאַוולושע!

— צוריק, װלאַסאָװ! . . .

— װאַרף די פאָן!

די מענטשן האָבן געדיכט אַרומגערינגלט פּאַוולען, ער האָט זיך אָבער אַרױסגעשטופּט פּאָרױס. ס'איז געװאָרן שטיל פּלוצלונג מיטאַמאָל.

אונטער דער פאָן איז געשטאַנען אַ מאַן צװאַנציק, ניט מערער, זײ זײנען אָבער געשטאַנען פעסט.

צו פּאַוולען איז צוגעשפּרונגען אַ קלײנער אָפיצער, זיך אָנגע-כאַפּט מיט דער האַנט פאַרן שטאַנג און געשרײ געטאָן מיט אַ קװיטש:

— װאַרף אַװעק!

— הענט אָפּ! — ענטפערט פּאַוול הויך.

די פאָן האָט אַ ציטער געטאָן אינדערלופטן, זיך אַ בויג געטאָן רעכטס און לינקס און זיך װידער אױסגעגלײכט.

— נעמט זיך צו זײ! — האָט אױסגעשריען דער אָפיצערל.

עטלעכע סאָלדאַטן זײנען אַרױסגעשפּרונגען פּאָרױס. אײנער פון זײ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער קאָלבע פון ביקס, די פאָן האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אײנגעבױגן און איז נעלעם געװאָרן אין דער גרױער קופּע סאָלדאַטן.

— ע . . . ע . . . ע ד! — שרײט אױס עמיצער פײנלעך.

רײסט זיך אַרױס בּאַ דער מוטער אַ װאַיענדיק געשרײ, װי פון אַ כײע.

און פון אױלעם סאָלדאַטן דערטראָגט זיך צו איר פּאַוולס קלאָרע שטים:

— אַ גוטן, מאַמע, זײ געזונט, האַרציקע!

זי הײבט זיך אױף אָף די שפּיץ פינגער, מאַכט מיט די הענט און װיל אַ קוק טאָן אָפן זון.

— זאָל לעבן די רעװאָלוציע, כאַװײרים! — שרײט מען פון צװישן די סאָלדאַטן.

עטלעכע מאָל ענטפערט זײ אָן אָפּגעהאַקטער אָפּקלאַנג. ער האָט זיך צעטראָגן פון די פענצטער, ערגעץ פון אױבן, פון די דעכער.

# לענין וועגן מילכאָמע

לענין האָט געשריבן וועגן דער וועלט מילכאָמע, אַז „דאָס איז אַ מילכאָמע פון קאַפּיטאַליסטן, גרויסע גאַזלאָנים, וועלכע קעמפן איינער מיטן אַנדערן וועגן דעם, ווער פון זיי עס זאָל קריגן אַ גרע־סערן כיילעק רויב. ווער עס זאָל באַרויבן מער לענדער. ווער פון זיי זאָל דערשטיקן און פאַרשקלאַפן מער פעלקער. די רויבערישע מיל־כאָמע קאָן ניט געפינען קיין שום שטיצע באַם אַרבעטער קלאַס און פויערטום.“

# די וועלט מילכאָמע

יאָרן לאַנג האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן געגרייט צו מילכאָמע. די רעגירונגען האָבן זיך פאַרגרייט מיט מער קריגשיפן, קאַנאָנען, האַרמאַטן. זיי האָבן פאַרגרעסערט זייערע אַרמייען און פאַרשפּרייט קלאַנגען צווישן די אַרבעטער און פויערים אַז סאָנים גרייטן זיך זיי

צו באַפאַלן און מע דאַרף זיין גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

אין יאָר 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט מילכאָמע. אַף איין זייט זיינען געווען דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן. אַף דער צווייטער זייט — רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען טערקיי, בולגאַריע, איטאַליע, יאַפּאַן, די פאַריייניקטע

שטאַטן און אַנדערע לענדער. העכער צוואַנציק מעלוכעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער ברידער-שלאַכט.

די וועלט מילכאָמע האָט אָנגעהאַלטן פיר יאָר. פון אויגוסט 1914 ביז נאָוועמבער 1918.

30 מיליאָן מענטשן זיינען געווען אין די אַרמייען אַפן פראָנט.

10 מיליאָן מענטשן זיינען דערהאַרגעט געוואָרן.

30 מיליאָן פון דער ציווילער באַפעלקערונג זיינען אומגעקומען פון הונגער און עפּידעמיעס, אַלס רעזולטאַט פון דער מילכאָמע.

15 מיליאָן מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

9 מיליאָן קינדער זיינען געבליבן יעסוימים.

5 מיליאָן פרויען זיינען געבליבן אַלמאָנעס.

אָט דאָס זיינען געווען די רעזולטאַטן פון פיר יאָר וועלט מילכאָמע.

צוליב וואָס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע? די קאַפּיטאַליסטן פון יעדן לאַנד, וואָס האָט מילכאָמע געהאַלטן, האָבן אָפּגענאַרט די אַרבעטער און פויערים. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פירן די מילכאָמע צוליב די אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק.

די ראַבאָנים און גאַלאָכים האָבן אַרויסגעהאָלפן די קאַפּיטאַ-ליסטן. אין נאָמען פון רעליגיע האָבן זיי געפּרעדיקט, אַז די אַרבע-טער און פויערים פון זייער לאַנד זאָלן האַסן די אַרבעטער און פויערים פון אַנדערע לענדער. זיי האָבן אין נאָמען פון גאָט גערופן צו שלאָגן זיך „פאַרן גלויבן, פאַרן פאָטערלאַנד“.

די קאַפּיטאַליסטן אָבער האָבן גוט פאַרשטאַנען צוליב וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן די מילכאָמע. זיי האָבן געוואָלט צוקריגן נייע מערק אָפּצוזעצן זייערע סכוירעס. זיי האָבן געוואָלט נאָך גרעסערע פּראָפיטן פון עקספּלואַטירן די אַרבעטנדיקע פון די קאָלאָניעס.

אָבער אַף דער וועלט איז שוין מער ניט געווען קיין ערד, וועלכע מע זאָל קענען גרינג פאַרכאַפּן. אַלע לענדער זיינען שוין געווען צעטיילט צווישן די קאַפּיטאַליסטן. ס'איז אויסגעקומען אָפּנעמען די ערד בא יענע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן זיי פאַרכאַפּט פריער.

די דייטשע קאַפּיטאַליסטן האָבן געהאָפּט אין דערדאָזיקער מילכאָמע צו באַראַבעווען די רייכערע שכיינים זייערע — ענגלאַנד און פראַנקרייך. זיי האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די קאָלאָניעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, קעדיי צו פאַרקויפן דאָרט זייערע סכוירעס, קריגן דאָרט ביליק רויע מאַטעריאַלן, אַרויסבאַקומען קאָלאָסאַלע פּראָפיטן פון דער ביליקער אַרבעט פון די פויערים און אַרבעטער אין די דאָזיקע קאָלאָניעס.

די ענגלישע און פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך שוין לאַנג געקליבן אָנצופאַלן אַף דייטשלאַנד. זיי האָבן ניט געקענט דערלאָזן, אַז די דייטשישע אינדוסטריע זאָל זיך פאַרשטאַרקן, ווייל דאָס האָט פאַרקלענערט זייערע אייגענע פּראָפיטן. דערפאַר האָבן זיי זיך שוין

לאַנג געגרייט צו דערשטיקן דייטשלאַנד, אָפּנעמען בײַ איר די קאָלאָניעס אירע און צעטיילן זיי צווישן זיך.

אָט צוליב דעם האָבן עס די קאַפּיטאַליסטן געדאַרפט האָבן די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע. זיי האָבן געשיקט מיליאָנען אַרבעטער און פּויערים צום טויט, כּדי צו פאַרגרעסערן זייערע פּראָפיטן.

# קריג קעגן קריג

פון מוישע נאַדיר

עי, קומט אַרויס און שרייט,
מיר אַלע, מיר ברידער,
מ׳גרייט זיך שוין קוילען אונז,
קוילן אונדז ווידער.

עי, קומט אַרויס, קומט אַרויס!
וואָס וואַרט איר? קומט גיכער!
איר הערט ניט? עס קאָכט שוין
דעם טײַוולס געוויכער.

מ׳הייסט נעמען ביקסן — ט׳ו נעמט!
מ׳הייסט שיסן — ט׳ו פאָלגט-זשע די אָרדערס!
נאָר ניט אַף ברידער פון דער פרעמד —
נאָר אַף היימישע צאַפּער און מערדער!

„קריג דעם קריג!״ — מוז זיין דער געשריי —
צעטראָגט אים, איר בראַווע פּראָלעטן!
אין גאַסן, אין טומל געשריי
אין גלאַנץ פון בלאַנקע באַגנעטן.

„קריג דעם קריג!״ — און זיינע צינדער —
אָ הייבט זיך, איר בראַווע פּראָלעטן!
קעגן די זויגער און שינדער —
שטעלט אויף אַ וואַנט פון סאָוועטן!

# אינטערווענציע

געווען איז דאָס אין סאָף 1919 יאָר. די פראַנצויזישע מיליטער שיפן זיינען אריינגעגאַנגען אין אָדעסער פּאָרט. זיי האָבן אָנגעשטעלט די האַרמאַטן גלייך אַף די אַרבעטער קוואַרטאַלן.

— טויט די באָלשעוויקעס! — האָבן געזאָגט די פראַנצויזישע גענעראַלן.

אַפן מינענטרעגער „פּראָטיי" האָט געדינט אַלס מעכאַניקער דער מאַטראָס אַנדרע מארטי. ער איז געווען אַ באָלשעוויק. אַנדרע מארטי האָט צונויפגעזאַמלט די מאַטראָסן פון די פראַנצויזישע שיפן און זיי געזאָגט אַזוי:

— אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע. די אַרבעטער מוזן זיגן. מיר זיינען אויך אַזעלכע אַרבעטער און פּויערים, ווי זיי. מיר דאַרפן זיי העלפן. אַרטילעריסטן, וואָס וועט איר טאָן, ווען מען וועט אייך באַפעלן שיסן אין די אַרבעטער?

— מיר וועלן שיסן אינם גענעראַל באַרטעלאָ, — האָבן זיי געענטפערט.

צו יענער צייט איז דאָס רויטע מיליטער אונטערגעקומען צו אָדעס. די פראַנצויזישע מאַטראָסן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין זייערע קלאַסן-ברידער. אָדעס איז געוואָרן אַ סאָוועטישע שטאָט.

— פאַרשאָלטענע באָלשעוויקעס! — האָבן די גענעראַלן געזאָגט. — מיר וועלן אַ פּרואוו טאָן אָפּנעמען בא זיי סעוואַסטאָפּאָל.

זיי האָבן אָנגעשטעלט די האַרמאַטן אַף דעררדאָזיקער שטאָט.

אָבער ניט אומזיסט איז געווען אַנדרע מאַרטיס אַרבעט. די פראַנצויזישע מאַטראָסן האָבן אויך דאָ זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין די באָלשעוויקעס, אַף די פראַנצויזישע שיפן האָבן זיך באַוויזן רויטע פאָנען. די מאַטראָסן האָבן אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט שיפלעך און זיך אַרויסגעזעצט אַפן ברעג.

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע! זאָלן לעבן די באָלשעוויקעס! — האָבן די פראַנצויזישע מאַטראָסן געשריען. אַסאַך אויסלענדישע אַרבעטער זיינען אַוועק אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און געקעמפט קעגן די ווייסגוואַרדייער.

די פראַנצויזישע רעגירונג איז געצוואונגען געווען צו געבן אַן עקסטרע באַפעל, אַז דער פלאָט אירער זאָל זיך אומקערן פון אָדעס קיין פראַנקרייך. גלייך נאָך דעם האָט אויך ענגלאַנד געמוזט אַוועקנעמען איר מיליטער פון אַרכאַנגעלסק.

# כאַוויירים

## פון שאלאכאוו

דער פאָלק, אין וועלכן עס האָט געדינט פאַר אַ סאָלדאַט וואַלעט, איז דעם 3טן אָקטאָבער גאַנצפרי אַרויס אין אַטאַקע.

די סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען דורכן וואַלד. אף יעדן טריט האָבן זיך די סאָלדאַטן אַנגעשטויסן אף שפּורן פון מילכאָמע-שווידער. אין די קוסטעס און אף די לאַנקעס — אומעטום זיינען געלעגן קערפּערס פון דערהאַרגעטע.

וואַלעט און דער סאָלדאַט, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געגאַנגען, האָבן איבערגעיאָגט די פאָדערשטע רייען. זיי זיינען צוזאַמען אַראָפּ-געשפּרונגען אין אַ פינצטערער לאָך פון די טרענטשעס.

— מע דאַרף אַ זוך טאָן, עפּשער איז עפּעס פאַרבליבן צו עסן, — האָט דער כאַווער פאָרגעלייגט וואַלעטן.

— קום, — האָט געענטפערט וואַלעט: — דו — אף רעכטס, און איך — אף לינקס. ביזוואַנען אונדזערע וועלן אונטערקומען, וועלן מיר אַ זוך טאָן.

זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען. וואַלעט איז דורכגעקראָכן דריי גריבער, אַנשטויסנדיק זיך אף פאַר-קילטע קערפּערס. ער איז אַריין נאָך אין אַ גרוב און איז שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס פון אַן אומפאַרשטענדלעכן אויסרוף.

— ווער איז עס? — האָט געפרעגט אף זיין שפּראַך אַ דייטשי-שער סאָלדאַט. דאָס ביסטו, אָטאָ? פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען?

די הענט אַרויף! גיב זיך אונטער! — האָט אויסגעשריען וואַ-לעט, גרייט צו שיסן.

דער איבערגעשראָקענער דייטשישער סאָלדאַט האָט לאַנגזאַם אויסגעצויגן זיינע לאַנגע אַרבעטער-הענט און מיט שרעק געקוקט אף דער שאַרף פון שפּיז. וואַלעט האָט געמאַכט אַ טראָט צום דייטש.

— אַנטלויף! — האָט ער אַ זאָג געטאָן דערנאָך מיט אַ צאַרטער געבראָכענער שטימע. — אַנטלויף, דייטש, איך פיל צו דיר קיין האַס ניט, כ'וועל ניט שיסן.

אָבער דער דייטש האָט אים ניט פאַרשטאַנען. דאַן האָט וואַלעט אַנגעשפּאַרט די ביקס אין וואַנט פון גרוב, האָט זיך אַ צי געטאָן און אַנגענומען דעם דייטשס רעכטע האַנט.

— איך בין אַן אַרבעטער, — האָט וואַלעט פריידיק אַנגעהויבן ריידן, — פאַרוואָס זאָל איך דיך דערהאַרגענען? אַנטלויף, — און ער האָט לייכט אַ שטויס געטאָן דעם דייטש מיט דער רעכטער האַנט, ווייזנדיק אפן וואַלד. — אַנטלויף, אַז ניט וועלן אונדזערע באַלד אַנקומען.

דאָס האָט געדויערט עטלעכע רעגעס. דעם דייטשס אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט וואָלעטס אויגן. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. אָפּטרע-טנדיק אַ טראָט צוריק, האָט ער אויסגעצויגן פאָרויס די הענט און פעסט צונויפגעדריקט וואָלעטס הענט.

— דו לאָזסט מיך אָפּ. אָ, איצט האָב איך פאַרשטאַנען, דו ביסט אַ רוסישער אַרבעטער, ווי איך — אַ דייטשישער אַרבעטער . . . . — האָט ער פריידיק געמורמלט אויף זיין שפּראַך.

וואָלעט האָט ניט פאַרשטאַנען קיין דייטש, ער האָט אָבער פאַר-שטאַנען וועגן וואָס עס רעדט דער דייטשישער סאָלדאַט. זיין מאָזאָ-ליעדיקע האַנט האָט זיך אַ הייב געטאָן און זיך געלייגט אויף דער ברוסט.

— יאָ, איך בין אַן אַרבעטער, אַ באָלשעוויק. פאַרשטייסט? און דו אַנטלויף . . . זיי געזונט, ברודערל, גיב די לאַפּע. מיר זיינען דאָך קרויווים, און מיט קרויווים געזעגנט מען זיך ניט אַזוי.

זייערע הענט האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן, זיי האָבן געקוקט זיך אין די אויגן. ערשט ניט לאַנג סאָנים — איצט כאַווירים: אַ הויכער שלאַנקער סאָלדאַט פון דייטשלאַנד און אַ קליינינקער רוסישער סאָלדאַט.

איבערן וואַלד האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן טריט פון דער סאָלדאַטן-קייט, וועלכע האָט זיך דערנענטערט, דער דייטשישער סאָלדאַט האָט אַ מורמל געטאָן: „אין קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטן וועלן מיר זיין אין דיזעלבע טרענטשעס, איאָ, כאַווער?“ — און איז געשווינד אַרויס-געשפּרונגען פון גרוב.

# געכאַפּט אַן אַמעריקאַנער

## פון וואַס. איוואַנאָוו

אַ פויער איז מיט אַ געשריי אריין אין געסל:

— געכאַפּט אַ „מעריקאַנער“, ברי-דע-ער!

אין געסל האָבן זיך באַוויזן דריי פויערים. צווישן זיי אינדערמיטן איז געגאַנגען, אומטערהינקענדיק אַביסל, אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אָנגעטאָן אין אַ זומערדיקער אוניפאָרם.

דאָס פּאָנעם איז באַ אים געווען געגאָלט, יונג. ס׳האָבן דער-שראָקן געציטערט זיינע ציין.

אַ לאַנגפיסיקער פויער, וואָס האָט באַגלייט דעם אַמעריקאַנער, האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָס באַ אייך דער עלטסטער?

— צוליב וואָס דאַרפסטו אים? — האָט זיך אָפּגערופן דער פּאַרטיזאַן ווערשינין.

— ער איז דער עלטסטער! — האָט איינער אָנגעוויזן אַף ווער־שינינען, און געפרעגט:

— ווי אַזוי האָט איר אים געכאַפּט?

דער לאַנגפיסיקער פויער האָט דערציילט:

— זיי זיינען געפאָרן אין צווייען, די „מעריקאַנער“. זיי האָבן געפירט אַף אַ וועגל מילך אין קעסטלעך. אַ שלעכט פאָלק זיינען זיי. געקומען מילכאָמע האַלטן און פרעסן מילך מיט שאָקאָלאַד. איינעם האָבן מיר צערעכט געמאַכט און דער־אָ האָט פאַריסן די הענט. נו האָבן מיר אים אַהער געבראַכט.

דער אַמעריקאַנער איז געשטאַנען זעלנעריש אויסגעגלייכט און ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון ווערשינינען.

די פויערים האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט.

— אַזאַ מייסע!

— מע דאַרף אים דערשיסן!

— מאַכן אַ סאָף און אוים!

— זיי צינדן אונדזערע הייזער!

— געשיקט זיי באַלעבאַטעווען אין אונדזער לאַנד!

— מען דאַרף זיי אָנלערנען — זיי זאָלן ניט קומען אין אונדזער לאַנד באַלעבאַטעווען.

דער אַמעריקאַנישער סאָלדאַט האָט זיך איינגעהויקערט און אַ צעשראָקענער אריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

אין דער רעגע איז אַפן וואָגן אַרויפגעקראָכן דער אַרבעטער זנאבאוו און אויסגעשריען:

— וואַרט! כאַוויירים!

די פּאַרטיזאַנען זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

— ניט שלאָגן, כאַוויירים! אויפקלערן אים דאַרף מען און אָפּ־לאָזן. זאָל ער זיך באַקענען מיט דעם באָלשעוויסטישן עמעס.

מיטאַמאָל האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ! אָן איינפאַל!

— גערעכט, גערעכט! — האָבן אייניקע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

דער אַמעריקאַנער האָט געפינטלט מיט די אויגן, געשמייכלט און גאָרנישט פאַרשטאַנען.

אָקאָראָק האָט הויך, מיט זיין גאַנצער שטים אויסגעשריען צום אַמעריקאַנער:

— גיב זיי דאָרטן צו פאַרשטיין, די אַמעריקאַנער, אַז ס׳איז ניט פיין פון זייער זייט. צו־וואָס זאָלט איר אונדז שטערן!

ווערשינינען האָט צוגעגעבן:

— אַלע אָרנטלעכע מענטשן דאַרפן דאָס פאַרשטיין. — איר זייט אַזוינע פויערים ווי מיר, איר אַקערט, איר זייט.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעקוקט און געזאָגט: I don’t understand

די פויערים האָבן זיך איבערגעקוקט.

אָקאָראָק האָט געזאָגט:

— ער פאַרשטייט נים קיין רוסיש. עפשער עפּעס אַ ביכל געפונען. נאָר די געפונענע ביכער זיינען אַלע געווען רוסישע.

די פויערטע אוודאָטיע איז אַוועק, זיך לאַנג געגראָבן אין די קאַסטנס ביכער און צום סאָף האָט זי געבראַכט אַ צעקנייטשטע לערנבוך פון רעליגיע.

זנאַבאָוו האָט צוגערופן דעם אַמעריקאַנער:

— הער, כאַווער, קום אַהער.

דער אַמעריקאַנער איז צוגעגאַנגען.

— לענין — האָט הויך אַזאָג געטאָן זנאַבאָוו.

דער אַמעריקאַנער האָט אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן און מיט פרייד געענטפערט:

— דער׳ז עי טשעפ!

זנאַבאָוו האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין ברוסט און האָט אויסגעשריען עפּעס מיט אַ צעבראָכענער שפּראַך:

— סאָוועטסקאַ רעספּובליקאַ!

דער אַמעריקאַנער האָט אויסגעצויגן די הענט צו די פויערים און אויפגערעגט אַ געשריי געטאָן:

— איט איז פּריטי, אינדיד.

די פויערים האָבן מיט פרייד זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ער פאַרשטייט, דער כעוורעמאַן.

זנאַבאָוו האָט געעפנט דאָס לערנבוך פון רעליגיע. ער האָט געוויזן מיט די פינגער אין בילד, וואו אַווראָם האָט געבראַכט פאַר אַ קאָרבן איצכאָקן און אין דער הויך אין די הימלען איז געהאַנגען גאָט.

ער האָט גענומען דערקלערן:

— דער-אָ, וואָס מיטן מעסער — איז אַ בורזשוי, געפעלט דיר, וואָס פאַר אַ פּעמפּיק ער האָט אַרויסגעשפּארט, כאָטש נעם און הענג אויף אַ זייגער מיט אַ קייטל. און אָט-דאָרט אַפן האָלץ ליגט דער פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטאַנען?

דער אַמעריקאַנער האָט באַוויזן מיט דער האַנט זיך אין ברוסט און שטאָלץ אַרויסגעזאָגט:

— פּראָלעטאַריאַט!

די פויערים האָבן אַרומגעכאַפּט דעם אַמעריקאַנעם און מיט אַלע קויכעס געדריקט אים די הענט.

אָקאָראָק האָט אים געכאַפּט פאַרן קאָפּ, אַריינגעקוקט אין די אויגן און פון באַגייסטערונג זיך געריסן:

— יאַט דו איינער, דו זאָג זיי דאָרט, אַז מיר זיינען דאָ די באַלעבאַטים, דער פּראָלעטאַריאַט.

נאָר זנאַבאָוו האָט פאַרגעזעצט:

— ליגט ער, דער פּראָלעטאַריאַט אַפן האָלץ, און דער בורזשוי

שניידט אים און פון אויבן אין די הימלען זיצט דער יאפאנער, דער אַמעריקאנער, די ענגלענדער — אַט דאָס גאַנצע אימפעריאַליסטישע געזינדל.

דער אַמעריקאַנער האָט אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון קאָפּ און אויסגעדזשעדערט:

— אימפעריאַליזם! טו העל...

זנאַבאָוו האָט מיט צאָרן אַ שליידער געטאָן זיין היטל אין דער ערד:

— אימפעריאַליזם מיט די בורזשויען — צום טייוול!

דער עלטסטער, ווערשינין האָט באַפוילן:

— מען דאַרף אים געבן עסן, דערנאָכדעם אַרויספירן אַפן וועג און לאָזן פריי.

אַן אַלטער פּויער האָט אַ פרעג געטאָן:

— פאַרבינדן אים די אויגן ווען מיר וועלן אים פירן?

— ער וועט קיינעם אָהער ניט ברענגען?

די פּויערים האָבן באַשלאָסן:

— מע דאַרף ניט. ער וועט ניט אַרויסגעבן. ער איז אַ פּראָלע־טאַריאַט.

# צום מוליער

## פון מ. כאַשטשעוואַצקי

— מוליער, אַ מוליער, אין פאַרטעך אין גרויען,
וואָס בויסטו דאָ, מוליער, דערקלער.
— אַ טראַקטאָר־זאַוואָד, אַט דאָ זעסטו, מיר בויען,
דעם גרעסטן אין פסס״ר.

— מוליער, אָ, מוליער, איז זאָג מיר, איך בעט דיך,
דיין יאָגעניש, זאָג, וואָס באַטייט?
— אַך, לאָז צורו, ס׳איז בא אונז אַ געוועט דאָ,
מיר טאָרן פאַרלירן קיין צייט.

צו וואָס דער געוועט און מיט וועמען, אָ, זאָג נאָר,
און טראַקטאָרס, וואָס גייען דיר אָן?
— מיר דאַרפן די לענדער די רייכסטע דעריאָגן —
און טראַקטאָר וועט העלפן דאָס טאָן.

— מוליער, אָ מוליער, און ווער וועט באַלוינען,
פאַר יאָג און פאַר מי אָן אַ מאָס?
— מיר בויען אַליין און מיר אַלע אינאײנעם
און יעדער פון אונז באַלעבאָס...

# לייבקע בערלינטשיק

פון דאניעל

טרעפט אין שטעטל אַזאַ מייסע:
פון דער גרויסער דערבייאיקער שטאָט איז אין פאַריטש געקומען זייער אַ וויכטיקער טוער אין אַ לעדערנעם רעקל, אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען איבער די זאַמדיקע שמאָלע געסלעך און שוין שפּעט אינאָוונט די פּיאָנערן אין קלוב צונויפגערופן און דערציילט אַזאַ נײַס:

— כאַווײרים, פּיאָנערן!

פון דײַטשלאַנד, פון דער שטאָט בערלין, איז צו אונדז אין סאָוועטנלאַנד געקומען אַן אַרבעטער-דעלעגאַציע. אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי באַזוכן אייער שטעטל! צו יענעם טאָג דאַרפן אַלע געסלעך און פּלעצער זײַן ריין און באַפּוצט מיט רויטע פאָנען, די האָלדז-טיכלעך בײַ די פּיאָנערן אויסגעוואַשן און אָן פלעקן, די שיך — אויסגעפּוצט, די קליידער — גאַנץ און אָן לעכער און אין קעשענע בײַ יעדערן דאַרף זיך געפינען אַ קלאָר-ווײַס נאָזטיכל.

— שטענדיק גרייט! — האָבן די פאַריטשער פּיאָנערן פריילעך געענטפערט.

אין די אָרעמע אַרבעטער-הײַזלעך האָט מען גערייניקט און געוואַשן. די שול איז געוואָרן באַהאַנגען מיט רויטע פאָנען און באַשטעקט מיט גרינס און ריטלעך.

און פאַרנאַכט האָט מען זיך געקליבן אין דער אויסגעפּוצטער שול. דער לערער האָט דערציילט וועגן דער ווײַטער שטאָט בערלין. וועגן דעם, ווי אין יאָר 1919 זײַנען די דײַטשישע אַרבעטער אין די גאַסן אַרויס, באַריקאַדעס געבויט, געוואָלט די מאַכט אין אייגענע הענט פאַרכאַפּן, אָבער די פאַבריקאַנטן האָבן די צוויי מוטיקע, איבערגעגעבענע אַרבעטער-אָנפירער — ראָזע לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט — דערהאַרגעט, די קאָמוניסטן — אין די טפיסעס צעזעצט, און אַלץ איז געבליבן ווי געווען...

לייבקע האָט נאָך די אויסגעהערטע מייסעס באַשטימט, אַז גלײַך ווי ער קומט צוריק פון וואַלד, לויפט ער אַוועק אין בערלין, קומט דאָרט אָן אין אַ פאַבריק און העלפט די דײַטשישע אַרבעטער מאַכן די רעוואָלוציע...

דאָס שטעטל האָט זיך אַלץ געגרייט און געוואַרט, געוואַרט און געגרייט, ביז דער געגאַרטער טאָג איז געקומען.

פּעטראָוו — דער סעקרעטאַר פון קעמערל — האָט זיין האַנט איבער די אויגן פאַרשטעלט, געקוקט אין דער ווייט, און מיטאַמאָל אויסגעשריען:

— זיי פאָרן!

— זיי פאָרן!

די פייערלעשער האָבן גענומען העכער, פריילעכער אין די מעשענע טרובעס בלאָזן. די פּיאָנערן האָבן שטאַרקער, אויפגערעגטער אין די פּייקלעך געפּייקלט, און דאָס ווייטע, שוואַרצע פּינטעלע איז געוואָרן אַלץ נעענטער און קאָנטיקער.

— זיי פאָרן!! אָן שטייען זיי! אָן אויפן דעק פון שיף.

דער דאַמפּער האָט דאָס שטילע דורכזיכטיקע וואַסער אינצווייען צעשניטן, געטריבן שוימיקע כוואַליעס צום ברעג פון טייך, אַלץ נעענטער צום אויסגעפּוצטן ברעג געקומען.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אַלע האָבן די היטלען אַראָפּגענומען. די פאָנען און פּלאַקאַטן האָט מען אַפּריער אַרויסגעטראָגן, די פּיאָנערן האָבן הויך און אַלע מיטאַמאָל אויסגעשריען:

— זייט געגריסט, כאַווייריםǃ

די דייטשישע אַרבעטער האָבן געפּאַכעט מיט זייערע היטלעך און טיכלעך, געשריען אַף אַ מאָדנער שפּראַך וועגן רעוואָלוציע . . . סאָוועטנלאַנד . . . קאָמוניזם!!

געוועז שטאַרק צופרידן פון דער פריינטלעכער באַגעגעניש.

אַ גאַנצן אָוונט זיינען זיי אַרומגעגאַנגען איבער די שמאָלע פּאַריטשער געסלעך. דער אוילעם איז זיי נאָכגעגאַנגען, געקוקט, ווי די דייטשישע אַרבעטער באַטראַכטן לאַנג און גענוי די שול, די קאָאָפּעראַטיוו, דעם סאָוועט; פרעגן אוים ווי אַזוי ס׳לעבן בא אונז די פּויערים און באַלמעלאָכעס און פאַרשרייבן אַלץ בא זיך אין ביכעלעך.

לייבקע איז פון זיי אַ גאַנצן טאָג ניט אָפּגעטראָטן, זיי נאָכגעגאַנגען טראָט בא טראָט, זיך איינגעהערט אין זייער קימאַט „אידישן“ ריידן און אַלץ געוואָלט זיי פרעגן, פאַרוואָס זיי מאַכן ניט קיין רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד . . . און ווי אַזוי קען מען צו זיי אין בערלין קומען? .

אינאָוונט ווען די זון איז אַלץ בלייכער און בלאַסער געוואָרן, זיינען די דייטשישע אַרבעטער אין קלוב אַוועק.

אין קלוב זיינען געשטאַנען צוויי שורעס טישן, געדעקט מיט קלאָר-ווייסע טישטעכער.

לייבקע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל קלוב, מיט פאַרשפּיצטע

אויערן געהערט, ווי די דייטשישע אַרבעטער ענטפערן אַף אַלע באַ־גריסונגען און רעדעס.

לאַנג איז לייבקע אין ווינקל געשטאַנען, אַלץ געטראַכט און אי־בערגעטראַכט, ווי אַזוי צו איינעם פון זיי צוגיין.

ווען אַלע גרויסע רעדנער האָבן שוין אָפּגערעדט און אין קלוב איז אַף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, איז לייבקע פון ווינקל אַרויס. די שוואַר־צע אייגעלעך האָבן בײַ אים מאָדנע געברענט, די בעקלעך זיינען געווען רויט און אָנגעצונדן. ער איז מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צום עלטסטן פון די דייטשישע געסט און זיכער דערקלערט:

— איך וועל פאָרן קיין בערלין!... איך וויל אייך העלפן מאַכן אַ רעוואָלוציע!...

דער עלטסטער פון דער דעלעגאַציע האָט אַ ווײַלע באַקוקט דעם שלאַנקן אינגל, דערנאָך איז ער ניט געאיילט פון זיין אָרט אויפ־געשטאַנען, לייבקען הויך, הויך אַף די הענט אויפגעהויבן און גע־נומען שרייען:

— כאַווײַרים אָט דער אינגל וויל מיט אונדז פאָרן. ער וויל אונדז העלפן מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!...

די דייטשישע אַרבעטער זיינען פון די בענק אויפגעשטאַנען און לייבקען לאַנג אינדערלופטן געהוידעט, געשריען צו אים בראַוואָ־אוים־געשרייען און צום סאָף ערנסט צוגעזאָגט:

— מיר נעמען דיך אין בערלין!...

שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זיינען די דייטשישע אַרבעטער צוריק אָפּגעפאָרן.

לייבקע האָט געוואַרט אַף זייער צוריקומען, גאַנצע טעג אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרכאַלעמטער און פאַרטראַכטער, פאַרוואָרפן און פאַר־לאָזן די שול און פיאָנער־אָטריאַד.

די שטעטלדיקע אינגלעך האָבן צו אים געבראַכט אַסאַך מאַ־טאָנעס פאַר די דייטשישע פיאָנערן: בילדער און ביכלעך, עמבלעמען און האַלדזטיכלעך.

לייבקע האָט די געבראַכטע מאַטאָנעס באַהאַלטן, מיט די שטעטל־דיקע פיאָנערן און כאַווײַרים פון שול זיך צעזעגנט און אומגעדולדיק געוואַרט, די דייטשישע דעלעגאַטן זאָלן שוין קומען צוריק.

דערווייל האָבן זיך די זומערדיקע טעג אויסגעפלאָכטן אין וואָכן, וואָכן — אין כאַדאָשים, און האַרבסט איז געקומען.

די שול־כאַווײַרים און שטעטלדיקע פיאָנערן האָבן דערזען, אַז לייבקע זיצט נאָך אין פאַריטש, אַז די דייטשישע דעלעגאַטן קומען ניט צוריק, האָבן זי די מאַטאָנעס און בריוו פון אים צוגענומען און אים אָנגעהויבן רופן „לייבקע בערלינטשיק!“

אין שול האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים, אין אָטריאַד — די שמועסן און זאַמלונגען. לייבקע איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער און זיי־טיקער, אַלץ געפרעגט און אויסגעפרעגט באַם לערער, וואו ס׳געפינט זיך איצט די דייטשישע דעלעגאַציע?

דער לערער האָט אים דערציילט, אַז די דעלעגאַציע געפינט זיך איצט זייער ווייט, באַ די אוראַלער בערג, אַז איר קאָנט אויסקומען מיט אַן אַנדער וועג אין בערלין זיך אומקערן . . .

— איצט איז פאַרפאַלן. איצט וועלן זיי שוין ניט קומען, — האָט לייבקע פאַר זיך געטראַכט.

איינמאָל, ווען ער איז אין קלוב געקומען, האָט אים דער עלטסטער איבערגעגעבן אַ בריוו.

דער בריוו איז געווען פון די דייטשישע אַרבעטער, געשריבן אין דייטש. דער לערער האָט די עלטערע קינדער איינעם צונויפגערופן און הויך אויסגעלייענט:

„טייערער יונגער חבר לייבקע!

מיר באַדויערן זייער, וואָס אונדז איז אויסגעקומען זיך אומקערן דורך אַן אַנדער וועג. צו אייך אין שטעטל נאָכאַמאָל קומען איז געווען פאַר אונדז אומעגלעך.

מיר זאָגן דיר צו, יונגער כאַווער, אַז נאָכדעם ווי מיר זיינען אויסגעווען אין דאָנבאַס און אויפן אוראַל, נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי אַזוי ס'לעבן די רוסישע אַרבעטער און פויערים, וועלן מיר אַזוי שנעל ווי מעגלעך מאַכן אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. דאַן וועלן מיר קאָנען גיך און אומגעשטערט פאָרן איינע צו די אַנדערע אין געסט. איצט שטייען נאָך דיקע, אייזערנע ווענט צווישן אייער אַרבעטער-רעפּובליק און אונדזער לאַנד, וואו ס'הערשן די רייכע פאַבריקאַנטן.

דערווייל לערן זיך גוט אין שול, זיי אַן איבערגעגעבענער פּיאָנער. באַ אייך אין לאַנד איז נאָך אויך ניט אַלץ איינגעאָרדנט. נאָך אַסאַך מי און שוויים וועט דער אַרבעטער מענטש דאַרפן פאַטערן, איידער איר וועט אויסבויען דעם סאָציאַליזם. זיי איינער פון די איבערגעגעבענע בויער. גיב איבער אַ גרוס דיינע שול-כאַווירים און יונגע פּיאָנערן. מיר האָבן וועגן אייך זייער פיל דערציילט אונדזערע קינדער. זיי וואַרטן אויף אייער בריוו.

אייערע עלטערע כאַווירים און פריינט
ראָבערט, אייגען, קאַרל און לודוויק.“

לאַנג ביז שפּעט זיינען די קינדער מיטן לערער אָפּגעזעסן אין קלוב. אַלץ גערעדט און באַטראַכט דעם בריוו צו לייבקען. לייבקע האָט דעם בריוו טיף, טיף אין בוזעם באַהאַלטן. די שוואַרצע אייגעלעך האָבן באַ אים געפינקלט פאַר פרייד, וואָס די דייטשישע אַרבעטער האָבן אים ניט פאַרגעסן. ער האָט צוגעזאָגט דעם לערער און די כאַווירים, אַז ער וועט אויספילן די אייצעס פון די דייטשישע אַרבעטער, אַז ער וועט צוריק ווערן אַ גוטער שילער און אַן איבערגעגעבענער אַקטיווער פּיאָנער . . .

די כאַווירים האָבן לייבקען שטאַרק די האַנט געדריקט, אַזוי ווי ער וואָלט פון אַ וויטער רייזע געקומען. באַשטימט די דייטשישע קינדער אַ בריוו אָנשרייבן און מיט הילכיקע לידער אַהיים אַוועק.

# בירא־בידזשאַן

פון ל. מילער

מיר קומען פון געסלעך צעדרייטע
מיר גייען מיט מוטיקן שפאַן
מיר גייען אַף וועגן דערפרייטע
מיר גייען קיין בירא־בידזשאַן.

די פלייצעס געבויגן נאָך זיינען
ניט זיכער נאָך איז אונדזער שפאַן
געפירט באַ דער האַנט האָט אונדז לענין
געפירט אונדז קיין בירא־בידזשאַן.

די צייטן פון בענקען נאָך ציען
ניטאָ שוין קיין זייכער פון דאַן,
מיר לערנען זיך ערלעך דאָ מיען
מיר בויען־אויף בירא־בידזשאַן.

שוין זיינען די פעלדער פאַרזייטע
שוין זיינען פאַבריקן פאַראַן,
איך ברידער אין לענדער צעשפרייטע
מיר גריסן פון בירא־בידזשאַן.

מיר גריסן אין לויף פון געוועטן
ס'איז אַרבעט אַסאַך נאָך פאַראַן,
אַ רינג פון דער קייט פון סאָוועטן
געוואָרן איז בירא־בידזשאַן.

# פראַגן

1. וועלכע איז אַן אַרבעטער פּאַרטיי אין אַמעריקע און וועלכע זיינען פאַשיסטישע און סאָציאַל פאַשיסטישע ?

2. פאַר וואָס דאַרף יעדער אַרבעטער שטימען פאַר דער קאָמוניס-טישער פּאַרטיי ?

3. קען מען זיין אַ סאָציאַליסט און העלפן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג ?

4. אין וואָס באַשטייען די צוגרייטונגען פון אַמעריקע צו מילכאָמע ?

5. קאָן דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אויסקומען אָן מילכאָמע ?

6. וואָס דאַרפן טאָן די אַרבעטער אין צייט פון מילכאָמע ?

7. פאַר וואָס האָט אַמעריקע געשיקט סאָלדאַטן קעגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד ?

8. ווער איז די „נעשאָנאַל גאַרד“ ? און וואָס ווערט זי באַנוצט ?

9. זיינען די באָי סקאַוטס קעגן מילכאָמע ?

10. פאַר וואָס האָט סאָוועטן פאַרבאַנד איבערגעגעבן בירא־בידזשאַן צו אידן ?

# אָן אַ פּלאַן

## פון מ. אילין

מיסטער פאַקס האָט געקראָגן אַ גאַנצן מיליאָן דאלער. אָבער וואָס טויג עס, אַז געלט זאָל ליגן אַזוי זיך? מיסטער פאַקס זוכט, וואָס צו טאָן מיט זיין געלט. ער לייענט ציימונגען, פרעגט זיך אָן בא זיינע פריינט, שטעלט אָן מענטשן, אַז זיי זאָלן זוכן פאַר אים געשעפטן. זיינע אַגענטן אַרבעטן פאַר אים שווער. זיי לויפן אַרום איבערן שטאָט זוכן, שמעקן: גוואַלד, וואָס טוט מען מיט מיסטער פאַקסעס מיליאָן דאָלער?

ענדלעך געפונען! היטלען! אָט וואָס מען זאָל טאָן מיטן געלט. פאַרקויפן היטלען. מענטשן ווערן דערפון איצטער רייך.

נו, איז וואָס איז דאָ צו קלערן? מיסטער פאַקס בויט אויף אַ גרויסע פאַבריק פון היטלען.

אין דערזעלבער צייט זוכן אויך וואָס צו טאָן מיט זייער געלט מיסטער באַקס און מיסטער קראַקס און מיסטער נאַקס. אַלע האָבן געפונען דיזעלביקע זאַך. אַלע באַזונדער בויען פאַבריקן פון היטלען.

אביסל שפּעטער וואַקסן אוים נייע פאַבריקן פון היטלען איבערן לאַנד. די פאַבריקן זיינען אָנגעשטאָפּט ביז די באַלקנס מיט היטלען. די ווערהייזער זיינען פול מיט היטלען. איבער די גאַסן, אַף די וועגן זעט מען אויפשריפטן מיט פאַרב, אָדער עלעקטרישע אויפשריפטן: „היטלען! היטלען! קויפט היטלען!" ס'זיינען שוין פאַראַן מער היטלען ווי קעפּ; צוויי מאָל אַזויפיל! דריי מאָל אַזויפיל! און די פאַבריקן אַרבעטן נאָך אַלץ! זיי אַרבעטן אין פולן גאַנג!

דאָ טרעפט מיטאַמאָל אַ זאַך, אַף וועלכער ניט מיסטער פאַקס, און ניט מיסטער קאַקס, און ניט מיסטער נאַקס, און ניט מיסטער קראַקס האָבן זיך גערעכנט: מענטשן הערן אויף צו קויפן היטלען. מיסטער נאַקס מאַכט די היטלען ביליגער אויף 20 סענט, מיסטער באַקס — אַף 40 סענט. מיסטער פאַקס פאַרקויפט שוין היטלען פאַר אַ קלענערן פרייז, ווי זיי קאָסטן אים אַליין. אָבער ס'העלפט ניט. געשעפטן ווערן ערגער און ערגער

עס באַווייזן זיך אַנאָנסן אין אַלע ציימונגען:

מענטשן! איר האָט טאַקע אַלע צו איין קאָפּ, אָבער עס מיינט נאָך ניט, אַז איר דאַרפט טראָגן צו איין היטל. יעדער עמעסער אַמעריקאַנער מוז האָבן דריי היטלען. אייערע היטלען זאָלט איר קויפן בא מיסטער פאַקסן.

מיסטער באַקס אַנאָנסירט, אַז ער פאַרקויפט זיינע הוטלען אַף אויסצאָלן. מען קען צאָלן צוביסלעך דריי יאָר נאָכאַנאַנד.

מיסטער נאַקס אַנאָנסירט אַן אויספאַרקויף:

בינג! בענג! באַנג! פרייזן זיינען געפאַלן ביז צו דער

ערד! אַן אויספּאַרקויף פאַר בלויז איין טאָג! פאַרשלאָפט ניט! נוצט אויס די געלעגנהייט!

אָבער דאָס העלפט אויך ניט. וואָס טוט מיסטער פּאַקס? ער פאַרקלענערט זיינע סכירעס פון די אַרבעטער אַף איין דאָלער אַ וואָך. מיסטער נאַקס פאַרקלענערט די סכירעס אַף 2 דאָלער. געשעפטן טויגן אָבער ניט. זיי ווערן ערגער און ערגער.

מיטאַמאָל — סטאָפּ! מיסטער פּאַקס פאַרמאַכט זיין פאַבריק. 2000 אַרבעטער פאַרלירן זייער אַרבעט. אַף מאָרגן פאַרמאַכט זיין פאַבריק מיסטער נאַקס, אַף איבערמאָרגן מיסטער באַקס. אין אַ וואָך אַרום זיינען קימאַט אַלע היטל-פאַבריקן פאַרמאַכט. טויזנטער אַרבע-טער גייען אַרום איבער די גאַסן. די מאַשינען זשאַווערן. די טירן פון די פאַבריקן זיינען פאַרשלאָסן.

עס גייט אַריבער אַ יאָר, צוויי; די היטלען, וואָס ס׳האָט אַמאָל פאַרקויפט מיסטער פּאַקס און מיסטער באַקס, און מיסטער נאַקס ווערן צעריסן. מענטשן הייבן ווידער אָן קויפן היטלען. אין די קראָמען פעלן שוין אויס היטלען. די פּרייזן אַף היטלען ווערן העכער און העכער.

איצט איז שוין ניט אַ מיסטער פּאַקס, נאָר אַ מיסטער דודל זוכט פאַר אַ מיליאָן דאָלער געשעפטן. ער געפינט אויס — היטלען. אין דערזעלביקער צייט געפינען אויס דיזעלביקע זאַך מיסטער בודל און מיסטער נודל. עס כאַזערט זיך איבער נאָך אַמאָל דיזעלביקע אַלטע מייסע.

די מייסע מיט היטלען קען אויך זיין אַ מייסע מיט שיך, מיט צוקער, מיט קוילן און מיט אויל. פאַבריקן וואַקסן אויף און פּלאַצן, ווי זייף-בלאָזן. עמיצער קען דענקען, אַז די מענטשן זיינען דאָ מעשוגע.

# אַ לאַנד פון מעשוגאָים

## פון מ. אילין

אַ באַן איז געלאָפן פון דער שטאָט וואַשינגטאָן, איין לאָקאָמאָטיוו מיט דרייסיק וואַגאָנעס. אַלע וואַגאָנעס זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט קאַוועס (וואָטערמעלאָנס). די קאַוועס זיינען געווען גרויסע, גרינע, צייטיקע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיי געשלעפּט ווייטער צום צאָפן (נאָרד).

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם ברעג פון דעם טייך פּאָטאָ-מעק. די אַרבעטער זיינען אַרויסגעקראָכן פון די וואַגאָנעס און פאַ-נאַנדערגעעפנט אַלע טירן.

מיטאַמאָל! וואָס טוען דאָס די אַרבעטער? קאַוועס פליען אין וואַסער אַריין איינע נאָך די אַנדערע. בוך! בוך! בוך! זיי פאַלן

אריין אין טייך ווי קראַקעט-באָלן, קלאַפּן זיך אָן איינע אָן דער אַנ-דערער און צעשפּאַלטן זיך אַף שטיקער. אינמיטן טייך איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גרינער אינזל. דער אינזל שווימט אַרום. נאָך קאָוועגעס פליען אין וואַסער, נאָך און נאָך. אויסגעליידיקט דעם ערשטן וואַגאָן — נעמט מען זיך פאַר דעם צווייטן, דעם דריטן און דעם פערטן. די אַרבעט גייט אָן סיסטעמאַטיש. עס נעמט צוויי מינוטן אויסליידיקן אַ וואַגאָן. 30 וואַגאָנעס אין אַ שטונדע.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבן צו פייפן. די אַרבעטער זיינען אַריינגעשפּרונגען צוריק אין די וואַגאָנעס און די באַן איז געלאָפן צוריק קיין וואַשינגטאָן.

די קאָוועגעס אין וואַסער זיינען געשוואומען מיטן שטראָם, גע-טראָגן זיך אַרונטער דעם טייך פּאָטאָמעק.

וואָס עס איז געשען מיט די קאָוועגעס האָט אויך געטראָפן מיט מילך, קאָרן, גרינס און פּרוכטן.

אין יאָר 1933 האָט פּרעזידענט רוזוועלט צוגעצאָלט די פּאַרמערס געלט, אַז זאָלן ניט פאַרזייען טיילן פון זייערע פעלדער.

אַף די באַוול-פּלאַנטאַציעס, אין דאָרעם, האָדעוועט מען אַזאַ ווערעמל, וועלכער זאָל אויפפרעסן דעם באַוול אַף די פעלדער.

אויטאָמאָביל-פאַבריקאַנטן גיבן אויס מיליאָנען דאָלערס אַ יאָר צו קויפן און ברעכן אַף שטיקער אַלטע אויטאָמאָבילן. שיף-קאָמפּאַ-ניעס דערטרינקען זייערע אייגענע שיפן.

וואָס מיינט עס? פאַרוואָס וואַרפט מען אין וואַסער קאָוועגעס? פאַרוואָס גיסט מען אויס מילך? פאַרוואָס פאַרברענט מען קאָרן? פאַרוואָס צעברעכט מען אויטאָמאָבילן? פאַרוואָס דערטרינקט מען שיפן? זיינען די מענטשן משוגע? ווער פאַרדינט פון דעם?

יעס, עס פאַרדינט מיסטער פּאַקס און מיסטער באַקס און מיסטער נאַקס. מיסטער פּאַקס פאַרברענט וואַגאָנעס מיט קאָרן, ער זאָל קאָנען האַלטן הויך דעם פּרייז פון זיין איבעריקן קאָרן. מיסטער באַקס הייסט אויסגיסן טויזנטער פלעשער מיט מילך, ווייל ער וויל ניט, אַז מילך זאָל ווערן ביליג. וואָס מאַכט אים אויס, אַז אָרעמע קינדער הונגערן און עס פעלט זיי אויס ברויט, מילך, גרינס און פּרוכטן?

אין אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט מיליאָנען מאַשינען און ווערהייזער זיינען איבערגעפּאַקט מיט גוטס, גייען טויזנטער מענטשן אַרום הונ-געריק און דאָס עסנוואַרג וואַרפט מען אין טייכן. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

דאָס איז דערפאַר ווייל די מאַשינען און די סכוירעס געהערן ניט צו אַלע מענטשן, נאָר צו עטלעכע, געציילטע. דער אויטאָמאָביל „קעניג“, פאָרד, פאַרמאָגט 60 אויטאָמאָביל פאַבריקן אין אַמעריקע און 28 אין אַנדערע לענדער. ער פאַרמאָגט זיינע אייגענע באַנען, אייגענע שיפן, אייגענע וועלדער, אייגענע בערג און אייגענע טייכן. ווען מען זאָל צונויפזאַמלען אַלע אַרבעטער פון פאָרדן און אָוועקזעצן

זיי אַף איין אָרט, וואָלט געוואָרן אַ שטאָט פון דריי מיליאָן אַרבעטער.

די מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַלץ, טוען מיט די זאַכן אַלץ וואָס זיי ווילן אַבי צו האָבן גרויסע פּראָפיטן.

עטלעכע מענטשן פאַרמאָגן די מאַשינעס, מיליאָנען מענטשן אַרבעטן פאַר זיי. אַז קיין אַרבעט איז ניטאָ, ליידן זיי פון הונגער.

# מיר סטרייקן

## פון שאָלעם-אַליכעם

.1

מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אַף דער וועלט, ווי אַז מע סטרייקט.

מיין ברודער עליע און זיין כאַווער פיניע האָבן אויפגעהערט צו גיין אין שאַפּ. אונדזער שטוב האָט שוין גאָר אַנאַנדער פּאָנים, זינט זיי זיינען אינדערהיים. אַזוי האָבן מיר זיך אָנגעקוקט איינמאָל אין וואָך — זונטיק, ווייל, אַז מען אַרבעט אין שאַפּ, מוז מען אויפשטיין פאַרטאָג, קעדיי מע זאָל ניט פאַרשפּעטיקן. און אַז זיי זיינען געקומען אַהיים, פלעג איך שוין שלאָפן. זיי פלעגן קומען זייער שפּעט, ווייל זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטיים", קעדיי זיי זאָלען קאָנען מער פאַרדינען. אַי, אַז ס'איז געקומען צום צאָלן, האָט מען באַ זיי אָפּגעריסן טעג — וואָס זיינען זיי שולדיק?

— זאָל זיך דאַכטן, גאַזלאָנים זיינען אונדז באַפאַלן — אַזוי האָט געזאָגט מיין ברודער עליע.

— זאָל זיך דאַכטן, דו ביסט אַ לעקיש! — זאָגט צו אים מיין שוועגערן בראָכע. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. זי זאָגט אַז אַלע פּאָרלייט און אַלע באָסעס וואָלטן באַ איר געקיט די ערד. און איר מעגט איר גלויבן. בראָכע קאָן!

.2

אַלע שעפּער האָבן דערקלערט אַ סטרייק. דאָס הייסט, אַלע שניידערס, וויפיל ס'איז פאַראַן אין ניו יאָרק, האָבן אַוועקגעלייגט שער און אייזן און — גוד-באַי.

וויי-וויי, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין דערהיים, און אַף דער סטריט, און אין די „האָלס"! אַ „האָל" — איז אַ זאַל, אָדער אַ טעאַטער. מען קלויבט זיך צונויף אַהין אַלע שניידער פון גאַנץ ניו יאָרק אַף אַ מיטינג, און מע רעדט, און מע רעדט . . .

איר הערט זיך דאָרט אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרייק", „יוניאָן", „אָרגאַניזירט", „פּערציק שטונדן", „העכערע ווידזשעס", סקעבס"; פּיקעטס" און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט זיי ניט. מיין כאַ-

ווער מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ, נאָר געבן מיר צו פאַרשטיין קאָן ער ניט. „וועסט עלטער ווערן — זאָגט ער מיר — וועסטו אַליין פאַרשטיין". עס קאָן זיין . . .

.3

דערווייל גייען אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. דער סטרייק איז אַ סטרייק. די אַרבעטער זיינען שטאָל און אייזן. מיטינגען מאַכט מען אַלע טאָג. און אַלע מאָל אַף אַ נייעם פּלאַץ. די מאַנופעקטשורערס, הער איך זאָגן, האַלטן זיך אויך שטאַרק. זיי ווילן ניט נאָכגעבן. זיי וועלן אָבער מוזן נאָכגעבן. אַזוי זאָגן אַלע.

ניטאָ אַ זאַך, וואָס די אַרבעטער זאָלן ניט אויספירן, ווען זיי זאָלן וועלן. עס האַלט שוין באַם לעצטן מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפן, איז עק וועלט! אַזוי זאָגן אונדזערע לייט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטל? מיר וועלן צונויפזאַמלען אַלע סטרייקער פון גאַנץ ניו יאָרק און מיר וועלן דורכגיין איבער די סטריטן מיט אַ מאַרטש. דאָס הייסט, צענדליקער טויזנטער שניידער וועלן מאַרשירן מיט פאָנען און פלאַקאַטן איבער דער שטאָט. מיר און מיין כאַווער מענדלען איז דאָס דאָזיקע געפעלן. מיר וועלן זיין די ערשטע . . .

.4

מיר האָבן שוין געהאַלטן מיטן סטרייק גאַנץ ווייט. איך און מ'ין כאַווער מענדל האָבן זיך שוין צוגעגרייט, ווי מע גרייט זיך צו צו דעם פערטן דזשוליי. דעמאָלט איז אַ יאָנטעוו אין אַמעריקע. מע שיסט אַף דער סטריט מיט די פייער-קרעקערס און עס טרעפט זיך, זאָגט מען, אַז מען דערהאַרגעט אַ מענטשן. אַ קלייניקייט — דער פערטער דזשוליי?

איך און מענדל זיינען שוין געווען יאָנטעוודיק. איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן די סימכע. אַף קאַנעל סטריט האָט מען געהאַרגעט אַ מענטשן. די יעדיע האָט אונדז געבראַכט פיניע. ער איז געווען אַפן אָרט און האָט געזען דעם געהאַרגעטן. ער זאָגט, אַז דער מענטש האָט פאַרדינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, אַ גענגסטער. פרעגט אים די מאַמע: „וואָס הייסט אַ גענגסטער, אַ גאַזלען?" זאָגט פיניע: „ערגער פון אַ גאַזלען!" פרעגט אים די מאַמע: „וואָס קען זיין ערגער פון אַ גאַזלען?" זאָגט פיניע: „אַ גענגסטער!" ווייל אַ גאַזלען איז אַ גאַזלען, און אַ גענגסטער איז אַ געדונגענער גאַזלען. אים האָט מע געדונגען, ער זאָל שלאָגן די סטרייקערס. איז ער באַפאַלן אַ מיידל, אַ סטרייקערן, און האָט זיך פאַרמאָסטן זי צו שלאָגן. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד זיינען זיך צעניפגעלאָפן מענטשן און ס'איז אַרויס אַ געשלעג.

מער האָט מע פון פיניען ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען גאָרניט . . .

5.

ביז עפּעס וואָס, דערוויל האָט עס אונדז געטראָפן: מיך און מיין כאַווער מענדלען. די מאַמע האָט זיך געשוואָרן בא איר גע־זונט און בא איר לעבן, אַז זי וועט אונדז ניט אַרויסלאָזן אַף דער סטריט פאַר קיין געלט אין דער וועלט. ניט מיך, ניט מענדלען, ניט עליען . . . וויל, ווי באַלד אַז עס האַלט שוין, זאָגט זי, אַזוי ווייט אַז מע הארגעט מענטשן אין סטריט — איז שוין עק וועלט.

# ברויטליין

## פון עלענאָר קלעימאַן

די שטאָט איז פול מיט ברויט-ליינס. די מאַמעס שטייען שוין ניט מער בא די פענצטער און וואַרטן אַז די קינדער זאָלן קומען עסן דינער. זיי האָבן זיי ניט וואָס צו געבן. קינדער הונגערן, נעמט די שטאָט-רעגירונג אַרונטער פון לערערס מאַגערן געהאַלט און טיילט אויס זופּ צו די הונגעריקע קינדער אין די סקולס.

יעדן טאָג שטייען קינדער אין דער קעלט, אין דעם שול-הויף מיט פרייז-שפּייז קאַרטלעך אין די הענט און וואַרטן אַפן עסן.

מיט יעדן טאָג זיינען אין דער ליין צוגעקומען אַלץ מער און מער קינדער. איצט שלענגלט זי זיך שוין איבערן גאַנצן הויף.

פּאַבליק סקול נומער 600 געפינט זיך אין אַן אָרעמען געגנט, ניט ווייט פון האַפן. אין דער געגנט געפינט זיך אויך מיסטער קאַלים פאַבריק פון פּאַפּירענע שאַכטלען. שוין עטלעכע כאַדאָשים אַז די אַרבעטער סטרייקן דאָרטן.

סקאַטי, ענדי און דזשאָן שטייען אין דער ריי. מיט זיי שטייט לוסיעל, אַ נעגער מיידל, און זינגט אַ לידל. זיי וואַרטן אַף אייבין, וועלכער האָט היינט פאַרשפּעטיקט.

די לערערן איז נאָך ניטאָ, שטייען די קינדער און רעדן צווישן זיך.

— וואָס קאָכט מען היינט?

— עס שמעקט ווי טאָמייטע-זופּ. איך האָב עס דערשמעקט אַפן דריטן שטאָק.

— נו, דו האָסט אַ גוטן שמעקער. בא מיר בורטשעט אַזוי אין בויך, אַז איך קען גאָרניט הערן און גאָרניט פילן אַכוץ הונגער. אָך, בין איך הונגעריק.

— אַי וואָלט איך געשלונגען ספּאַגעטי.

וואָס עפּעס ספּאַגעטי? עפּשער אייז-קרים?

— וועל איך אַמאָל זען אַ שטיקל פליייש אין מיין טעלער? — פּאַנטאַזירט לוסיעל.

— רעדט איר, קינדער, קיינמאָל ניט, וועגן קיין אַנדער זאַך, אַכוץ עסן? — פרעגט ענדי.

— וואָס איז דען וויכטיקער ענדי? — ענטפערט דזשאַן.

— אָ, ווען מיין טאַטע אַרבעט, וואָלט איך דאָ ניט געשטאַנען!

דער אַלטער קאָל איז נעכטן אַוועקגעפאָרן קיין פלארידע. אים אַרט ניט ווי לאַנג דער סטרייק וועט אָנגיין.

— דזשי, ס'איז שלעכט.

איצט איז שוין דאָ די לערערן. זי גיט אַכטונג אַף דער ריי. זי לויפט אַרום פון איין עק ריי צו דער צווייטער און שטילט איין די קינדער. פון מאָנאַטן לאַנג שטייען אין דער ריי פאַר פרייער שפּייז, איז דאָס געפיל פון שעמעוודיקייט פאַרביטן געוואָרן אַף אַ געפיל פון כאַווערישקייט און איבערגעבנקייט פון אײנעם צום צווייטן.

— וואו איז איבי? — האָט ענדי שטיל געפרעגט דזשאַני'ן — איז ער קראנק?

— ניין, ער איז אין סקול, עפשער האָט מען אים באַשטראָפט, אָדער עפשער וויל ער ניט עסן.

— עפשער, עפשער, עפשער איז ער מעשוגע געוואָרן.

— איך האָב ניט געזאָגט, אַז ער וועט ניט קומען — האָט דזשאַן זיך פאַרענטפערט.

— שטיל זאָל זיין, — האָט מיס עלים שאַרף אַ זאָג געטאָן.

אַ הונדערט פּאָר אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט.

מיס עלים איז היינט געווען שטרענגער ווי שטענדיק, ווייל ס'איז איר געווען קאַלט. זי האָט אָבער געמוזט שטיין און היטן — דאָס איז געווען דער אָרדער פון פּרינציפּאַל. זי האָט פּאָרזיכטיק געהיט, אַז קיין קינד וואָס איז ניט אַף דער הונגער-ליסט, זאָל זיך אַריינכאַפּן אין ריי.

ענדי און דזשאַן האָבן געהאַלטן זייערע אויגן אַף די טרעפּ: וואו איז איבי?

— אָט קומט ער. — האָט לוסיעל געזאָגט צו ענדי'ן.

איבי'ס פּאָנעם איז געווען אָנגעכמורעט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ריי און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דזשאַני'ן און ענדי'ן.

— איך טאָר דאָ ניט זיין — האָט איבי שטיל געמורמלט — איך קריג מער ניט קיין עסן. מען האָט זיך דערוואוסט אַז מיין ברודער האָט אַ דזשאַב, האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון ליסט. ער וועט אָבער דאַרפן וואַרטן אַ וואָך ביז ער וועט קריגן באַצאָלט גאַנצע זעקס דאָלאַר. איך וועל זיך בעסער אָפּטראָגן, איידער מע באַמערקט מיך. איך בין אייך בלויז געקומען זאָגן דאָס.

— בלייב, איבי, וועסט גיין מיט אונדז און דו וועסט קריגן עסן, — האָט ענדי שטיל באַפוילן.

— זאָל זיין שטיל — האָט מיס עלים אַ געשריי געטאָן. — דער פּרינציפּאַל האָט פיינט טומל.

זיי זיינען אַלע שטיל געוואָרן. זייער שטיל. זיי האָבן זיך שטיל און שנעל געררוקט צום עס-צימער. מע האָט עס באַדאַרפט מאַכן שנעל. איידער ריטשי וועט אָנקומען. אייבי דאַרף אָפּעסן איידער מיסטער ריטשי וועט אָנקומען.

ענדי איז שוין געווען אין עס-צימער. איצט האָט אייבי באַדאַרפט אַריינגיין.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט מיסטער ריטשיס בייז געשריי:

— וואָס טוסטו אין דער ריי?

אייבי האָט זיך אָפּגערופן:

— איך האָב ניט קיין געלט. איך האָב ניט קיין עסן.

— דאָ קענסטו ניט עסן. גיי גלייך אַרויס — האָט דער פּרינציפּאַל געשריען.

מיס עלים האָט זיך געבעטן באַ מר. ריטשין:

— אייבי איז אַן אָרעם אינגל. ס'אַ קאַלטער טאָג.

— איך קען ניט דערלויבן אייבי'ן דאָ צו עסן. מע היט אונדז. די רעליף ביוראָ האָט טעלעפאָנירט, אַז איך זאָל אַרונטערנעמען אייבי'ס נאָמען פון ליסט. איך פאָלג אוים דאָס געזעץ.

— יעס, מר. ריטשי: — האָט זי שטיל געזאָגט.

מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל.

— זיי ווילן אונדז אַלע אַרויסוואַרפן.

— אייבי מוז עסן.

— זיי ווילן אים פאַרהונגערן צום טויט.

— וואָס זאָלן מיר טאָן?

ענדי איז אַרויסגעקומען פון עס-צימער און געזאָגט:

— מיר קענען שוין גאָר אַסאַך אויפטאָן. מיר קענען אַרויסגיין אין סטרייק, אויב אייבי קריגט ניט קיין עסן. מיר סטרייקן.

— מיר סטרייקן! האָט דזשאָן אויסגעשריען.

— ס'וועט זיין אַ גרויסער סטרייק. אַלע קינדער וועלן סטרייקן.

לוסיעל איז אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק:

— מיר וועלן ניט עסן!

— מיר וועלן ניט עסן!

— איך בין הונגעריק — האָט זיך צעוויינט אַ קליינער אינגל — איך וויל עסן.

עס האָט זיך דערהערט פריער שטילער, דערנאָך העכער:

— סקעב!

דער אינגל האָט אויפגעהערט וויינען.

— איך וויל ניט זיין קיין סקעב. איך וויל ניט קיין עסן, אַפילו ניט קיין אייז-קרים.

לוסיעל איז אַרומגעלאָפן און גערעדט צו די קינדער.

ענדי האָט געזאָגט:

— אויב אייבי קריגט ניט קיין עסן, וויל איך אויך ניט.

— איך אויך ניט, — זאָגט דזשאָן.

— איך אויך ניט, — שרייט לוסיעל.

— וועט איר בלייבן הונגעריק — האָט געשמייכלט מר. ריטשי. ענדי האָט זיך געווענדט צו די קינדער:

— וועט איר גיין עסן און לאָזן אייבין הונגערן?

— איך ניט. איך וועל הונגערן מיט אים.

— קענסט זיך האַלטן מיטן עסן — האָט לוסיעל אויסגעשריען. דזשאָן האָט אויסגעשריען:

— מיר סטרייקן אַלע און מיר מאַרשירן צו דער רעליף ביוראָ.

אַ פעטע פרוי מיט אַ רויטן פּאָנעם איז אַרויסגעקומען פון קיך. זי איז געווען די קיך-פאַרוואַלטערן:

— קינדער — האָט זי זיך געבעטן — איך וועל מוזן אַרויסוואַרפן דאָס גאַנצע עסן. איך וועל צוליב אייך פאַרלירן מיין דזשאָב. גייט עסן. איך וועל שוין שפּעטער געבן אייבין אַ סענדוויטש.

ענדי האָט געענטפערט:

— אייבי וויל ניט דאָס וואָס ס'וועט איבערבלייבן. מיר ווילן מע זאָל אים אַרויפשטעלן אָפן ליסט. מיר ווילן אים צוריק מיט אונדז אין ריי.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די קינדער:

— קינדער, זייט איר מיט אונדז?

— יאָ — האָבן אַלע אויסגעשריען.

דער פּרינציפּאַל איז געווען פאַרצווייפלט.

די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין שרייען. וואָס אַמאָל זיינען די יונגע שטימען געוואָרן שטאַרקער.

מר. ריטשי האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט זיך איצט ניט געקענט זיי קעגנשטעלן. זיי האָבן געוואונען דאָס רעכט פאַר אייבי'ן ניט צו הונגערן.

פאַר מר. ריטשין איז געווען לייכטער אַרויפצושטעלן אייבין אָפן צעטל איידער פאַרענטפערן זיך פאַר אַ סטרייק.

— גיי שטעל זיך צוריק אַף דיין פּלאַץ אין ריי, אייבי — האָט ער געזאָגט אַוועקגייענדיק.

נאָכן לערנען האָבן די אינגלעך און מיידלעך אַרומגערינגלט ענדי'ן. זיי האָבן געקוקט אַף אים מיט אָפּשיי. ער האָט געפירט דעם סטרייק און צוליב דעם געוואָרן דער העלד פון סקול.

צוזאַמען זיינען אַלע אַוועק אַהיים. פאַרבייגייענדיק מיסטער קאָלס פאַרשלאָסענע פאַבריק האָט ענדי געזאָגט:

— מיר וועלן נאָך העלפן אונדזערע טאַטעס געווינען דעם סטרייק אויך.

# „וואָירק רעליף"

פון א. ראַנטש

זיי שטייען גרופּנווייז מיט לאָפּעטעס און לאָמען
און קיצלען, נוצלאָזע, די טויטע ערד.
זיי פּלאָגן זיך דאָ שטומערהייט צוזאַמען,
וואו בעטל־ברויט איז אַלעמען באַשערט.

עס שטייען מאַשיניסטן, אינזשענערן
און „העגטלעך גאָלדענע" פון יעדן פאַך,
זיי שאַרן בלעטער האַרבסטיגע אַף סקווערן
און יעדער בלאַט דערמאָנט אין זייער קראַך.

דאָס לאַנד איז רייך, פאַרוואָס דערלאַנגט עס בעטלער־
שטעקנס,
צו זיינע האַרעפּאַשנע בויער־הענט ?
ניט בעטלען דאַרף דער שטעקן, נאָר דערשרעקן
פאַר אים זיך דאַרפן רייכע שפּייכלער־ווענט.

דער זון פון לאַנד וועט אויסרייבן די אויגן,
אַ טאַפּ טאָן שטייפן מוסקול און דערשמעקן מאַכט.
ער וועט זיך מער צו בעטל־ברויט ניט בויגן,
ער וועט צעקראַכן די, וואָס האָבן אים צעקראַכט.

# ווען טאמפּסאָן האָט זיך דערוואוסט

פון מוישע שיפּרים

טאָמפּסאָן האָט שוין פאַרגעסן די צייט, ווען ער האָט געאַרבעט. די כאַדאָשים ציען זיך אַזוי לאַנג, שוין אויסגעוועון אין אַלע אַרבעט־ביוראָס, אין די פּריוואַטע און שטאַטישע טירן געקלאַפּט, פון קראָם צו קראָם געגאַנגען, פון פאַבריק צו פאַבריק — ניטאָ קיין אַרבעט. אַ פאַרטאָגיקער ווינטער-ווינט, אַ שניידנדיקער, קלאַפּט אין

פענצטער, ווי טויזנטער קעץ וואָלטן זיך צעיאָמערט. די הילצערנע אַלטע הייזקע אין דער נעגער געטאָ פון ברוקלין טרעשטשעט. דער ווינט רייסט זיך אַריין דורך די שויבן-שפּאַרונעס.

— אָ, ווען קומט שוין דער טאָג?

נאָר דער טאָג אײַלט זיך ניט.

טאָמפּסאָן וויל אײַנשלאָפן. ער דאַרף שלאָפן. ער איז מיד פון טראַכטן.

— וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?

די פאַרטאָגיקע קעלט גיט אים אַ נעם-אַרום. ער ציטערט אויף. ער גייט אַריין אין קיך. פון טויטן אויוון גיט אַ זעץ אַ קעלט. ער פרישט אָפּ דאָס פּאָנעם מיט קאַלטער וואַסער און גאַנוועט זיך שטיל אַרויס אין דרויסן.

ער וויל אויסמײַדן מערים בליקן און אירע רייד. אַז ער האָט גאָר ניט וואָס צו ענטפערן. אַלע טאָג דאָס אייגענע.

— עפּשער היינט.

נעכטן פאַרן שלאָפן, האָט אים מערי געזאָגט:

מיר, נעגערס זײַנען פאַרשאָלטענע. אין דער סאַוט לינטשט מען אונדז אויס און אין דער נאָרט הונגערט מע אונדז אויס.

נו, טאַקע, וואָס האָט ער געקאָנט ענטפערן?

בעסער אַז מע רעדט ניט.

ער איז אַוועק צום האַפן. עפּשער וועט זײַן צו לאָדן. נאָר היינט, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן — גאָר ניט.

ער האָט אײַנגעצויגן דעם קאָפּ צו באַשיצן זיך פון דער שטע-כיקער קעלט און געוואַנדערט גאַס-איין, גאַס-אויס.

ס'איז שוין געווען שפּעטער פרימאָרגן. אין האַלדז האָט גע-טרוקנט, די ליפּן האָבן געשמאַרצט פון ווינט.

— העי, דו!

טאָמפּסאָן האָט זיך אַ צעטומלטער אומגעקוקט. ס'האָט זיך דערנעענטערט צו אים אַ שיין-געקליידעטער מאַן מיט אָנגעבלאָזענע ראַזירטע באַקן. אַפן קאָפּ איז וואויל-יונגעריש געלעגן אַ דורבי. מיט איין ווינקל מויל האָט ער געדרייט אַ ציגאַר און מיטן צווייטן ווינקל האָט ער גערעדט:

— ווילסטו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלער?

טאָמפּסאָנס האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— שור, באָס, אַי טהענקיו, שור!

— קום.

זיי זײַנען אַרײַן אין אַ „ריעל עסטייט" אָפיס.

אין אָפיס האָט טאָמפּסאָן געטראָפן נאָך נעגערס און פּאָליציי.

טאָמפּסאָן איז געבליבן שטיין מיטן היטל אין האַנט. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט און ס'האָט אים אַ קיל געטאָן אין גריבעלע אונטערן האַרצן.

איידער ער איז נאָך געקומען צו זיך, איז ער שוין געווען אין גאַס צוזאַמען מיט די אַנדערע, אַרומגערינגלט פון פּאָליציי.

אַ שטומער איז טאַמפּסאָן געגאַנגען צווישן זיינע שטומע נעגער-ברידער.

זיין מויעך האָט זיך צו גאָרניט געקענט דערטראַכטן.

אַ הילכיקער, צעקייקלטער דונער האָט אים אויפגעוועקט:

— בו, בו, בו!

פאַר זיינע ברייט-צעעפנטע אויגן האָט זיך אויפגעוויקלט אַ בילד, וואָס ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען.

די גאַס איז געווען אַ שוואַרצער, ברויזנדיקער ים. טויזנטער אַרבעטער, ווייסע און שוואַרצע, אַזעלכע ווי ער, האָבן באַלאַגערט די ראָגן און זיך געריסן די העלדזער:

— אַרבעטער סקעבט ניט!

פּאָליציי אַף פערד, אַף מאָטאָרציקלען און צופוס, האָט זיך געיאָגט אַפן אוילעם, געשלאָגן רעכטס און לינקס. אַ פרוי האָט פאַר אים אַ שווינדל געטאָן אונטער די קאָפּיטעס פון אַ צעיושעט פערד.

אַף די טראָטואַרן האָבן זיך געוואַלגערט טישן, בעטן, טעפּ, וועש און ביכער.

פון די פענצטער האָבן פרויען און קינדער געמאַכט מיט די הענט און געשריען:

— אַרבעטער, סקעבט ניט!

דאָס געשריי האָט געהילכט פון יעדן ווינקל פון גאַס.

אַרומגערינגלט פון פּאָליציי, איז טאַמפּסאָן מיט זיינע שוואַרצע ברידער געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. עס האָבן אַרבעטער-אויגן געשעמט זיך אַנצוטרעפן מיט אַרבעטער-אויגן.

טאַמפּסאָנען האָט פּלוצלונג אַ ריס געטאָן אין האַרצן. די פיס האָבן זיך אונטערגעהאַקט. עפּעס האָט דער צעטומלטער מויעך אָנגעהויבן צו באַנעמען.

אַ גראָבער שטויס האָט אים אונטערגעיאָגט.

ווי האַמערדיקע קלעפּ זיינען געפאַלן די האַרטע, שטעכיקע ווערטער:

— סקעב! סקעב!

ס'האָט געלעכערט דעם מאַרך די הייזעריקע שטימע פון דער דינער מיידל אין פענצטער, וואָס האָט געשריען מיט די לעצטע קויכעס און זיך געבעטן:

— איר זייט דאָך אַליין אַרבעטער. אונדזער פלייש און בלוט, טוט עס ניט, שטעלט ניט אַרויס אייערע ברידער אין גאַס, זאָלן זיי אַליין טאָן די שמוציקע אַרבעט. אַרבעטער, טוט עס ניט!

**אַ פּאָליסמאַן האָט אים אַריינגעפירט אין אַ הויז און געהייסן אַרונטערטראָגן די זאַכן.**

דער מאַן מיט דער דוירבי איז געשטאַנען אַף דער שוועל, געקייט מיט אַ ווינקל מויל דעם ציגאַר און אונטערגעטריבן:

— קאַם אַן!

מיט פאַרלאָפענע אויגן האָט טאָמפּסאָן געזען דאָס מעבל און בעטגעוואַנט צעוואָרפן איבערן שטוב. די ווענט האָבן געשריען פון נאַקעטקייט. פון צווייטן צימער איז אַרויס אַ קליינע אידישע פרוי מיט אַ קינד אַף די הענט, זיך געגעבן אַ שטעל צווישן טאָמפּסאָנען און דעם מאַן מיט דער דוירבי:

— ברודער, זאָלסט זיך דאָ צו גאָר ניט צורירן. דו הערסט. דאָס איז מיין בלוט. מיין מאַן האָט גענוג געאַרבעט אַף דעם. ביזט אויך אַן אַרבעטער, דו טאָרסט ניט סקעבן.

דער מאַרשאַל האָט אַ רוק געטאָן טאָמפּסאָנ׳ען אַ פּאַק אין האַנט אַריין:

— הער זיך ניט צו. קאַם-אַן, טו דיין אַרבעט.

דער פרוי׳ס אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט:

— טו דו די שמוציקע אַרבעט! מעגסט אויך אַמאָל אַרבעטן! און אויסדרייענדיק זיך צו טאָמפּסאָנען:

— ווי שעמסטו זיך ניט צו קומען טאָן אַזאַ אַרבעט? אַלע יאָרן געצאָלט דאָס לעצטע. איצט, אַז מיין מאַן אַרבעט ניט, וואַרפט מען מיך אין גאַס. מאָרגן וועלן די זעלבע כאַיעס דיך אַרויסשטעלן אין גאַס.

טאָמפּסאָן האָט אַרויסגעלאָזט דעם פּאַק פון האַנט. ער האָט עפּעס געשטאַמלט אָפּגעריסענע ווערטער. „גאַז פאַרמאַכט . . . שוין לאַנג ניט געאַרבעט; די קינדער; ניטאָ קיין ברויט; נישטאָ מיט וואָס אַהיימצוקומען" . . .

דער גרויסער ריזיגער טאָמפּסאָן איז מיטאַמאָל קליין געוואָרן, נאָך קלענער ווי די קליינע אידישע פרוי. די גרויסע, שטאַרקע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן.

ער האָט געמורמלט:

— ניט געוואוסט וואָס איך טו, ניט געוואוסט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ הויב געטאָן די אַקסלען און אַרונטער די שטיגן אַ כאַוועראַ, זיגערישער הורא האָט טאָמפּסאָנען אויפגענומען אין גאַס.

מיט שטאָלצע טריט איז ער פאַרבייגעגאַנגען די נעגער, וועלכע האָבן געטראָגן די מעבל, פאַרבייגעגאַנגען די פּאָליציי מיטן מאַרשאַל און אַריבער צו די דעמאָנסטראַנטן.

# די הונגער־מאַרשירער אין וואַשינגטאָן

פון מ. אָלגין

## די ערשטע נאַכט אונטערן פרייען הימל

די נאַכט פון זונטיק אַף מאָנטיק האָבן די הונגער-מאַרשירער פאַרבראַכט אונטערן פרייען הימל. מ׳איז געשלאָפן, ווי ווער ס׳האָט געקענט. אין די טראָקס האָט זיך געקענט אויסלייגן נאָר אַ קליינער טייל פון די פאָרער, ווארום איין זאַך איז שטיין, אָדער זיצן אין אַ טראָק און אַן אַנדער זאַך איז אויסציען זיך אַף דעם דיל. טייל מאַרשירער האָבן זיך דעריבער געמוזט אַוועקלייגן אַף דעם קילן אספאלט פונעם וועג. נאָך אַנדערע האָבן זיך איינגעמאָשטשעט אַף בענקלעך, וואָס מ׳האָט אַרויסגענומען פון די טראָקס. אַנדערע האָבן געפּרופט אָנהאַלטן פייערן באַ דער זייט פונעם וועג, אָבער ס׳איז ניט געווען גענוג ברענמאַטעריאַל. אַסאַך האָבן אַרומגעוואַנדערט, ווי שאָטנס, וואַרטנדיק ביז איניקע שלאָפערס וועלן אַרוים פון די טראָקס, קעדיי צו פאַרנעמען זייערע ערטער.

מ׳האָט אַרומגעשפּאַנט און געשמועסט. מ׳איז געלעגן, געקלאַפּט מיט די ציין, זיך געפּרופט איינוואַרעמען — און געשמועסט. מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט באַנאַכט. געריבן די אָפּגעלעגענע זייטן, — און ווידער געשמועסט. און וואָס זיינען דאָס געווען פאַר שמועסן? ק י י נ ע ר ה אָ ט ז י ך נ י ט ג ע ק ל אָ ג ט. קיינער האָט ניט געזאָגט: „וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט?“.

## מען קלייבט אויס אַ קאָמאַנדיר

די זון איז אויפגעגאַנגען איבער אַ מידן אָבער אויפגעלייגטן אוילעם. מ׳האָט געבראַכט וואַסער אַף טראָקס, אין קאַנען. מ׳האָט געבראַכט סענדוויטשעס מיט אַ הייסער זופּעכץ, וואָס רופט זיך קאַווע. מ׳האָט זיך שוין איינגעלעבט. מען ווייס שוין: די רעגירונג וויל אונדז ניט אַריינלאָזן אין שטאָט אַריין. די רעגירונג האַלט אונדז געפאַנגען. די רעגירונג האָט פאַר אונדז מוירע. וואָס ווייטער וועט זיין, וועלן מיר זען.

מ׳האָט זיך אויפסניי אָרגאַניזירט. איצט איז דאָך די גאַנצע אַרמיי צוזאַמען. אָנגעקומען זיינען מיר אין פאַרשידענע קאָלאָנעס. איצט זיינען מיר אַלע איין לאגער. אַף די עטלעכע טעג מוז מען איינשטעלן אַ פאַרוואַלטונג. די פונדאַמענטאַלע אָרגאַניזאַציע בלייבט דער טראָק מיט זיין טראָק-קעפּטן. נאָכדעם קומט די אָפּטיילונג — „דיוויזשאָן“ — מיט איר פאָרשטייער. איבער אַלע דיוויזשאָנס, וועלכע ווערן אָרגאַניזירט לויט געאָגראַפישער אָפּשטאַמונג,

שטייט די קעמפ-קאַמיטע מיטן קעמפ-קאָמאַנדיר, וועלכער איז די העכסטע מאכט. פאַרן קעמפ-קאָמאַנדיר האָבן מיר אויסגעקליבן כאַוער באַד רעינאָלדס פון דעטראָיט.

עס קאָכט אין קעמפ. עס רוישט פון געזאַנגען, פון דיסקוסיעס. אַרום און אַרום שטייען, ווי פריער, די פּאָליציי-לייט. אפילו אַף יענער זייט אייזנבאַן-הויף, אַף אַ בערגל עפּשער אַ האַלבע מייל פון אונדזער „קעמפ״, שטייען פּאָליציי-לייט מיט מאַשין-ביקסן און באָמבעס. די געגנט איז איין גרויסער מיליטערישער לאַגער. און דאָס אַלעס אַנטקעגן דריי טויזנט אומבאַוואָפנטע מידע, האַלב-הונגעריקע מענטשן.

## די קאָנפערענץ

די צייט פאַרגייט — און דער לאַגער ווערט געוואַר, אַז די רעגירונג האָט איינגער אייגעצויגן איר קייט. מען האָט געפּלאַנעוועט אַריינקריגן אין שטאָט אַריין די גאַנצע אַרמיי. דאָס איז ניט געלונגען. די רעגירונג האָט פאַרבאָטן. מ׳האָט געפּלאַנעוועט אָרגאַניזירן אין שטאָט אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון דער הונגער-אַרמיי — צו איינעם פון יעדע פינף. איז דאָס אויך ניט געלונגען: דער באַלעבאָס פונעם האָל, וואָס מיר האָבן געדונגען, האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז די פּאָליציי לאָזט ניט. אַ גרופּע ליבעראַלן האָט געהאַט געדונגען אַ האָל צו פאַרופן אַ פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג געגן פּאָליצייאישן טעראָר; די פאַרזאַמלונג איז פאַרבאָטן.

מיר מוזן אָבער ברענגען פאַרן קאָנגרעס אונדזערע פאָדערונגען. מיר ווייסן ניט, צי מען וועט אונדז דערלויבן מאַרשירן צום קאָנגרעס; אָבער אַ דעלעגאַציע מוזן מיר האָבן. מיר ווייסן ניט, צי מען וועט דערלאָזן די דעלעגאַציע צו די געזעץ-געבער, אָבער אויסקלייבן די דעלעגאַציע און איר איבערגעבן אונדזערע פּראָגראַם-פּונקטן איז נויטיק. אין שטאָט אַריין לאָזט מען אונדז ניט, אָבער דאָ אין קעמפ זיינען מיר אַלע דאָ — און מיר האַלטן אָפּ אונדזערע קאָנפערענצן אונטערן פרייען הימל.

די קאָנפערענץ איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אין דער געשיכטע.

שטעלט אייך פאָר אַ בילד. ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן פון אַלע עקן פונעם לאַנד, ווייסע און נעגערס, הי-געבוירענע און אימיגראַנטן, אַלטע און יונגע, אַלע מיט איין ווילן, מיט איין האַרץ וואָס שלאָגט מיטן זעלביקן אימפּעט.

מ׳האָט זיך פאַרזאַמלט באַם פוס פונעם באַרג. דער פּרעזידיום — מיטן רוקן צום באַרג, מיטן פּנים צום וועג. דער עולם — אין אַ ריזיקן האַלב-צירקל מיטן פּנים צו דער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ פּאָר בענק און וואָס איז אַביסל העכער

פונעם וועג. אויבן, אפן בערגל, הינטערן רוקן פון די רעדנער און מיטן פאנעם צו די פארזאמלטע, שטייען אויסגעצויגן אין א שורע א פופציק פאליסלייט מיט מאשין-ביקסן און גאז-באמבעס. אביסל ווייטער — נאך א גרופע „קאפס“. ארום און ארום — אוניפארמען, געווער, בייזע ווילד-אנגעצויגענע פאליציייאישע צורעס. פונעם בערגל ווארפט עמיצער אלעמאל אראפ א שטיינדל אין דעם אוילעם. ווער עס ווארפט, ווייסן מיר ניט. אבער די פאליציי ווייס. דאס איז א פראוואקאציע. דאס וויל מען געפינען אן אויסרייד צו אטאקירן אונדזער ארמיי. און אט אזוי ווערט די קאנפערענץ דורכגעפירט אין דריטהאלבן שטונדן מיט אזא אייניקייט און אזא ארדענונג און אזא רעוואלוציאנערער פעסטקייט, אז מיר פילן: וואס ס׳זאל שוין ווייטער ניט טרעפן, אט דאס איז אונדזער זיג, אונדזער העכסטע דערגרייכונג. פון דאנען גייען די מענטשן אוועק פארהארטעוועטע — אן ארמיי פון קעמפער פאר זייער קלאס. דער קאמף ווערט פארטגעזעצט. דער קאמף וועט פירן צום זיג.

# שיקאגא

### פון מ. בירנבוים

—סאוט דירבארן גאס:
א נעגער-פרוי זיצט פאר א הויז
און לאזט איר האס אין טרערן אויס
צום רייכן קלאס.

— וואס וויינט זי דארט, די נעגער-פרוי,
דעם קאפ צווישן דארע האנט?
פיר ווענט און א דאך.
דאס איז ניט קיין סאך,
יאר-אויס און יאר-איין;
זי פארעט דאס גרעט
און שקראבעט דעם דיל,
און פילט יעדן טאג די שארפקייט פון נויט,
און האט ניט צומאל
א טרוקן שטיק ברויט.

נאָר האָסטו פאַר „לענדלאָרד"
אין צייט נישט דאָס געלט —
איז היידאַ, מיט אַלץ וואָס דו האָסט אין פאַרמעג,
אַרויסגעשטעלט דיך
אויף אָפענעם וועג.

זיצט זי, די פרוי,
פאַרן הויז דאָ אַצינד
און ס'ווערן פון וויינען די אויגן איר בלינד.
וואוהין זאָל זי גיין מיט אַלץ, וואָס זי האָט ? —
ס'וועט קיינער איר, קיינער ניט העלפן אין שטאָט !

נאָר פלוצים —
אָט קומען אָן מענטשן מיט ווערטער פון פריינט,
און הייבן אָן טרייסטן,
און שלעפן צוריק
אין הויז אַריין זאַכן,
אַ שטיק נאָך אַ שטיק.
זי ווייס ניט :
צי איז עס אַ נעס, צי אַ שפּאַס —
צעוויגט זיך אויף איינמאָל אַרום איר די גאַס ;
און מערער אַלץ מערער זיי קומען צוגיין —
שוואַרצע און ווייסע אין געשלאָסענע רייען.
סאוט דירבאָרן גאַס :
ווינט האָט צעבלאָזן
פון פולווער דעם דאַמף —
דריי אַרבעטער — טויטע,
געפאַלן אין קאַמף !
דריי אַרבעטער טויטע,
מיט לעבער אין לייב —
פאַר העלפן אַן אָרעם, נעגעריש ווייב !

# אַ באַזוך באַ אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער

## פון מאַקסים גאָרקי

.. די קיניגן פון שטאָל, נאַפט און אַנדערע קיניגן פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן שטענדיק גערייצט מיין פאַנטאַזיע.

די מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַזויפיל געלט, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ווי געוויינלעכע מענטשן.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יעדערער פון זיי פאַרמאָגט וויי-ניקסטן דריי מאָגנס און צוויי הונדערט ציינער אין מויל. איך בין געווען איבערצייגט, אַז אַ מיליאָנער עסט יעדן טאָג פון זעקס אַזייגער אינדערפרי ביז צוועלף באַנאַכט. ער פאַרשלינגט די בעסטע מייכאָלים; גענדז, אינדיקעס, כאַזיירימלעך, רעטעכלעך מיט שמאַלץ, פודינגס, קייקס און אַנדערע געשמאַקע זאַכן. צו אָוונט צו איז ער אַזוי מיד פון דער אַרבעט מיט די ציין, אַז ער באַפעלט, די באַדינערס זיינע זאָלן קייען דאָס עסן, ער אַליין שלינגט עס נאָר אַראָפּ. צום סאָף פאַרלירט ער אינגאַנצן זיין ענערגיע און די באַדינער טראָגן אים אַוועק שלאָפן. און אַף מאָרגן פון זעקס אינדערפרי הייבט ער ווידער אָן זיין געמאַטערט לעבן.

פאַרשטייט זיך, ס'איז שווער אַזאַ לעבן. אָבער וואָס קאָן מען טאָן? וואָס פאַר אַ זין איז צו זיין אַ מיליאָנער, אויב מען קאָן ניט אויפעסן מער ווי אַ געוויינלעכער מענטש.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז די וועש זיינע איז פון פיינסטן זייד, די שיך זיינען אונטערגעשלאָגן מיט גאָלדענע טשוועקעס, אַפן קאָפּ טראָגט ער אַנשטאָט אַ הוט עפּעס אַ זאַך פון בריליאַנטן. זיין ראָק איז פון טייערסטן סאַמעט, האָט ניט ווייניקער פון פופציק יאַרד אין דער לענג און איז באַצירט מיט גאָלדענע קנעפּ, ניט ווייניקער ווי מיט דריי הונדערט שטיק. אין די יאָנטעוודיקע טעג טוט ער אָן ניט ווייניקער, ווי אַכט רעק און זעקס פּאָר הויזן מיטאַמאָל. קלאָר, אַז דאָס איז ניט באַקוועם, עס שטערט... אָבער, אַז מען איז רייך, קאָן מען זיך דאָך ניט אָנטאָן, ווי אַלע איבעריקע...

דעם מיליאָנערס קעשענע, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַ גרוב, וואו עס קען זיך פריי באַהאַלטן אַ קלויסטער, די „ווהייט האוז“ און אַלץ, וואָס איז נויטיק... דאָך, ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם פאַרנעם פונעם מאָגן באַ אַזאַ דזשענטעלמען, וואָס איז ענלעך צו אַ דעק פון אַ גרויסער שיף, האָב איך זיך פאָרט ניט געקאָנט קלאָר מאַכן די לענג פון די פיס און הויזן באַ אָט דעם פאַרשוין.

כ׳האָב נאָר גערעכנט, אַז די קאַלדרע, מיט וועלכער ער דעקט זיך צו, דאַרף זיין ניט קלענער פון אַ מייל. און אויב ער קייט טאַבאַק, איז קלאָר, אַז פון דעם בעסטן און צוויי פונט אָף אַ מאָל. געלט פאַ-דערט, מע זאָל עס אויסגעבן...

די פינגער פון זיינע הענט קענען זיך אויסציען לויט זיין ווילן. אויב ער, זיצנדיק אין ניו יאָרק, דערפילט, אַז ערגעץ אין סיביר איז אויסגעוואַקסן אַ דאָלער, שטרעקט ער אויס זיין האַנט און רייסט אָפּ זיין באַליבט געוויקס, ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

מאָדנע, באַ דעם אַלעם האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן דעם קאָפּ פון דער פּאַרזענליכקייט. נאָך מער, באַ אַזאַ באַשעפעניש, וואָס איז באַגייסטערט מיט איין פאַרלאַנג — פון אַלץ אויסקוועטשן גאָלד, האָט זיך מיר אויסגעוויזן איז אַ קאָפּ איבעריק. איר קאָנט זיך פאָר-שטעלן מיין פאַרוואונדערונג, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ מי-ליאָנער און דערזען, אַז עס איז אַ געוויינלעכער מענטש.

אַנטקעגן מיר איז געזעסן אין אַ טיפן שטול אַ הויכער דאַרער אַלטיטשקער.

אָנגעטאָן איז ער געווען ווי אַ געוויינלעכער מענטש. אַ רינג, אַ זייגער, גאָלדענע ציין — מער קיין גאָלד איז אָף אים ניט געווען.

— דאָס זייט איר... דער מיליאָנער? — האָב איך געפרעגט, ניט גלויבנדיק מיינע אויגן.

אַ, יאָ! — האָט ער געענטפערט מיט זיכערקייט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ

— וויפל קענט איר אויפעסן פלייש פאַר פרישטיק? — האָב איך אים געשטעלט אַ פראַגע.

— איך עס ניט קיין פלייש! — האָט ער געענטפערט — אַן אָראַנדזש, אַן איי, אַ גלאָז טיי — דאָס איז אַלץ...

— גוט! האָב איך געזאָגט — נאָר זייט אָפנהערציק און זאָגט מיר דעם עמעס — וויפל מאָל אין טאָג עסט איר?

— צוויי מאָל! — האָט ער רואיק געענטפערט — פרישטיק און מיטיק — זיינען פולשטענדיק גענוג פאַר מיר. צו מיטיק אַ טעלער זופּ, ווייס פלייש, עפּעס זיס, פרוכט, קאַווע, אַ ציגאַר.

מיין פאַרוואונדערונג איז געוואַקסן. איך האָב געזאָגט:

— אויב דאָס איז עמעס — וואָס-זשע טוט איר מיט אייער געלט?

דאַן האָט ער אַ ביסל אונטערגעהויבן די פּלייצעס, זיינע אויגן האָבן זיך אַ דריי געטאָן און ער האָט געענטפערט:

— איך מאַך מיט דעם נאָך געלט.

— צוליב וואָס?

— קעדיי צו מאַכן נאָך געלט...

צוליב וואָס? — האָב איך איבערגעכאַזערט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און געפרעגט:

— איר זייט אַ מעשוגענער?

— און איר? האָב איך געענטפערט מיט א פראַגע.

דער אַלטער האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ און דורך די גאָלדענע ציין דורכגעזייט:

— אַן אינטערעסאַנטער יאַט! . . . איך זע אַזאַ, דוכט מיר, דעם ערשטן מאָל...

— מיט וואָס-זשע פאַרנעמט איר זיך? — האָב איך געפרעגט.

— איך מאַך געלט. — האָט ער קורץ געזאָגט.

— איר מאַכט פאַלש געלט? — האָב איך מיט פרייד אויסגערופן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך הייב אָן אַנטדעקן די געהיימניש. נאָר דאָ האָט ער גענומען הויך לאַכן. דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט געציטערט, גלייך ווי מען וואָלט אים געקיצלט אונטער די פּאַכוועס.

— דאָס איז קאָמיש! — האָט* ער געזאָגט, — פרעגט נאָך עפּעס! — האָט ער פאַרגעלייגט און אָנגעבלאָזן די באַקן.

איך האָב א טראַכט געטאָן און פעסט געפרעגט:

— ווי אַזוי מאַכט איר געלט?

— א? איך פאַרשטיי! — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — דאָס איז זייער איינפאַך, די אייזנבאַנען זיינען מיינע. די פאַרמערס שאַפן סכוירע. איך שיק זיי אָפּן מאַרק. מען רעכנט אויס, וויפל מע דאַרף איבערלאָזן דעם פאַרמער, ער זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער און קאָנען ווייטער אַרבעטן, און דאָס איבעריקע נעמט מען זיך פאַר׳ן אַריבערפירן. זייער איינפאַך.

— די פאַרמערס זיינען דערמיט צופרידן?

— איך גלויב, ניט אַלע — האָט ער געענטפערט. — נאָר מען זאָגט, אַז אַלע מענטשן קאָן מען קיינמאָל מיט גאָרניט ניט צופרידנשטעלן. שטענדיק זיינען פאַראַן מאָדנע פאַרשוינען וואָס בורטשען. . .

די רעגירונג שטערט אייך ניט? — האָב איך געפרעגט.

די רעגירונג? — האָט ער זיך פאַרטראַכט, דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — אהאַ... דאָס זיינען די... אין וואַשינגטאָן? — ניין, זיי שטערן ניט. דאָס זיינען גאָר וואוילע בעוורע... ניין, זיי שטערן ניט — האָט ער איבערגעכאַזערט, און באַלד נייגעריק געפרעגט:

— וואָס-זשע, עס זיינען פאַראַן רעגירונגען, וואָס שטערן מענטשן מאַכן געלט?

— ניין, — האָב איך שטיל געזאָגט — ניט וועגן דעם רייד איך.. איר פאַרשטייט, איך האָב געקלערט, אַז צייטנווייז דאַרף די רעגירונג פאַרבאָטן אָפענעם רויב...

**נ-נו! — האָט ער געענטפערט. — די רעגירונג האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישן אין פריוואַטע געשעפטן...**

— אַז איין מענטש רואינירט אַסאַך מענטשן — איז עס אַ פּריוואַטע זאַך? — האָב איך געפרעגט.

— רואינירן? — האָט ער איבערגעכאַזערט און ברייט גע-עפנט די אויגן.

— רואינירן הייסט דאָן. ווען ווײדזשעס זיינען הויך, און ווען ס'איז אַ סטרייק. די רעגירונג דאַרף ניט נעמען קיין הויכע שטייערן. אַלץ, וואָס דאָס פאָלק קאָן געבן, וועל איך אַליין נעמען. דאָס איז דאָס, וואָס איך רוף — אַ גוטע רעגירונג.

— איך דאַרף — האָט ער פאַרגעזעצט מיט אַ זיכערן און פעסטן טאָן — אין לאַנד זאָל זיין אָרדענונג. די רעגירונג דינגט פאַרשיי-דענע געלערנטע, וואָס לערנען דאָס פאָלק, — עס זאָל אַכטן די געזעצן. אויב געלערנטע זיינען ניט גענוג דערצו — לאָזט מען אין שפּיל די סאָלדאַטן. דער אַרבעטער איז פאַרפליכט צו אַכטן די געזעצן. דאָס איז אַלץ! — האָט ער פאַרענדיקט, שפּילנדיק מיט זיינע פינגער.

— און וואָס קלערט איר וועגן רעליגיע?

— אָ! — האָט ער אויסגערופן, — איך טראַכט זייער גוט! רעליגיע — דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַרן פאָלק

— א, יאָ, איך ווייס איר ווערט! —

— איך זאָג נאָכאַמאָל, רעליגיע איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר די אָרעמע. מיר געפעלט זי. איך זאָג צום פאָלק: אַ מענטש, פאָדער גאָרניט און ריר זיך ניט צו צו גאָרניט, דאָ אַף דער ערד. וועסט געניסן דאָס לעבן נאָכן טויט. אַפן הימל איז אַלץ פאַר דיר.

ווען מענטשן גלויבן אין דעם, איז לייכט מיט זיי צו פירן געשעפטן.

איך בין אויפגעשטאַנען.

— אָ! איר גייט אַוועק? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ! — האָב איך געזאָגט. — עפּשער איצט, ווען איך גיי אַוועק, וועט איר מיר פאָרט קלאָר מאַכן — וואָס פאַר אַ זין האָט צו זיין אַ מיליאָנער?

— ס'אַ געוואוינהייט! — האָט ער אויסגעשריען.

— וואָס איז אַ געוואוינהייט? — האָב איך געפרעגט.

— צו זיין אַ מיליאָנער... איז אַ געוואוינהייט!

אַדיע! — האָב איך געזאָגט.

ער האָט מיך באַגלייט ביזן טיר און איז געבליבן שטיין אַף דער אויבערשטער טרעפּ. פאַר זיין הויז האָט זיך געצויגן אַ פלאַץ, געדיכט באַוואַקסן מיט גלייך געשניטן גראָז. איך בין געגאַנגען איבער אים און זיך געקוקט מיטן געדאַנק, אַז מער וועל איך דעם מענטשן ניט זען.

— האַללאָ! — האָב איך דערהערט הינטער זיך.

איך האָב זיך אומגעדרייט; ער איז געשטאַנען אויבן און גע-קוקט אַף מיר.

— באַ אייך אין אייראָפּע זיינען איבעריקע קיניגן פאַראַן? — האָט ער געפרעגט.

— מיר דוכט, זיי זיינען אַלע איבעריק! — האָב איך געענטפערט.

— איך רעכן צו דינגען פאַר זיך אַ פּאָר קיניגן, האָט ער געזאָגט.

— צוליב וואָס דאַרפט איר עם?

— איר פאַרשטייט, ס'איז לוסטיק. כ'וואָלט זיי געהייסן זיך באַקסן אָט דאָ...

ער האָט געוויזן אַפן פלאַץ פאַרן הויז און צוגעגעבן:

— פון איינס ביז האַלב צוויי יעדן טאָג נאָך פרישטיק איז אינ-טערעסאַנט אָפּגעבן דער קונסט אַ האַלבע שאָ...

— צוליב וואָס דאַרפט איר קיניגן פאַר דעם צוועק? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז נאָך באַ קיינעם דאָ ניט פאַראַן! האָט ער קורץ דערקלערט.

— אָבער קיניגן שלאָגן זיך נאָר מיט פרעמדע הענט! — האָב איך געזאָגט און בין אַוועק.

— האַללאָ! — האָט ער צום צווייטן מאָל אַ רוף געטאָן. איך האָב זיך ווידער אָפּגעשטעלט. ער איז אַלץ געשטאַנען אַפן זעלבן אָרט.

— וואָס איז? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט אַ קיי געטאָן מיט די ליפּן און פּאַמעלעך געזאָגט:

— ווי רעכנט איר — וויפל וועט עס קאָסטן — צוויי קיניגן אַף באַקסן יעדן טאָג אַ האַלבע שאָ אין משך פון דריי כאַדאָשים, הע?

# דער ראָוו און דער אַרבעטער

## פון אַגאַל

לאַנג איז עפראַים אומגעגאַנגען אָן אַרבעט. אַזוי לאַנג, אַז זיין פרוי האָט שוין פאַרגעסן די צייט, ווען זי האָט דעם אויוון געהייצט. און באַם קליינינקן סעמקען האָבן זיך בלויע אָדערלעך דורכגעלייכט פון אונטער דער הויט אַף זיין פּאָנעם.

און ווען מען האָט עפראַימען צוריק גענומען אַרבעטן אַף דער פאַבריק, האָט ער אַ פריילעכער דערלאַנגט זיין ווייב, כייע, קליינגעלט. אין שטוב איז געוואָרן אַ גאַנצער יאָנטעוו. מען האָט געקויפט פליש, בולבעס און מילך, און כייע האָט זיך גענומען קאָכן וואַרעמעס.

עפראַים איז געזעסן באַם טיש און האָט אַפן קני געהוידעט סעמ-קעלען. נאָך אַ לאַנגער שאָ, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ לאַנגער

טאָג, האָט כייע אַוועקגעשטעלט אַפּן טיש אַ טעפּל זופּ און הייסע מילך פאַרן אינגל. סעמקע איז אַרויפגעקראָכן אַפּן טיש, האָט זיך אויסגעצויגן, האָט אַריינגעקוקט אין ביידע טעפּלעך און האָט זיך צעשריען.

— איך וויל ניט קיין מילך, איך וויל פליש! — דערביי האָט ער מיט דעם מילכיקן לעפל אָנגעשעפּט פון פליישיקן טעפּל.

כייע איז פאַרציטערט געוואָרן. אַ קליינים — אַ מילכיקער לעפל אין אַ פליישיקן טעפּל!

כייע האָט געכאַפּט דעם אינגל פאַר די האָר און האָט אים גענומען שלאָגן. דאָס אינגל האָט זיך שרעקלעך צעשריען. עפראים האָט אַ געשריי געטאָן.

— כייע, לאָז אָפּ.

כייע האָט אָפּגעלאָזן דאָס וויינענדיקע קינד, און האָט זיך אַליין צעוויינט.

— האָסט דען אַנדערע געלט? מיר וועלן דאָך ווידער זיצן הונגעריקע.

עפראים האָט געקוקט אָן אַ זייט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר דוכט, אַז מיר קאָנען עסן דעם וואָרמעס.

כייע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— וואָס, עסן טריפע?

עפראים האָט מיט אויפרעגונג איר איבערגעקרימט:

— טריפע, טריפע! מען דאַרף אַוועקוואַרפן אָט די נאַרישקייטן, מען קאָן דאָך ניט אַרויסוואַרפן אַ גאַנצן וואָרמעס צוליב אַ טראָפּן מילך.

— וואָס רעדסטו עפראים? גאָטס געבאָט רופט ער אָן נאַרישקייטן.

— נו, גוט, גיי אַריבער צום ראָוו, עפשער וועט ער זאָגן, אַז מע מעג עסן דעם וואָרמעס.

---

דער ראָוו האָט געגעסן. כייע איז לאַנג געזעסן אין קיך און האָט געוואַרט. דער הונגער האָט איר געמאַטערט. דער געשמאַקער רייעך פון דער געבראָטענער גאַנדז האָט פאַרשיכערט דעם קאָפּ. צום סאָף האָט די דינסט אַריינגערופן כייען אין צימער.

דער ראָוו איז געזעסן אין אַ יאַרמעלקע. זיין פּאָנעם, נאָכן זאַטן, פעטן מיטאָג איז געווען רויט און האָט געגלאַנצט.

— וואָס ווילסטו זאָגן, כייע, וואָס איז געשען?

כייען איז געווען פינצטער אין די אויגן. פון אינדערפרי האָט זי אין מויל ניט געהאַט. איר האָט זיך געוואָלט זייער פיל דערציילן דעם ראָוו וועגן איר שווערן לעבן, וועגן דעם שטענדיקן הונגער. אָבער ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן, האָט איר דער ראָוו איבערגעריסן.

— אַלץ, מיין טייערע, איז פון גאָט. אַ מענטש דאַרף שטענדיק זיין צופרידן. דער, וואָס איז ניט צופרידן מיט זיין לעבן, זינדיקט פאַר גאָט. און די, וואָס זינדיקן, וועלן ניט האָבן יענע וועלט.

כייע האָט שטיל געוויינט.

— רעבע, מיר זיינען הונגעריק, מיר האָבן שוין קיין קויעך ניט צו ליידן. דערלויבט אונדז עסן דעם ווארמעס.

— שוויג, מען טאָר אַזוי ניט ריידן, גיי גיכער אַהיים און וואַרף אַרויס דאָס עסן.

עפראַים האָט אָף דער ווייבס פאַרוויינט פּאָנעם גלייך איבער־געלייענט, אַז פון איר ווייזט צום ראָוו האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. כייע איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט גענומען דאָס טעפּל מיט זופּ.

— וואָס ווילסטו טאָן?

— דער ראָוו האָט געהייסן אַרויסוואַרפן דאָס טרייפע עסן.

עפראַים האָט צוגענומען באַ איר דאָס טעפּל און האָט אַ זאָג געטאָן צו סעמען:

— גיי, מיין קינד עסן.

כייע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— האָב מוירע פאַר גאָט! דער ראָוו האָט געזאָגט...

— איך שפּיי אָף דיין ראָוו! פאַרשטייסט? איך זאָג דיר זעץ זיך און עס...

כייע האָט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם, אַרויסגעלאָפן פון קיך און האָט זיך אָפּן קאָל פאַנאַנדערגעוויינט.

עפראַים מיטן זון האָבן מיט אַפּעטיט געגעסן דאָס פלייש מיט דער זופּ.

בייזע הינט זיינען אָט די ראַבאָנים. זע וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דער מאַמען. עס מיין זון, קוק ניט אויף דער מאַמען. זי וויינט, ווייל זי פאַרשטייט ניט. שפּעטער וועט זי קליגער ווערן. אַז דו וועסט אַ גרויסער אויפוואַקסן, זאָלסטו זיך ניט צוהערען צו אַזעלכע נאַרישקייטן.

— און גאָט איז אויך בייז, ווי אַ הונט? האָט געפרעגט סעמקע.

עפראַים האָט זיך צעלאַכט.

— דו, מיין זון, וואַקסט באַ מיר אַ יאַט. זיי זיינען אַלע בייז, אַלע פון איין באַנדע, אי דער באָס, אי גאָט, אי דער ראָוו.

# אָקטאָבער — דער אָנהייב פון דער וועלט־געשיכטע

דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט באַוויזן די אַרבעטער און פּויערים, וויאַזוי מע דאַרף קעמפן פאַר איבערנעמען די מאַכט.

אין יאָר 1918 האָט זיך צעפלאַקערט אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. אין שפּיץ פון די דייטשישע אַרבעטער איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע דייטשישע קאָמוניסטן. זייערע פירער זיינען געווען קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג. אַראָפּגעוואָרפן די מאַכט פונעם דייטשישן אימפּעראַטאָר ווילהעלם, האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן סאָוועטן, אָבער די דייטשישע קאָמוניסטן האָבן צו יענער צייט מיט זיך פאָרגעשטעלט גאָר אַ קליינע גרופּע. זיי האָבן ניט געקענט אַרומכאַפּן מיט זייער אָנפירונג די מערהייט אַרבעטער. דעריבער האָט די בורזשואַזיע געזיגט. נאָכן זיג האָט די בורזשואַזיע זיך אָפּגערעכנט מיט די אַרבעטער. די פירער — קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג — האָט מען געכאַפּט און אויף אַ שוידערלעכן אופן דערהאַרגעט.

ס׳איז אויך דערשטיקט געוואָרן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין בייערן (אַ געגנט אין דייטשלאַנד).

דעם 2טן מערץ 1919טן יאָר האָט דער אונגאַרישער אַרבעטער־קלאַס פאַרכאַפּט די מאַכט צו זיך אין די הענט און האָט פּראָקלאַמירט די אונגאַרישע סאָוועטן־רעפּובליק.

די אונגאַרישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צו די רעגירונגען פון די שכייניסדיקע לענדער. קעגן דעם סאָוועטישן אונגאַרן איז אַרויסגעטראָטן דאָס מיליטער פון רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אויך גענומען אַן אַנטייל אין דערשטיקן די אונגאַרישע רעוואָלוציע. אין אויגוסט חודעש, יאָר 1919, נאָך אַ העלדישן ווידערשטאַנד, איז די אונגאַרישע סאָוועטן־רעפּובליק געפאַלן. בײַ 10 טויזנט אַרבעטער און אָרעמע פּויערים האָט מען געקעפּט.

איצט שטאַרקן זיך אין די אַלע לענדער און די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַלץ מער און מער די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. אונטער זייערע פאָנען פאַראייניקן זיך די אַרבעטער און אַלע האָרעפּאַשניקעס און גרייטן זיך צום קאַמף פאַר אַן אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, און אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון כינע איז שוין די סאָוועטנמאַכט איינגעשטעלט.

# פראַגן

1. וואָס טוט דער אַרבעטלאָזער קאָנסיל?
2. וואָס איז אַ „בלאַק קאָמיטע"?
3. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן „וואָרק רעליף" און „פעמילי רעליף"?
4. האָט די נ. ר. א. אָפּגעשאַפן דעם קריזיס?
5. צוליב וואָס איז די נ. ר. א. איינגעפירט געוואָרן?
6. ווער קעמפט פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג?
7. וואָס זיינען די אורזאַכן פון קריזיס?
8. פאַר וואָס איז ניטאָ קיין אַרבעטלאָזיקייט אין סאָוועטן פאַרבאַנד?
9. פאַר וואָס איז ניט מעגלעך קיין פּלאַנירטע אינדוסטריע אונטער קאַפּיטאַליזם?
10. די בורזשואַזיע האַלט אויף דעם גלויבן אין קריסמעס. פאַרוואָס?
11. ווי אַזוי דערקלערן די פרומע גאָט?
12. וועמען העלפט רעליגיע?

# קאַרל מאַרקס

קאַרל מאַרקס, דער גרויסער לערער פון אַרבעטער קלאַס, איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן מיי, 1818טן יאָר אין דער שטאָט טריר, דייטשלאַנד.

נאָכן ענדיקן דעם אוניווערזיטעט ווערט ער אַ מיטאַרבעטער און דערנאָך רעדאַקטאָר פון דער „ריינישער צייטונג“, וואָס פירט אַ רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע קעגן דער דייטשישער מאָנאַרכיע.

די דייטשישע רעגירונג שיקט אַרויס מאַרקסן פון דייטשלאַנד, און ער פאָרט אַוועק קיין פּאַריז. דאָרטן ווערט ער אַ מיטגליד אין דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט „פאַרבאַנד פון קאָ-

פרידריך ענגעלס

מוניסטן". אין פעברואר 1848 לאָזט ער אַרויס דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס איז געוואָרן דער וועגווייזער פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. אין פּאַריז טרעפט זיך מאַרקס מיט פרידריך ענגלעס. גלייך ווי זיי האָבן זיך באַקאַנט זיינען זיי געוואָרן נאָענטע פריינט, און פאַרבליבן פריינט אַף זייער גאַנץ לעבן. וואו מאַרקס זאָל ניט האָבן געוואוינט, וואו ער זאָל ניט געוועזן זיין פאַרוואָרפן, פלעגט ענגעלס צו אים קומען פון צייט צו צייט. זיי האָבן שטענדיק געשריבן איינער דעם צווייטן און געטיילט זיך מיט מיינונגען וועגן פאַרשיידענע אַרבעטער פראַגן.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אַרעסטירט מאַרקסן און אים אַרויסגעשיקט קיין בעלגיע. מאַרקס האָט זיך באַזעצט מיט זיין פרוי און קינד אין בריסל, אין דער הויפּט-שטאָט פון בעלגיען. דאָרט זיינען אויך געווען אַנדערע אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן פון דייטשלאַנד און אַלע האָבן זיך גרופּירט אַרום מאַרקסן. דאָרט האָט ער אויסגעשמידט דעם געדאַנק, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלאַסן-קאַמף; אַ שטענדיקער געראַנגל צווישן שטאַרקע און שוואַכע, פאַרמעגלעכע און אָרעמע, אַריסטאָקראַטן און איינפאַכע מענטשן. אין בריסל איז דעמאָלט אויך געווען אַ צענטער פון דייטשישע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער פּרייסישער רעגירונג פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייער היים. מאַרקס איז אָפט געקומען צו זייערע מיטינגען, אָרגאַניזירט זיי אין איין בונד, געהאַלטן פאַר זיי לעקציעס אַף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע טעמעס און אַף אַזאַ אופן צוגעגרייט אַ גאַנצע רייע שפּעטערדיקע בויער פון דער דייטשישער, מעכטיקער אַרבעטער באַוועגונג.

אין יאָר 1848 ברעכט אויס אין דייטשלאַנד די רעוואָלוציע. מאַרקס קערט זיך אום קיין דייטשלאַנד און גיט אַרויס די „נייע ריינישע ציימונג". אָבער דער דייטשישער רעגירונג האָט זיך איינגעגעבן אָפּנאַרן די אַרבעטער און אָפּשוואַכן די רעוואָלוציע. די רעגירונג רעכנט זיך אָפּ מיט די פירער פון די אַרבעטער און גלייך ווערט די „נייע ריינישע ציימונג" פאַרמאַכט און מאַרקס ווערט ווידער אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

## אין הונגער און נויט

קאַרל מאַרקס איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד אין גרויס איילעניש. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט זיין פרוי מיט די דריי קינדערלעך און איז אַוועק קיין פּאַריז. אָבער אין אַ קורצער צייט, נאָך דעם, ווי ער האָט אַהין אַריבערגעבראַכט זיין פאַמיליע, האָט אים די פראַנצויזישע רעגירונג פאַראורטיילט צו פאַרלאָזן פראַנקרייך אין פאַרלויף פון פיר-און-צוואַנציק שאָ. מאַרקס האָט

געמוזט אַנטלויפן אַף אַ שיף מיט זיין פאַמיליע קיין ענגלאַנד און זיי זיינען אָנגעקומען אין לאָנדאָן אין דעם זומער פון 1849.

אין אָנהייב האָט נאָך מאַרקס געהאַט אַ ביסל געלט פון זיינע פאַרקויפטע זאַכן און האָט געדונגען אַ באַקוועמע דירע פאַר זיין פאַמיליע. אָבער דאָס ביסל געלט איז שנעל אויסגעגעבן געוואָרן און מאַרקס איז געבליבן אָן אַ סענט, אין דער גרויסער וועלט-שטאָט. פון זיין שרייבערישער אַרבעט האָט ער וויניק געקאָנט פאַרדינען. די אַרבעטער-צייטונגען האָבן געדאַרפט שווער קעמפן פאַר זייער עקזיס-טענץ און זעלטן ווען געקאָנט באַצאָלן זייערע שרייבער. רייכע צײ-טונגען האָבן זיך ניט געוואָלט באַנוצן מיט אַזאַ אויסגעצייכנטן שרייבער צוליב זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. פאַר זיינע לעק-ציעס, וואָס ער האָט געלייענט אַף די אַרבעטער מיטינגען, האָט ער קיין געלט ניט געוואָלט נעמען. איז טאַקע אויסגעקומען מאַרקס׳ן אין יענער צייט דורכצולעבן הונגער, נויט און פאַרשידענע קראַנק-הייטן פון זיינע קינדער. פון דער דירע האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן. מ׳האָט אַרויסגעשטעלט זיינע זאַכן אַף דער גאַס, דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן קיין דירע-געלט. עטלעכע שאָ האָט זיך זשעני מאַרקס מיט די קינדער געוואַלגערט אַף דער גאַס ביז איר מאַן האָט געפונען צוויי צימערלעך אין איינעם פון די אָרעמסטע געגנדן אין לאָנדאָן.

ווען איינער פון זיינע פריינט האָט זיך דערוואוסט פון זיין שלעכטן צושטאַנד, האָט ער אים אַריינגעשיקט אין אַ בריוו צוואַנציק דאָלאַר. דער פריינט האָט אַף דעם בריוו ניט אָנגעגעבן זיין נאָמען און אַדרעס, קעדיי מאַרקס זאָל מוזן האַלטן דאָס געלט, ווייל ער וועט ניט וויסן וועמען דאָס אָפּצושיקן. אָבער מאַרקס האָט דאָס געלט דאָך ניט אָנגענומען. ער האָט געוואוסט אַז איינער פון זיינע כאַ-ווײרים, אַן אַרבעטער, איז קראַנק און אַז זיין פרוי געפינט זיך אָן שום מיטלען צום לעבן. האָט ער באַ זיך באַשלאָסן, אַז יענער כאַווער נייטיקט זיך פיל מער אין דעם געלט, ווי ער און האָט אים אַוועק-געטראָגן דאָס געלט.

זיין פרוי זשעני האָט געהאַט פיל צירונג, וואָס איר פאָטער האָט איר געשאָנקען צו דער כאַסענע. ביסלעכווייז האָט זשעני פאַרקויפט איר צירונג קעדיי צו האָבן פאַר די קינדער אַביסל עסן.

אין די יאָרן פון גרויס אָרעמקייט זיינען געבאָרן געוואָרן באַ אים אין לאָנדאָן נאָך דריי קינדערלעך. קיין געלט צו קויפן אַ וויג פאַר איינעם פון די אויפעלעך האָבן זיי ניט געהאַט. פלעגט מאַרקס אַרומטראָגן דאָס קינד אין וויגן עס אַף זיינע אָרעמס. צוויי פון די קינדערלעך זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט.

מאַרקס האָט געפּרובט געפינען וועלכע עס איז באַשעפטיגונג. אָבער עס איז אים ניט געגאַנגען. איין מאָל איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער קריגט אַ שטעלע אַלס אָנגעשטעלטער אין אַן אָפיס, אָבער ווי

נאָר ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע רעכענונגען, האָט מען אים אָפּגע־זאָגט צוליב זיין שלעכטער האַנטשריפט.

אין איין שיינעם אָוונט פון יענע ביטערע צייטן, איז מאַרקס אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אים כּוישעד געווען, אַז ער האַנדלט מיט געגאַנוועטער סכוירע. פאַרגעקומען איז דאָס ווען ער איז געקו־מען פאַרמאַשקענען אַ טייל פון דער זילבערוואַרג, וואָס זיין פרוי האָט געיאַרשנט פון איר פאַמיליע. דעם באַלעבאָס פון דעם לאָמ־באַרד איז אויסגעקומען זייער מאָדנע, וואָס אַזאַ אָרעם־געקליידעטער מאַן קומט צו אים אין אָוונט, אַרומקוקנדיק זיך אַף אַלע זייטן, מיט אַזאַ זילבערוואַרג. ער האָט אַרויסגערופן די פּאָליציי און יענע האָט זיך גלייך גענומען צו מאַרקס׳ן. די פּאָליציי איז געווען זיכער, אַז זיי האָבן דאָ געפּאַקט אַ וויכטיקן גאַנעוו. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין עטלעכע שאָ אַרום, האָבן זיי זיך דערוואוסט ווער אָט דער סאָרט „גאַנעוו" איז, און מען האָט אים באַפרייט.

אין יענע צייטן, האָט קאַרל מאַרקס אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַף זיין גרעסטע ווערק, „קאַפּיטאַל". ער פלעגט אָפּזיצן אין דעם בריטישן מוזעאום באַ דער אַרבעט פופצן, זעכצן שאָ אַ טאָג און אָפטמאָל נאָך מערער. אין גאַנצן האָט ער געאַרבעט אַף דעם ווערק 17 יאָר.

אין 1864, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, איז מאַרקס באַלד געוואָרן זיין הויפּט פירער. דער ציל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו פאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון דער וועלט אין איין קאַמפּס אָרגאַניזאַציע.

ניין יאָר איז מאַרקס געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל ביז וואַנען דער אָפיס פון דעם ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל איז טראַנספערירט געוואָרן פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק. פאַר די ניין יאָר האָבן זיך די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשי־דענע לענדער פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט.

אין מאַרקס׳ס פערזענלעכן לעבן אָבער, זיינען קיינע פאַרבע־סערונגען ניט פאַרגעקומען. זיין אָנגעשטרענגטע שווערע אַרבעט האָט סאָף קאָל סאָף אים איינגעבראָכן. ער האָט אָנגעהויבן ליידן אַף פאַרשידענע קראַנקהייטן. עס זיינען געווען צייטן, ווען ער האָט לאַנגע מאָנאַטן געמוזט ליגן צו בעט אין שרעקלעכע יעסורעס. אַזוי שנעל אָבער, ווי ער האָט זיך נאָר געפילט אַביסל בעסער, האָט ער זיך צוריק גענומען צו זיין שווערער אַרבעט אַף זיין ווערק „דאָס קאַפּיטאַל".

ווען מאַרקס פלעגט יעדן טאָג גיין אין דעם בריטישן מוזעאום אָפּזיצן דאָרט זיינע 17-18 שאָ אַף זיין אַרבעט, פלעגן אים שוין קינדערלעך פון גאַס אָפּוואַרטן אַפן וועג, בעטן באַ אים פּענים און שפּילן זיך מיט אים ווי מיט זייערס אַ גלייכן. דאָס זיינען געווען אָרעמע קינדער. זיי זיינען געווען זייער

דאַנקבאַר דעם אומבאַקאַנטן פעטער, וואָס קוקט אַף זיי מיט אַזעלכע ליבע אויגן און זאָגט זיי קיין מאָל ניט אָפּ ווען זיי בעטן בא אים אַ פעני. עס איז זיי גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אָט דער פעטער מיט דער ברייטער באָרד איז מיט זיין גאַנצן לעבן אריינגע-טאָן אין דעם קאַמף, ווי אַזוי צו מאַכן גליקלעך אַלע מענטשן-קינדער.

מאַרקס געזונט איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. ער האָט געמוזט ליגן אין בעט. די דאָקטוירים האָבן ניט געקאָנט אויסגעפינען זיין קראַנקהייט. קימאַט ווי אומבאַמערקטערהייט איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן אַף אייביק, זיצנדיק אַף אַ שטול. ווען ענגעלס איז געקומען אַף דעם רוף פון מאַרקס'ס אינגערער טאָכטער, וואָס האָט דערזען, אַז דער סאָף איז נאָענט, האָט ער נאָך געפונען אַ פאַרגליווערטן שמייכל אַף מאַרקס'ס טויטע ליפן.

דאָס האָט געטראָפן דעם 14טן מערץ אין 1883.

# האָט לעניו געזאָגט

### פון איציק פעפער

האָט לעניו געזאָגט:\
— זאָל טאָגן אַ־דאָרט,

וואו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט, —\
מיט ווערטער מיט פּראָסטע

האָט לעניו געזאָגט.\
„דאָס ליכט אַהין,

וואו ס'איז שטענדיק נאַכט,\
האָט לעניו געזאָגט.

פון שטעטלעך און שטעט\
זיינען יונגען אַוועק.

פון דאָרף און פון וואַלד\
אַף טייכן אַוועק

מיט גלויביקע אויגן,
מיט האַמערס און העק.

זאָל טאָגן אָ־דאָרט,
וואו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט, —

מיט ווערטער מיט פּראָסטע
האָט לענין געזאָגט.

# לענין איז געקומען

אַרויס פון אונטערערד, האָט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס אָנגעהויבן וואַקסן און זיך פּאַרפּעסטיקן. עס האָבן זיך אומגעקערט די אַלטע קעמפּער, די צעוואָרפענע איבער די טורמעס, קאַטאָרגעס און פאַר-שיקונג. עס האָט זיך אומגעקערט וולאַדימיר איליטש לענין — דער



פירער פון דער פּאַרטיי — פון אויסלאַנד, וואוהין ער איז געווען פאַרטריבן.

די נייעס וועגן דער פעברואַר רעוואָלוציע האָט געטראָפן לענינען אין דער שווייץ, וואו ער האָט אַסאַך יאָרן געוואוינט, זייענדיק פאַר-

טריבן. ווי נאָר איליטש האָט זיך דערוואוסט וועגן דער רעוואָלוציע, האָט ער באַשלאָסן טייקעף אָפּצופאָרן קיין רוסלאַנד.

— מע דאַרף פאָרן, מע דאַרף וואָס גיכער זיך אַרויסרייסן פון דאַנען. יעדע מינוט איז טייער, — האָט ער גערעדט צו זיינע כאַווירים. וולאַדימיר איליטש איז געווען אויפגערעגט, איז נעכט ניט געשלאָפן, האָט אַלין געטראַכט, ווי אַזוי פאָרט מען קיין רוסלאַנד.

אַ שווערע אויפגאַבע איז עס געווען. די מילכאָמע איז אָנגעגאַנגען. אַלע וועגן זיינען געווען אָפּגעשניטן. קיין איין לאַנד וואָלט ניט געווען איינגעגאַנגען דורכצולאָזן דעם פירער פון די באָלשעוויקעס.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך לענין דאָך דערקליבן צו דער רוסישער גרענעץ. לענינען אַנטקעגן איז אַרויסגעפאָרן פון פעטראָגראַד כאַווער סטאַלין. אין בעלאָאָסטראָוו האָבן זיך בעגעגנט די גרויסע רעוואָלוציאָנערן-באָלשעוויקעס. אינעם האַלב-פינצטערן וואַגאָן האָבן זיי געצייכנט דעם פּלאַן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דעם 17טן אַפּריל יאָר 1917 איז לענין געקומען צופאָרן קיין פעטראָגראַד (לענינגראַד). עס איז געווען באַנאַכט. דער פינלענדישער וואָקזאַל און דער גאַנצער אַרום איז געווען באַגאָסן מיט שיין פון פּראָזשעקטאָרס, פול געפּאַקט מיט אַרבעטער און סאָלדאַטן. זיי האָבן געוואַרט אָף זייער פירער.

ענדלעך, האָבן אין דער נעפּלדיקער ווייט אַ פּינטל געטאָן פייערלעך. באַלד האָט זיך פון דער ווייט אַרויסגעשלענגלט דער באַלויכטענער צוג. די רעדער קלאַפּן, דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט און שטעלט זיך אָפּ.

דער אָרקעסטער שפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. די, וואָס זיינען געקומען באַגעגענען, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די וואַגאָנעס. פונעם פינפטן וואַגאָן נאָכן לאָקאָמאָטיוו איז אַרויסגעגאַנגען וולאַדימיר איליטש, נאָך אים — קרופּסקאַיאַ און נאָך אַ ך כאַווירים.

— סמיר-ר-נאָ! — האָט אַ הילך געטאָן אַ באַפעל. די אָרקעסטערס האָבן אָנגעהויבן שפּילן, און דאָס גאַנצע מיליטער האָט סאַלוטירט. דערנאָך האָט אַ הילך געטאָן אַ מעכטיקער, אַ האַרציקער „הוראַ“!...

וולאַדימיר איליטש האָט זיך פריינטלעך און פריילעך באַגריסט מיט אַלעמען און זיך געלאָזט גיין מיט זיין געוויינלעכן איילנדיקן גאַנג. נאָר ווען עס האָט אַ דונער געטאָן דער „הוראַ“, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, ווי ער זאָל זיך האָבן פאַרלוירן, אַ פרעג געטאָן: „וואָס איז דאָס?“

— דאָס באַגריסן אייך די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און די אַרבעטער, — האָט מען אים געזאָגט.

— די צייטווייליקע רעגירונג נאַרט אָפּ די אַרבעטער און פויערים — האָט גערעדט לענין, שטייענדיק אָף אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל.

— דאָס פֿאָלק דאַרף האָבן שאָלעם, ערד, ברויט!
— זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע!
ווידער אַ מעכטיקער אויפריים פֿון אַנטציקונג.
— לענין איז געקומען! געקומען צו פֿאָרן דער פירער! איצט וועט גיין אַ גאַנג! — האָבן גערעדט די אַרבעטער.

## וועגן וואָס האָט גערעדט לענין

אין דערזעלביקער נאַכט וואָס ער איז אָנגעקומען, איז לענין שוין אַרויסגעטראָטן אַף אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג פֿון באָלשעוויקעס, אַרבעטער און סאָלדאַטן. דאָ האָט וולאַדימיר איליטש געהאַלטן זיין אויסגעצייכנטע רעדע. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי די אַרבעטער דאַרפֿן קעמפן פֿאַר דער מאַכט.

לענין האָט דערקלערט, אַז די ציטווייליקע רעגירונג וועט קיינמאָל ניט געבן די אַרבעטער און פויערים קיין שאָלעם, ערד און ברויט. דידאָזיקע רעגירונג פֿאַרטיידיקט בלויז די אינטערעסן פֿון די רייכע, און נאָר צוליב זייערע פּראָפֿיטן שיקט זי אַף דער מילכאָמע מיליאָנען אַרבעטנדיקע.

לענין האָט געפֿאָדערט, מע זאָל באַלד ענדיקן די מילכאָמע, איבערגעבן די גאַנצע פּריצישע ערד צו די פויערים אומזיסט.

— נידער מיט דער רויבערשער מילכאָמע! — די ערד — די פויערים! — די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן! — האָט ער געזאָגט.

לענין האָט געזאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע ניט צוליב דעם, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין צו זייערע עקספּלואַטאַטאָרס — צו די קאַפּיטאַליסטן. די אַרבעטער דאַרפֿן נעמען די מאַכט אין זייערע הענט צוליב בויען אַ ניי, אַ בעסער לעבן.

און אָט צו דעם דאַרף מען איצט גרייטן די אַרבעטער אין די שטעט און די אָרעמע פויערים אין די דערפֿער.

## די יולי טעג

די אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן זיך פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער איבערצייגט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען געווען גערעכט. די אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן האָבן געוואַרט אַף שאָלעם. דער הונגער האָט זיך וואָס אַ טאָג מער פֿאַרשטאַרקט. די ערד איז געבליבן באַ די פּריצים.

די מאַסן אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים האָבן זיך מער דערנעענטערט צו דער פּאַרטיי און איר פירער לענין. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס. די פּעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן זיינען ניט איינמאָל מאַסנווייז אַרויס אַף דער גאַס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די באָלשעוויקעס, געפֿאָדערט, אַז די

מאַכט זאָל איבערגעגעבן ווערן די סאָלדאַטן, געפאָדערט שאָלעם, ערד, ברויט. אין די דערפער האָבן די פויערים אָנגעהויבן פאַרכאַפּן די ערד בײַ די פּריצים.

די בורזשואַזיע האָט געפּרוּווט אַרויספירן די בעסטע רעוואָלוציאָנערע פּאָלקן פון דער הויפּטשטאָט אויפן פראָנט, קעדיי אָפּצושוואַכן אַזוי אַרום די רעוואָלוציע. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ נייעם פּראָטעסט פון די אַרבעטנדיקע.

דעם 3טן יולי זיינען די פּעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן, באַוואָפנטע, ווידער אַרויס אויף די גאַסן.

— נידער מיט דער מילכאָמע! נידער מיט דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג! די ערד — די פויערים! די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן! — האָבן געפאָדערט די אַרבעטער און סאָלדאַטן.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אָבער געוואוסט אַז נאָך ניט אַלע קוויבעס זיינען שוין גרייט. די אַרמיי אויפן פראָנט איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט צו קעמפן קעגן די קאַפּיטאַליסטן, ווייט נאָך ניט אַלע אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים האָבן פאַרשטאַנען דעם ווייטערדיקן וועג פון דעם קאַמף. דער אויפשטאַנד האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט אַ מאַפּאָלע. דעריבער האָט די פּאַרטיי אָנגענומען אַלע מיטלען צוליב דעם, אַז די בורזשואַזיע זאָל ניט פאַרניכטן די אַרבעטער קוויכעס. די פּאַרטיי האָט גערופן צו אַ פרידלעכער דעמאָנסטראַציע אונטערן לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן“.

די ציטווייליקע רעגירונג האָט באַפוילן, אַז מע זאָל מיט געווער דערשטיקן די דעמאָנסטראַציע פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן. פונעם פראָנט איז אָנגעקומען פריש מיליטער, וואָס איז נאָך געווען טריי דער רעגירונג, און האָט אָנגעהויבן שיסן אין די אייגענע ברידער.

מען האָט זיך גענומען צערעכענען מיט די אַרבעטער — מע האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן באָלשעוויקעס און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער.

די באָלשעוויסטישע צייטונג „פּראַוודאַ“ האָט מען אָפּגעשטעלט. די בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן לענינען. פאַר זיין קאָפּ האָט מען באַשטימט 200 טויזנט רובל.

## לענין אין אונטערערד

די בורזשואַזיע האָט געזוכט לענינען, קעדיי אים צו דערהאַרגענען. לויטן באַשלוס פון צ״ק*) פון דער פּאַרטיי איז לענין אַוועק אין אונטערערד.

דער אַרבעטער יעמעליאַנאָוו האָט אויסבאַהאַלטן לענינען בײַ זיך אין שטוב ניט ווייט פון פּעטראָגראַד. וולאַדימיר איליטש האָט זיך באַזעצט אויף אַ בוידעם, אָבער לאַנג דאָרט בלייבן האָט מען ניט

*) צ״ק — צענטראַלער קאָמיטעט.

געטאָרט, ווייל עס זיינען געווען פיל שפּיאָנען און פּאָליציאַנטן.

עס איז אויסגעקומען צוצוטראַכטן אַ מער זיכער אָרט.

— עס איז איצט די צייט פון היי־שניט, האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן יעמעליאַנאָוו, — עפשער אַריבערפירן אייך, וולאַדימיר איליטש, צו די היי־לאַנקעס? אָן אָרט איז דאָרט אַ פּאַרוואָרפנס — וואַלד און לאַנקעס. איך וועל אייך דאָרט אַוועקשטעלן פאַר אַ היי־שניטער.

שוין אַפן צווייטן טאָג איז ניט ווייט פון דער קליינער אָזערע „ראַזליוו“, צווישן לאַנקעס און וואַלד, גיך אויסגעוואַקסן אַ ביידל. געמאַכט האָט מען דאָס ביידל פון צווייגן, באַדעקט מיט היי. דאָ טאַקע האָט מען גלייך געמאַכט אַ קיך — אַריינגעקלאַפּט פּלעקער, איבערגעלייגט איבער זיי אַ שטעקן און אויפגעהאַנגען אַ קעסעלע.

לעניגס ביידל איז גיך געוואָרן דער „שטאַב פון דער רעוואָלוציע“. לענין האָט דאָ זייער פיל געאַרבעט. אַהער פלעגן קומען צופאָרן כאַוויירים פון פּעטראָגראַד און פלעגן באַקומען אָנווייזונגען. לענין האָט געלערנט די כאַוויירים. וויאַזוי צוצוגרייטן און דורכפירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אַזוי, אַז דער זיג זאָל זיין אַף דער זייט פון די אַרבעטער.

די שפּיאָנען זיינען פון די פיס געפאַלן. 50 אָפיצערן פון „שלאָג־באַטאַליאָן“ האָבן זיך געשוואוירן, אַז זיי וועלן „אָדער שטאַרבן, אָדער געפינען לענינען“. אין די צייטונגען האָט מען געפּלאַפּלט, אַז לענין איז פאַרשוואונדן אַף אַן אונטערוואַסער־שיפל, איז אַוועק־געפלויגן אַף אַן עראָפּלאַן.

האַרבסט־צייט האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס. בלייבן אין ביידל האָט מען ניט געקאָנט. האָט דאַן דער כ׳ יעמעליאַנאָוו געקראָגן פאַר כ׳ לענינען אַ פּאַספּאָרט אַפן נאָמען פון דעם אַרבעטער איוואַנאָוו.

אַ פאַבריק האָט מען געקראָגן לענינען, אַרבעטער־קליידער, פאַר־גרימירט אים. און איליטש איז געוואָרן ענלעך צו דעם עמעסן איוואַנאָוון, וואָס זיין בילד איז געווען אויפגעקלעפּט אַפן פּאַספּאָרט.

לענינען האָט מען איינגעאָרדנט אַלס לאָקאָמאָטיוו־פייערמאַן באַ אַ זיכערן מאַשיניסט. אַט אין אַזאַ אויסזען האָט זיך לענין איבער־געקליבן קיין פינלאַנד, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן קימאַט ביז סאַמע דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

פונדאַנען האָט לענין אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי. אונטער זיין אָנפירונג האָבן סטאַלין און אַנדערע באָלשעוויקעס צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד.

## די צוגרייטונג צום אָקטאָבער

אין אַ כוידעש אַרום נאָך די יולי־טעג האָט זיך אין פּעטראָגראַד צונויפגעקליבן דער 6טער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. דערדאָ־זיקער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אָן לענינען, מיט אים האָט

אָנגעפירט דער כ׳ סטאַלין. סטאַלין האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט לענינען.

נאָכפאָלגנדיק די אָנווייזונגען פון די כאַווירים לענין און סטאַלין, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשטימט אָנצוהייבן גרייטן די קויכעס פאַרן באַוואָפנטן קאַמף פאַר דער מאַכט.

די באָלשעוויקעס פלעגן צעוואַרפן ליפלעטס צווישן די אַרבע-טער און סאָלדאַטן און פירן שמועסן וועגן דעם, אַז מע דאַרף פאַר-טרייבן די בורזשואַזיע און די פּריצים, מען דאַרף ענדיקן די מילכאָמע. די פּאַרטיי האָט אומעטום געשאַפן אָטריאַדן פון דער רויטער גוואַרדיע. אין דער רויטער גוואַרדיע זיינען אַריינגעגאַנגען די איבער-געגעבנסטע אַרבעטער און פויערים.

— איר דאַרפט ניט האַרגענען איינער דעם צווייטן — האָבן געשריבן די באָלשעוויקעס אין די ליפלעטס. — אייערע פיינט די רייכע, די פּריצים אין די פאַבריקאַנטן, און אַלע, ווער נאָר עס איז איינס מיט זיי, קענן זיי דאַרפט איר אויפהויבן אייער געווער.

אויך די בורזשואַזיע האָט זיך געגרייט. זי האָט צונויפגענומען אַלע אירע קויכעס — די אָפיצערן און באַלעבאַטישע זינדלעך. קערענסקי, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט געגרייט אַ מאַרש פונעם מיליטער פון פראָנט אָף פּעטראָגראַד, קעדיי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע.

די יולי-טעג האָבן קלאָר באַוויזן די אַרבעטער און פויערים, וועמעס אינטערעסן עס פאַרטיידיקט די קערענסקי רעגירונג. די אַרבעטער און פויערים זיינען געגאַנגען נאָך די באָלשעוויקעס. די פויערים אין די דערפער האָבן פאַרכאַפּט די פּריצישע מאַיאָנטקעס, פאַרטריבן אָדער געהאַרגעט די אייגענטימער זייערע. די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזן די טרענטשעס און זיינען געגאַנגען אַהיים, ניט געוואָלט ווייטער מילכאָמע האַלטן צוליב די אינטערעסן פון די רייכע.

אין סעפּטעמבער 1917 זיינען די סאָוועטן אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער פּאַרטיי. די מערהייט דעפּוטאַטן פון די סאָוועטן זיינען געגאַנגען נאָך די באָלשעוויקעס.

לענין האָט געשריבן:

די מערהייט אַרבעטער און סאָלדאַטן זיינען מיט אונדז. דער זיג איז געזיכערט. מען דאַרף וואָס גיכער אָנהייבן דעם אויפשטאַנד!

## די באָלשעוויקעס דאַרפן נעמען די מאַכט!

דעם 10טן אָקטאָבער 1917, אין אַ קליין צימערל איז זיך געהיים צונויפגעקומען דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אָף דער זיצונג געפינט זיך לענין. מען קאָן אים ניט דערקענען: ער האָט זיך אָפּגעגאָלט די באָרד, אָפן קאָפּ טראָגט ער אַ פּאַריק.

לענין האָט געזאָגט:

— די אַרבעטער זיינען פאַר די באָלשעוויקעס. די סאָלדאַטן — פאַר די באָלשעוויקעס. די אָרעמקייט אין די דערפער — פאַר די באָלשעוויקעס. דער זיג איז געזיכערט. די באָלשעוויקעס דאַרפן נעמען די מאַכט אין זייערע הענט! מע טאָר ניט אָפּלייגן אַף שפּעטער!

דערנאָכדעם איז אַרויסגעטראָטן דער כ׳ סטאַלין. ער האָט מיט זיין גאַנצער קראַפט אונטערגעהאַלטן לענינס פאָרשלאָג.

דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן: „אָנהייבן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד״.

די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן געוואַגט און אַנטשלאָסן גרייטן די אַרבעטער צום אויפשטאַנד. דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט דעם 13טן אָקטאָבער אויסגעטיילט צוליב מיליטערישער אָנפירונג אַ מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן צענטער. אין אים זיינען אַריין: די כאַווירים סטאַלין, סווערדלאָוו, דזשערזשאַנסקי, בובנאָוו און אוריצקי.

דער צענטער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פונעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט צעשיקט זיינע קאָמיסאַרן אין אַלע מיליטער-טיילן.

קערענסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן די קאָמיסאַרן פונעם קאָמיטעט. אָבער קיינער האָט שוין ניט געהערט קערענסקי׳ן. די סאָלדאַטן האָבן אומעטום באַשלאָסן: אויספילן בלויז די באַפעלן פונעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

אַפן 25סטן אָקטאָבער איז באַשטימט געוואָרן צונויפרופן דעם אַלרוסלענדישן סאָוועטן-צוזאַמענפאָר.

„מיר דאַרפן איבערגעבן דעם צוזאַמענפאָר די געוואונענע מאַכט. בעשומויפן ניט לאָזן די מאַכט אין קערענסקים הענט ביזן 25סטן אָקטאָבער. היינט אינאָוונט אָדער באַנאַכט דאַרף אומבאַדינגט דערלייזט ווערן די זאַך. מע דאַרף אומבאַדינגט היינט אינאָוונט, אָדער באַנאַכט אַרעסטירן די רעגירונג, אַנטוואָפנען און באַזיגן די מאַכט״ — האָט געשריבן וולאַדימיר איליטש דעם 24סטן אָקטאָבער.

דעם 24סטן אָקטאָבער אינאָוונט האָט זיך לענין אַריבערגעקליבן אין סמאָלני, וואו עס האָט זיך געפונען דער צ״ק פון דער פּאַרטיי און דער רעווקאָם, — קעדיי פון דאָרטן אָנצופירן מיטן אויפשטאַנד.

## דער זיג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע

נאָך דעם 23סטן אָקטאָבער איז אַף דער זייט פונעם מיליטעריש רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אַריבערגעגאַנגען דער גאַרניזאָן פון פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, וואָס האָט פאַרמאָגט באַ זיך אין אַרסענאַל 100 טויזנט ביקסן. מיט דידאָזיקע ביקסן האָט זיך באַוואָפנט די

רויטע גוואַרדיע און די די טײלן פון גאַרניזאָן, וואָס זײנען אַריבער אַף דער זײט פונעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

דעם 24סטן אָקטאָבער האָט דער מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט צונױפגעצױגן זײן מיליטער צו סמאָלני און איז איבער-געגאַנגען צו אַקטיװע מילכאָמע-אָפּעראַציעס. אַף שטיצן די שלאַכט-אַרויסטרעטונגען האָט מען פון העלסינגפאָרס אַרויסגעפאָדערט מאַטראָסן.

לענין האָט די גאַנצע צײט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג פונעם רעוואָלוציאָנערן מיליטער.

די נאַכט, וואָס פאַרן 25סטן אָקטאָבער האָבן די רעוואָלוציאָנערע טײלן פאַרנומען די וואָקזאַלן און בריקן. 7 אַזײגער אינדערפרי האָט מען פאַרכאַפּט דעם טעלעגראַף און די טעלעפאָן-סטאַנציע.

דער דערפאָלג פונעם אױפשטאַנד אין פּעטראָגראַד איז געווען געזיכערט. די מאַכט איז פאַקטיש אַריבער אין די הענט פונעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

באַטאָג אַרום דרײ אַזײגער, האָט דער מיליטעריש-רעוואָלוציאָ-נערער קאָמיטעט צונױפגערופן אַ זיצונג פונעם פּעטראָגראַדער סאָוועט פון אַרבעטער-און-סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן. אַף דער זיצונג איז אַרויס-געטראָטן לענין.

לענין האָט געזאָגט:

— כאַווײרים! די אַרבעטערשע און פּױערשע רעוואָלוציע, וועגן וועלכער ס׳האָבן די גאַנצע צײט גערעדט די באָלשעוויקעס, איז געשען. דידאָזיקע רעוואָלוציע וועט ברענגען די אַרבעטער און פּױערים צום זיג פונעם סאָציאַליזם. זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע!

צו אָוונט-צו זײנען אַלע מעלוכע-אַנשטאַלטן געווען פאַרנומען דורכן אױפגעשטאַנענעם מיליטער. די צײטווײליקע רעגירונג האָט זיך אױסבאַהאַלטן אין ווינטער-פּאַלאַץ.

דער קאָמיסאַר פונעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, דער כאַווער אַנטאָנאָוו-אָווסײענקאָ, האָט איבערגעגעבן דער צײט-ווײליקער רעגירונג די לעצטע פאָדערונג.

— גלײך זיך אונטערגעבן. אַף באַטראַכטן זיך ווערט געגעבן 20 מינוט. אױב די רעגירונג וועט זיך ניט אונטערגעבן, וועט מען איבערן פּאַלאַץ עפענען אַ פײער פון האַרמאַטן.

די קערענסקי-רעגירונג האָט געשוויגן, ניט געגעבן קײן ענטפער. אַרום ווינטער פּאַלאַץ האָט זיך אָנגעהױבן אַ שיסערײ.

10 אַזײגער מיט 40 מינוט אינאָוונט האָט זיך געעפנט אין סמאָלני דער 2טער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן. אַפן צוזאַמענפאָר זײנען געווען העכער 600 דעלעגאַטן, וועלכע זײנען זיך צונױפגעפאָרן

פלוצלינג האָט זיך דערטראָגן אַ ווײטער פאַרטױבטער קלאַפּ.

עס האָבן אַ ציטער געטאָן די שויבן און די פענצטער. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט. דאָס האָבן די מאַטראָסן פון „אווראָראַ" אָפּגעפּייערט דעם ערשטן שאָס פון ווינטער-פּאַלאַץ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורעם.

רויטגוואַרדייער, מאַטראָסן, סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם ווינטער-פּאַלאַץ מיט אַ פעסטן רינג און זיך אַ וואָרף געטאָן אַף אים. אין דער נאַכט-פינצטערניש, באַלויכטן דורך די בליצן פון די שאָסן, האָבן זיך געטראָגן מאַכנעס אַרבעטער, מאַטראָסן און סאָלדאַטן.

— זאָל לעבן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע! — האָט געשריען דאָס מיליטער.

דער ערשטער האָט זיך אַפּן פּאַלאַץ-פּלאַץ אַריינגעריסן דער אָטריאַד רויטגוואַרדייער אונטער דער אָנפירונג פונעם פּוטילאָווער אַרבעטער קריווענקאָ. אַ האַגל קוילן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַפּן אָטריאַד. די אָפיצערן האָבן באַשאָסן די רויטגוואַרדייער פון קוילנ-וואַרפערס און ביקסן, געוואָרפן אַף זיי באָמבעס.

אָבער גאָרניט האָט ניט געקענט אָפּשטעלן די רויטע גוואַרדיע.

די אָטריאַדן רויטגוואַרדייער און מאַטראָסן האָבן זיך געוואָרפן צו די טירן פונעם פּאַלאַץ. נאָך זיי האָבן זיך געטראָגן סאָלדאַטן, פאַרפילנדיק אַלע גאַסן און דעם פּלאַץ.

די אָפיצערן האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן און האָבן זיך געלאָזט לויפן אינעווייניק אין פּאַלאַץ אַריין.

— פאָרויס, כאַווײרים! — האָבן געשריען די רויטע קאָמאַנדירן, דערשלאָגן דעם סוינע!

און אינעווייניק אין פּאַלאַץ, אין די קאָרידאָרן, אַף די טרעפּ — האָט זיך צעפּלאַקערט דער לעצטער קאַמף. מע האָט גענומען אַ צי-מער נאָך אַ צימער.

נאָר פּלוצלינג אינעם אַלגעמיינעם ראַש און טומל האָבן די רויטגוואַרדייער, מאַטראָסן און סאָלדאַטן דערהערט די קאָמאַנדע פון זייער אָנפירער. זיי האָבן זיך צערוקט, און פאָרויס איז אַרויסגע-טראָטן דער פירער.

— גענוג, — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט צו די אָפיצערן. — איר האָט פאַרשפּילט. לייגט אַוועק דאָס געווער! וואו איז די צייט-ווייליקע רעגירונג? — האָט ער געפרעגט.

איינער פון די אָפיצערן האָט אויפגעעפנט די טיר פון אַ צימער, וואו עס זיינען געזעסן די נעבעכדיקע, הילפלאָזע מיניסטאָרן.

די אַרבעטער האָבן אַרעסטירט די מיניסטאָרן, און אין אַ האַלבער שאָ זיינען זיי געווען אין סמאָלני.

מיט אַ „הוראַ"-אויסרוף האָט דער צוזאַמענפאָר באַגעגנט די נייעס וועגן דעם, אַז דער ווינטער-פּאַלאַץ איז גענומען און אַז די צייט-ווייליקע רעגירונג איז אַרעסטירט.

אזוי איז אין רוסלאַנד, דעם 7טן נאָוועמבער, 1917, פאַרניכטעט געוואָרן די מאַכט פון קאַפּיטאַליסטן און פּריצים.

דער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן האָט דערקלערט רוסלאַנד פאַר אַ סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

אין שפּיץ פון דער רעפּובליק האָט דער צוזאַמענפאָר אַוועקגע-שטעלט דעם סאָוועט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן. פאַר פאָרזיצער פונעם סאָוועט איז אויסגעוויילט געוואָרן וו. אי. לענין.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט זיך איינגעשטעלט די מאַכט פונעם אַרבעטער-קלאַס.

# לענין

## פון איזי כאַריק

היינט וועט קיינער ניט פאַלן מיט די קני צו דער ערד
פאַר נאָענטע, בלוטיקע טראָפּן . . .
יעדער וואָרט,—ווי אַ שניט, יעדער קרעכץ—ווי אַ שווערד
איבער שטעט און אויף קעפּ פון איראָפּע.

איין־און־צוואַנציקסטער יאַנואַר, פיר־און־צוואַנציקסטער יאָר
אַ געשריי און אַ שניט איבער לענדער —
אַ שטרענגער, אַ בלוטיקער וואָר
פאַרגייט אין אַ העלער לעגענדע . . .

וועט דורכגיין אַ טאָג און וועט דורכגיין אַ נאַכט,
וועט דורכגיין אַ דאָר, אַ יאָרהונדערט
און וועט מען דערציילן—אָט־דאָ אויף דער וואַך
האָט ער אַזאַ שטאָלצער געדונערט.

# בא לענינס קייווער

## פון איציק פעפער

מאָסקווע, קרעמעל.
אַ ראַדיאָ צו אַלע . . .
אַ שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן

שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אַף הוילע קעפּ.
באַם פרישן קיווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אַזוי ווייט, און טאָג אַזוי שוואַרץ;
ס'איז דאָ אַזויפיל פראָסטער לענינס וואונדער
אין אונדזער שטאָלענעם און ווינענדיקן האַרץ.

***

מאָסקווע, קרעמל,
אַ ראַדיאָ פון אַלע . . .
אַן אַנדער ראַדיאָ, אַ צווייטע ראַדיאָ פליט:
אילִיטש איז דאָ מיט אַלע און באַ אַלע
אין אונדזער הייסן בלוט, אין שטרענגע קאַלטע טריט.

ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס ווערט אַ וועג אונדז ווייזן,
און מענטשן פראָסטע איז דאָ דאָך אָן אַ צאָל.
ס'איז דאָ אַ לאַנד פון פעלדער און פון אייזן —
אַ לענין־לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זיינען אַלע דאָ.

צעוויינטע הערצער וואַכן,
און היים איז אונדזער בלוט,
און פעסט איז אונדזער לאַנד.
אין דערפער און אין שטעט,
אַף פעלדער און אַף שליאַכן—
מיר זיינען אומעטום
מיט לענינס פאָן אין האַנט.

# קאַרל ליבקנעכט

קאַרל ליבקנעכט איז געבאָרן געוואָרן אין לייפּציק. זיין פאָטער (ווילהעלם ליבקנעכט) איז געווען אַן אָנגעזעענער רעוואָלוציאָנער, אַ שילער פון מאַרקסן, איינער פון די גרינדער פון דער דייטשישער אַרבעטער באַוועגונג.

פון קינדוויז אָן וואַקסט ליבקנעכט אין אַ סוויווע פון רעוואָלו-

ציאָנערע אידייען, און וואַקסט אויס אַ פלאַמיקער קאָמוניסט, שטענדיק גרייט צום קאַמף.

ווען קאַרל האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט איז ער צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין בערלין. דאָרט האָט ער זיך גענומען באַטייליקן אין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אין יאָר 1905 הייבט ער אָן פירן אַן אַגיטאַציע פאַר אַן אַלגע-מיינעם סטרייק. שוין דאַן זעט ער, אַז די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע הייבט אָן גיין באַרג אַראָפּ, אַז זי וויל שאָלעם מאַכן מיט דער בורזשואַזיע. און קאַרל ליבקנעכט זוכט עפּעס אַ נייעם קויעך, וואָס זאָל אַריינגיסן פריש רעוואָלוציאָנער בלוט אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ער ווערט אַ גרינדער פון דער באַוועגונג פון אַרבעטער-יוגנט און אויך פון דעם יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל.

לויט זיין איניציאַטיוו ווערט אין דייטשלאַנד צונויפגערופן דער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע לענדער. ליבקנעכט טרעט אַרויס וועגן דער וויכטיקסטער פראַגע — מיליטאַריזם.

ליבקנעכט ווייסט, אַז די אַרמיי איז דער אָנשפּאַר און דאָס האַרץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. ער לאָזט אַרויס אַ בוך: „מיליטאַריזם און אַנטי-מיליטאַריזם“, וואו ער רייסט אַרונטער דעם פונדאַמענט פון קאַפּיטאַליזם — די אַרמיי. מען פאַרפירט קעגן ליב-קנעכטן אַ פּראָצעס פאַר מעלוכע פאַראַט, מען פאַרמישפּעט אים אויף אַנדערהאַלבן יאָר טורמע.

ליבקנעכטס נאָמען ווערט ברייט באַוואוסט צווישן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט בעשאַס דער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מילכאָמע.

די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וואָס האָט ניט לאַנג צוריק געשוואָרן אַז זי איז קעגן מילכאָמע, פאַראַט דעם אַרבעטער-קלאַס, און שטימט דעם 4טן אויגוסט, 1914 (אין אָנהייב פון דער מילכאָמע) פאַר מילכאָמע. דער איינציקער פון די דעפּוטאַטן (פאַרשטייער) פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין דייטשישן פּאַרלאַמענט וואָס האָט געשטימט קעגן מילכאָמע איז געווען ליבקנעכט. ווען מען האָט אים געזאָגט אַז „ער ברעכט די פּאַרטיי דיסציפּלין“ האָט ער געענטפערט: „איך האָב העכערע דיסציפּלין, די דיסציפּלין פון די אַלוועלטלעכע אַרבעטער, פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער סאָלידאַריטעט.“

קאַרל ליבקנעכט פאַנגט אָן אַן אַגיטאַציע קעגן מילכאָמע. ער מאַכט עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, האַלט רעדעס אין גאַס און פאַר-שפּרייט פּראָקלאַמאַציעס קעגן מילכאָמע.

אין 1916, נאָך דער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מיי, אויף וועלכער ליבקנעכט האַלט אַ רעדע פאַר פאַרענדיקן די מילכאָמע, ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמישפּעט צו 6 יאָר קאַטאָרגע.

ערשט אין 1918, ווען ס'פאַלט דער דייטשישער קייסער ווילהעלם,

עפענען זיך פאַר ליבקנעכטן די טויערן פון טפיסע. ער וואַרפט זיך גלייך אַריין אין דער אַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע. ער רופט די אַרבעטער צו פאַרכאַפּן די מאַכט. זיינע ערשטע לאָזונגען זיינען געווען: „זאָל לעבן סאָוועטן-רוסלאַנד“, „זאָל לעבן די צווייטע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד“.

צוזאַמען מיט די „ספּאַרטאַקאָווצעס“ שלאָגט ער זיך מוטיק אַף די באַריקאַדן. די קויכעס פון די קאָמוניסטן זיינען נאָך אָבער דאַן געווען קליין אין דייטשלאַנד. די בורזשואזע כאַיאַלעס דערשטיקן דעם אַרבעטער-אויפשטאַנד. אַ באַנדע שוואַרצע אַרעסטירן ליבקנעכטן. ווען זיי פירן אים אין טפיסע שלאָגן זיי אים מיט די קאָלבעס פון זייערע רעוואָלווערן, און אונטערן אויסרייד אַז ליבקנעכט האָט געוואָלט אַנטלויפן, שיסן זיי אים.

ליבקנעכט איז דערשאָסן געוואָרן דעם 15טן יאַנואַר, 1919.

# די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג

שטעלט זיך פאָר, קינדער, אַזאַ זאַך: די קוילנגרעבער פון אַמעריקע זיינען אַרויס אין סטרייק. האָבן די באַסעס אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין ענגלאַנד, מען זאָל זיי אַרויסשיקן קוילן. זאָגן די ענגלישע אַרבעטער: „ניין, מיר שיקן ניט קיין קוילן קיין אַמעריקע, אונדזערע ברידער אַרבעטער סטרייקן דאָרט — מיר סטרייקן אויך.

דעמזעלביקן ענטפער גיבן אויך די פראַנצויזישע אַרבעטער און די אַרבעטער פון אַלע לענדער. וואָלטן די אַמעריקאַנער אַרבעטער געוואונען דעם סטרייק? זיכער יאָ!

פאַר וואָס-זשע זאָלן טאַקע די אַרבעטער פון איין לאַנד ניט העלפן די אַרבעטער פון אַ צווייטן לאַנד? ווען אַלע אַרבעטער וואָלטן געווען פאַראייניקט, וואָלט מען דאָך מיטאַמאָל געקענט געבן אַ שטעל אַף די אַרבעט אין אַלע לענדער, אַרונטערוואַרפן די קאַפּיטאַליסטן און איבערבויען דאָס לעבן אַף דער גאַנצער וועלט.

פאַרוואָס-זשע טוען דאָס ניט די אַרבעטער? דערפאַר, ווייל די אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען נאָך ניט גענוג אָרגאַניזירט. זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו קעמפן צוזאַמען קעגן זייערע אונטערדריקער. אָבער די אַרבעטער לערנען זיך און קעדיי צו פאַראייניקן זייערע קויכעס שאַפן זיי אונטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען.

די הויפּט אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען היינט צו טאָג זיינען:

ד ע ר  ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר  א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל (מען רופט אים אויך „דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, אָדער „קאָמינטערן“).

דער „קאָמינטערן" פאַראייניקט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון גאַר דער וועלט. אַף די צוזאַמענפאָרן און באַראַטונגען פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל ווערן געלייזט די פראַגן וועגן דעם, וואָס עס דאַרף טאָן יעדע קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַ זיך אין לאַנד, קעדיי צו פירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער אַף אַ ריכטיקן וועג און ווי אַזוי די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זאָלן העלפן איינע די אַנדערע.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אַ קעמפערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

דער „קאָמינטערן" האָט אָנגעהויבן פירן זיין אַרבעט אין יאָר 1919. זיינע צוזאַמענפאָרן קומען געוויינלעך פאָר אין מאָסקווע.

ד ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל פ ו ן ד י י ו נ י אָ נ ס (פּראָפעסיאָנאַלע פאַריינען). מען רופט אים אויך „פּראָפינטערן".

דער „פּראָפינטערן" פאַראייניקט די פּראָפעסיאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער, פירט אַ קאַמף דערפאַר, אַז אין דער גאַנצער וועלט זאָל איינגעשטעלט ווערן אַן אַכטשאָעדיקער און אַ קלענערער אַרבעטס-טאָג. ער פירט אַ קאַמף פאַר אַזאַ אַרבעט-לוין וואָס זאָל זיכערן יעדן אַרבעטער אַ מענטשלעך לעבן. ער העלפט די סטרייקנ-דיקע אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אין וואָס פאַר אַ לאַנד דער סטרייק זאָל ניט פאָרקומען. אין דערזעלבער צייט העלפט דער „פּראָ-פינטערן" צוצוגרייטן די אַרבעטער איבערצונעמען די מאַכט צו זיך אין די הענט.

דער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פירט אָן זיין אַרבעט פון יאָר 1920. די באַראַטונגען קומען פאָר אין מאָסקווע.

ד ע ר ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר י ו ג נ ט א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל.
אַ גרויסע באַדייטונג האָט אויך דער קאָמוניסטישער יוגנט אינטער-נאַציאָנאַל („קים"), וואָס פאַראייניקט מיליאָנען אַרבעטער-יוגנט פון דער גאַנצער וועלט. ער האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט מיט עטלעכע כאָדאָשים שפּעטער פאַרן קאָמינטערן. דער ערשטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין בערלין, אָבער אָפּטער פון אַלץ פאָרט זיך צו-נויף די רעוואָלוציאָנערע יוגנט אַף אירע באַראַטונגען אין מאָסקווע.

ד י י ו נ ג ע פּ י אָ נ ע ר ן. נאָך די קאָמוניסטן שפּרייטן זיך אויס און וואַקסן אין אַלע לענדער די יונגע פּיאָנערן. די פּיאָנערן גיבן נאָך קליינערהייט אַ שוואוע צו קעמפן פאַרן אַרבעטער קלאַס.

די בורזשואַזיע פון אַלע לענדער האָט פיינט די קאָמוניסטן און רעכנט זיך מיט זיי אַף אַפן שווידערלעכסטן אויפן, אָבער ניט וויניקער האָט זי פיינט די קאָמיוגיסטן און די פּיאָנערן.

הונדערטער יונגעלייט און מיידלעך ווערן געפּייניקט אין די טורמעס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. מע אַרעסטירט זיי און מע דעפּאָרטירט אין אַמעריקע, מע מאַטערט זיי צום טויט אין די

טפּיסעם פון פּוילן, רומעניע, דייטשלאַנד און עסטרייך, מען טויט זיי אין כינע, אין אינדיע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אָבער ניט קוקנדיק אַף די אַלע פּייניקונגען וואַקסט אַלץ און פאַרשפּרייט זיך די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די אַרבעטער און פּויערים. די אַרבעטער זאַמלען זייערע קויכעס. די הויפּט-אויפ-גאַבע באַשטייט איצט אין פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציעס, אין אַריינציען אין דער באַוועגונג די ברייטע מאַסן. דעמאָלט וועט קיינער ניט קענען באַזיגן די אַרבעטער. זיי וועלן אומעטום אַראָפּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטן, איבערבויען דאָס גאַנצע לעבן און פאַרניכטן אַף אייביק די אָרעמקייט און נויט. זיי וועלן אָפּשאַפן אַף אייביק די אונטערדריקונג פון איין מענטשן דורכן אַנדערן און אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

# ראָזע לוקסעמבורג



ראָזע לוקסעמבורג איז געבאָרן געוואָרן אין פּוילן, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ טייל פון רוסלאַנד. איר פאָטער איז געווען אַן אָרעמער אידישער שוסטער. זייער יונג איז ראָזע אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווען זי איז אַלט געוואָרן 16 יאָר איז

זי אַריינגעטראָטן אין דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“ און געטאָן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. די צאַרישע רעגירונג האָט אַרעסטירט די אָנפירער פון דער פּאַרטיי און ראָזע לוקסעמבורג איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. זי איז אַוועק אין דער שווייץ.

אין יאָר 1897 איז זי אַריבערגעפאָרן קיין דייטשלאַנד און געטאָן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. זי איז געוואָרן די פירערן פון לינקן רעוואָלוציאָנערן פליגל פון דער פּאַרטיי.

אין יאָר 1905 איז ראָזע לוקסעמבורג צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, קעדיי אנטייל צונעמען אין דער רוסישער רעוואָלוציע. נאָך דער מאַפּאַלע פון דער רעוואָלוציע אין 1905 איז זי ווידער אַוועק קיין אויסלאַנד.

אין די יאָרן פון דער וועלט מילכאָמע האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט פון ראָזע לוקסעמבורג. איר קאָלאָסאַלע ענערגיע און גרויסן רעדנערישן טאַלאַנט, האָט זי אָפּגעגעבן דער אַגיטאַציע קעגן דער מילכאָמע.

זי איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד, אומעטום אַרויסגעטראָטן אַף מיטינגען, געהאַלטן פייערדיקע רעדעס און גערופן די אַרבעטער אין קאַמף קעגן מילכאָמע.

די דייטשישע בורזשואַזיע האָט זיך מיט איר אָפּגערעכנט דערפאַר און זי פאַרשיקט אין טורמע. זי איז דאָרט געווען ביז דער דייטשישער רעוואָלוציע פון יאָר 1918.

נאָך דער באַפרייאונג איז זי צוזאַמען מיט קאַרל ליבקנעכטן געוואָרן די אָנפירערן פון דער יונגער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי האָט געפירט אַ קאַמף מיט דער מענשעוויסטישער רעגירונג, וואָס האָט געאַרבעט אין די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע.

וואָס מער עס איז געוואַקסן די ווירקונג פון ראָזען אַף די אַרבעטער-מאַסן, אַלץ מער איז געוואָקסן די סינע צו איר פון דער בורזשואַזיע און סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

דעם 15טן יאַנואַר, 1919, אין דעמזעלביקן טאָג ווען ס׳איז דערהאַרגעט געוואָרן קאַרל ליבקנעכט, איז אויך דערהאַרגעט געוואָרן ראָזע לוקסעמבורג.

די סאָנים פון אַרבעטער-קלאַס האָבן גוט געוואוסט אין וועמען זיי צילעווען — זיי האָבן דערהאַרגעט די צוויי בעסטע און העלדישסטע פירער פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-קלאַס, ניט נאָר פון דייטשלאַנד, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט.

# דער צאַר מאַכט פּאָגראָמען

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך געסטאַרעט אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פון רעוואָלוציע דורך צעבלאָזן נאַציאָנאַלן האַס. זי פלעגט אָנרייצן איין נאַציאָנאַליטעט אַף דער אַנדערער. אין אַסאַך שטעט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אידישע פּאָגראָמען. אין מעשעך פון איין וואָך אין אָקטאָבער כוידעש, זיינען פאָרגעקומען העכער 100 פּאָגראָמען, פאַר דידאָזיקע 7 טעג זיינען דערהאַרגעט געוואָרן ביז 3.000 און פאַרוואונדעט געוואָרן העכער 10.000 אידן.

אָט וואָס כאַווער לענין האָט געשריבן וועגן די אידישע פּאָגראָמען:

„ווען די פאַרשאָלטענע צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטן באַם דערלעבן אירע לעצטע יאָרן, האָט זי זיך געסטאַרעט אָנצורייצן די אומבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער און פּויערים אַף די אידן. די צאַרישע פּאָליציי אין בונד מיט די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן האָט געמאַכט אידישע פּאָגראָמען. די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך געסטאַרעט צו ווענדן דעם האַס פון די אויסגעמאַטערטע אַרבעטער און פּויערים אַף די אידן. אייך אין אַנדערע לענדער האָבן די קאַפּיטאַליסטן שטענדיק און אויך איצט צעבלאָזן אַ סינע צו אידן, קעדיי צו פאַרשטעלן די עמעסע סאָנים פון די אַרבעטנדיקע — די קאַפּיטאַליסטן. בלויז די סאַמע פינצטערע, אינגאַנצן דערשלאָגענע מענטשן קאָנען גלויבן די ליגנס און רעכילעס וועלכע מע פאַרשפּרייט קעגן די אידן.

„ניט אידן זיינען די סאָנים פון די אַרבעטנדיקע. די סאָנים פון די אַרבעטער — דאָס זיינען די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער. צווישן אידן איז פאַראַן אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס — זיי זיינען די מערהייט. זיי זיינען אונדזערע ברידער, אונטערדריקטע דורכן קאַפּיטאַל, אונדזערע כאַווײרים אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. צווישן אידן זיינען פאַראַן עקספּלואַטאַטאָרס, קאַפּיטאַליסטן, פּונקט ווי בא אַלע נאַציעס... די רייכע אידן, פּונקט ווי די רייכע אַמעריקאַנער, ווי די רייכע פון אַלע לענדער, האָבן געשלאָסן אַ בונד צווישן זיך אַף שטיקן, דריקן און צערייסן די איינײקייט פון די אַרבעטער.“

אין פעברואַר, יאָר 1905, האָט די רעגירונג זיך אָפּגערעכנט מיט די רעוואָלוציאָנערע באַקוער אַרבעטער פאַר זייער סטרייק. זי האָט אָנגערייצט די טאָטערן אַף די אַרמענער. די פּאָליציי האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם און זיך באַטייליקט אין דער שכיטע. איבערגעטאָנענע פּאָליציי-לייט — טאָטערן האָבן צוזאַמען מיט די כוליגאַנעס אָנגעהויבן שלאָגן די שוצלאָזע אַרמענער. אַ שרעק האָט ארומגעכאַפּט באַקו. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, געראַבעוועט, געהאַרגעט און געברענט.

אָט וואָס עס דערציילט אַן אײדעס פֿון דער אַרמעניש-טאַטע-רישער שכיטע:

„אונדזער צוג איז געלאָפֿן צו דער סטאַנציע קורדאמיר. ער איז געווען פֿול געפּאַקט מיט אַרמענער אַנטלאָפֿענע פֿון אַ שטאָט, וואו ס'איז אײן מעשעך פֿון עטלעכע טעג אָנגעגאַנגען אַן אַרמעניש-טאַטערישע שכיטע. געפֿאָרן זיינען פֿרויען, קינדער און אַלטע לייט. דער גאַנצער צוג איז פֿול געווען מיט געוויין פֿון פֿרויען און קינדער.

אין אונזער וואַגאָן האָט מען געפֿירט אַ פֿרוי, וועלכע איז אַראָפּ פֿון זינען. פֿאַר אירע אויגן האָט מען געשטאָכן איר מאַן און דריי קינדער. די אומגליקלעכע פֿרוי האָט אַרומגענומען אַ פּעקל שמאַטעס און מיינענדיק, אַז דאָס איז איר קינד, האָט זי עס פֿאַרוויגט.

פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט פֿאַרצווייפֿלטע אויסגעשרייען:

— באַ מיר האָט מען דעם מאַן געשטאָכן!

— מיינע זין זיינען אומגעקומען!

— מיין טאָכטער האָבן זיי אומגעבראַכט!

— צוליב וואָס זיינען מיר לעבן געבליבן?

פּלוצעם האָט געפּלאַצט די שויב פֿון פֿענצטער און די שטיקלעך גלאָז האָבן אָפּגעקלונגען אָפֿן דיל. אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ לוי-פֿעניש. עס איז שווער געווען צו באַרואיקן די פֿרויען.

איך האָב אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער. עטלעכע צענדליק טאָטערן האָבן זיך ווי שוואַרצע פֿלעקן אויסגעטײלט אָפֿן פֿעלד, ניט ווייט פֿון די רעלסן. זיי האָבן דראָענדיק געפּאָכט מיט די מעסערס. אָבער אונדזער צוג האָט זיך געטראָגן ווי אַ ווינט און איז דורכגע-פֿלויגן פֿאַרביי זיי.

קומענדיק אַף דער סטאַנציע, האָב איך דערהערט, אַז די טאָטע-רישע באַפֿעלקערונג האָט איבערגעלעבט ניט ווייניקער שרעק. צווישן די טאָטערן האָבן אַסאַך פֿאַרלוירן זייערע טאַטעס, זין, טעכ-טער, פֿאַרבליבן אַסאַך יעסוימים און אַלמאָנעס.

דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם פּלאַן פֿון דער צאַרישער מאַכט. זי האָט נידערטרעכטיק אָנגערייצט איין פֿאָלק אָפֿן צווייטן.

דאָס איז איר נויטיק געווען קעדיי ניט דערלאָזן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך שלאָגן מיט זייערע סאָנים — דעם צאַר, די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטן."

אָבער די פּאָגראָמען האָבן ניט אָפּגעשטעלט די רעוואָלוציע. די אַרבעטנדיקע טאָטערן, אַרמענער און אידן האָבן נאָך מיט מער אַנטשלאָסנקייט פֿאַרגעזעצט דעם קאַמף קעגן דעם צאַר און די קאַפּיטאַליסטן.

# שאָלעם אַלייכעם (ש. ראַבינאָוויטש)

שאָלעם-אַלייכעם — איז איינער פון די גרעסטע שרייבער פון דער אידישער פאַר-רעוואָלוציע ליטעראַטור. געבאָרן אין פּערע-יאַסלאַוו, אוקראַינע אין יאָר 1859, געשטאָרבן אין יאָר 1916 אין ניו-יאָרק. געווען אַ לערער, דערנאָך אַ סויכער. שפּעטער פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן, אַוועקגעוואָרפן דעם האַנדל און פאַרנומען זיך דורכוים מיט ליטעראַרישער אַרבעט. אַט די אַלע געשעפטן זיינע האָבן זיך קינסטלעריש אָפּגעשפּיגלט אין זיינע בעוואוסטע ווערק: „מענאַכעם-מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „מאָטל פּייסים" און אַנד.

אין די דידאַזיקע אַלע ווערק באַשרייבט ער גלענצנדיק דעם גאַנצן האַנדל-וואַנדל פון פאַרשיידענע קליינע הענדלער, וועלכע קענען זיך ניט צופּאַסן צו דער בורזשואַזער וועלט און פאַרנעמען זיך מיט לופט-פּאַרנאָסעס. שאָלעם-אַלייכעם לאַכט אויס זייער גאַנצן לעבן-שטייגער און אויפפירונג, אָבער גלייכצייטיק פילט ער מיט דידאַזיקע העלדן זיינע.

# פון מאָטל פּייסעם

דער טאַטע איז קראַנק. גאַנצע נעכט הוסט ער, עס גייט צו אונדז דער שוואַרצער דאָקטער, אַ גראָבער מיט שוואַרצע וואָנצעס און מיט לאַכנדיקע אויגן — אַ פריילעכער דאָקטער, מיך רופט ער „פּופּיק" און שנעלט מיר מיט די פינגער אין בייכל אַריין. ער זאָגט אָן אַלע מאָל דער מאַמען, מע זאָל מיך ניט שטאָפּן מיט קיין קאַר-טאָפליעס, און דעם קראַנקן זאָל מען געבן נאָר אייער און מילך, מילך און אייער... די מאַמע הערט אים אויס, און אַז ער גייט אַוועק באַ-האַלט זי דאָס פּאָנעם אין פאַרטעך און וויינט...

— וואָס זאָל איך טאָן, מיין זון, אַ ראַכמאָנעס אָפּן טאַטן... מע מוז דאָך אים ראַטעווען!

— פאַרקויפט מען עפּעס — זאָגט מיין ברודער עליע און כאַפּט אַ קוק אָף דער גלעזערנער שאַפע. די מאַמע ווישט די אויגן און זאָגט שטיל:

— וואָס זאָל איך פאַרקויפן? שוין ניטאָ וואָס צו פאַרקויפן, סיידן די ליידיקע שאַפע.

— פאַר וואָס ניט? — זאָגט איר מיין ברודער עליע.

די מאַמע וויינט זיך אויס, ווישט אויס די אויגן און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זיינען פאַרקויפט געוואָרן באַ אונדז.

# מיין ברודער עליעס געטראַנק

„פאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקאַנען מיטן אינהאַלט פון אונדזער בוך, וואָס קאָסט סאַכאַקל איין רובל. לויפט, קויפט! — איר וועט פאַרשפעטיקן.“

אָט אַזאַ מין זאַך האָט געלייענט ערגעץ מיין ברודער עליע. מיין ברודער עליע, וויבאַלד ער האָט נאָר איבערגעלייענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אַף דער וועלט, אַזוי האָט ער באַלד אַוועקגעשיקט אַף דער פּאָסט אַ רובל (דער לעצטער רובל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען זי זאָל מער ניט זאָרגן.

— מאַמע! מיר זיינען געהאָלפן. מיט פּאַרנאָסע זיינען מיר פאַרזאָרגט אָט אַזוי ווייט (ער ווייזט מיט דער האַנט אַפן האַלדז).

— וואָס איז דען? — פרעגט די מאַמע — האָסט געקראָגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע — ענטפערט איר מיין ברודער עליע, און די אויגן באַ אים לייכטן, אַפּאַנעם, פון גרויס סימכע. ער הייסט איר וואַרטן נאָר עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט אים די מאַמע.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ בוך! — זאָגט איר מיין ברודער עליע און ער לאָזט זיך גיין אַף דער פּאָסט. אַלע טאָג גייט ער אַף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אַפן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אַוועקגעשיקט דאָס געלט און קיין בוך איז ניטאָ! דערווייל דאַרף מען לעבן. „די נעשאָמע אויסשפּייען קאָן מען ניט“. אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי שפּייט מען דאָס אויס אַ נעשאָמע?

---

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מיין ברודער עליע זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. ווײַ־ווײַ, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעלייענט! וויפל מיטלען אַף צו מאַכן געלט דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אַף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש דורך מאַכן שוואַוואַקס; אַ רעצעפּט אַף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש און מער דורך מאַכן זיסע בראָנפן, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער און אַנדערע געטראַנקען.

מיין ברודער עליע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף קוואַס. ערשטנס, ווייל פון קוואַס קאָן מען פאַרדינען נאָך מער פון הונדערט רובל אַ כוידעש, אַזוי שטייט טאַקע געשריבן אין בוך. צווייטנס, דאַרף מען זיך ניט פּאַטשקען מיט טינט און מיט שוואַוואַקס. בלייבט איבער

נאַר איין זאַך: קוואַס! קוואַס איז אַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַוועק אַסאַך, און נאָך אין אַזאַ הייסן זומער, ווי היינט.

---

געמאַכט דאָס ערשטע פעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרוים־טראָגן פאַרקויפן עס אױף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז ניט איך? מיין ברודער עליען פאַסט עס ניט. דער מאַמען אַוואַדע ניט. מיר וועלן גאָרניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין איבערן גאַס און שרייען: „קוואַס! קוואַס! אידן, קוואַס!" בא אַלעמען איז געבליבן, אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבעט. איך אַליין האָב אַזוי געדענקט. איך האָב מיך מעכאַיע געווען, אַז איך האָב דאָס דערהערט. מיין ברודער עליע האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט אױף אַ שטריקל, די גלאָז אין דער אַנדערער האַנט, און קעדיי דער אוילעם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך און מיט אַ ניגן, אָט אַזוי:

אידן! אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זים —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קאָל האָב איך אַ שיינס, אַ סאָפּראַנאָ־שטים. איך האָב געגעבן אַ זינג אוים אָפן קאָל און איבערגעדרייט דאָס לידל מיט די פים אַרויף:

זיסע קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ איד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: — צי מיין געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן, צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט, צי עפּשער ווייל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אוים־פאַרקויפט אין איין האַלבער שאָ און בין געקומען אַהיים מיט קימאַט פינף גילדן לייזונג, אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט עליע באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אַזוי פינף־זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַרדינט פונקט הונדערט רובל אַ כוידעש. וויפל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג — ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מיין ברודער עליע מיט מיין שוועגערן בראָכע, מיט מיין מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט; עסן האָט מען מיר געגעבן וויפל איך האָב געוואָלט. פון קוואַס שמועסט מען ניט. קוואַס טרינ־קען מיר אַלע ווי וואַסער. פאַרן שלאָף פרעגט מיך די מאַמע, צי עס טוען מיר ניט וויי די פים. מיין ברודער עליע לאַכט פון מיר, ער זאָגט אױף מיר, אַז איך בין אַזאַ אינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל ניט וויי קיין זאַך.

— געוויס! זאָג איך — אַ סימען, אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיטן קרוג אינמיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דריי צעלאַכן זיך פון מיין בעריעשאַפט. נאָר אין דער מאַ-מעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטע זאַך — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן, אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מיין מאַמע?

---

גייט זייט אַ כאַכעס און טרעפט, אַז עס וועט זיך טרעפן אַזאַ מין אומגליק, אַז אונדזער געטראַנק וועט ווערן אויס געטראַנק. נאָך אַ גליק, וואָס מ׳האָט מיך ניט פאַרנומען אין פאָליציי. הערט אַ מייסע! איינמאָל האָב איך פאַרבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונדזער שכיינע פעסי. דער גאַנצער אוילעם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס, און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פעלט מיר אַ גלעזלעך צוועלף-דרייצן געטראַנק, האָב איך מיך אַריינ-געכאַפּט אין הויז, דאָרטן, וואו דאָס וואַסער שטייט באַ זיי. אַנשטאַט דעם וואַסער האָב איך, אַפּאָנעם, געטראָפן צו דער באַליע, וואָס מען וואַשט גרעט, און האָב אַריינגעגאָסן אַ 15-20 גלעזער צו מיר אין קרוג אַריין און בין אַוועק אין גאַס אַריין מיט אַ נייעם ניגן, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט.

שטעלט מיך אָפּ אַ איד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס די גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

עס שטייען נאָך צוויי אידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל, זיי באַצאָלן, שפּייען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו די גלאָז צו די ליפּן, ער פאַרזוכט און זאָגט, אַז עס שמעקט מיט זייף און ס׳איז דאַכט זיך געזאַלצן.

איינער גייט צו, פאַרזוכט, טוט אַ פּליאַסקע אויס די גלאָז גלייך מיר אין פּאָנעם אַריין. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט אידן, ווייבער און קינדער. אַלע ריידן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט אַ פּאָליציי-מאַן אַ רעדל מענטשן, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַריין צו מיר אין קרוג אַריין און הייסט זיך געבן פאַרזוכן. גיס איך אים אָן אַ גלאָז מיט קוואַס. דער פּאָליציימאַן טוט אַ טרונק און שפּייט אויס.

— וואו האָסטו גענומען אַזאַ פּאַסקודסטווע — פרעגט ער מיט רעציכע.

— דאָס איז פון אַ בוך, — זאָג איך אים, — מיין ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דיין ברודער?

— מיין ברודער עליע, — זאָג איך אים.

— וואָסער עליע? — פרעגט ער מיך.

— רייד ניט, דו נאַרישער יאָלד, אַף דיין ברודער— זאָגן צו מיר עטלעכע אידן אַלע מיטאַמאָל. עס ווערט אַ טומל. אַלע מינוט קומען צו נייע מענטשן, דער פּאָליציימאַן האַלט מיך פאַר אַ האַנט און וויל אונדז אָפּפירן (מיך מיטן געטראַנק) גלייך אין פּאָליציי אַריין. דער טומל ווערט נאָך גרעסער: „אַ יאַסעם, נעבעך, אַ יאַסעם"! הער איך פון אַלע זייטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל... רופט זיך אָן צו מיר איינער, אַן אַלטער איד מיט גענייווישע אויגן:

— מאָטל, רייס אַרויס דיין האַנט און הויב אויף די פיס און טראָג זיך אָפּ.

איך טו זיך אַ ריס, נעם די פיס אַף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט טויט ניט לעבעדיק פאַל איך אַריין אין שטוב אַריין.

— וואו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מיין ברודער עליע.

— אין פּאָליציי! — ענטפער איך אים און פאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.

# פראַגן

1. האָט לענין געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן איד און ניט איד? פאַר וואָס?

2. וואָס פאַר אַ שייכעס האָט לענין געהאַט צום 3טן אינטערנאַציאָנאַל?

3. פאַר וואָס זיינען ליבקנעכט און לוקסעמבורג דערמאָרדעט געוואָרן? ווער זיינען געווען זייערע מערדער?

4. וואָלט געקענט זיין אַ סאָוועטן פאַרבאַנד אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

5. קען דער אַרבעטער קלאַס זיך באַפרייען אָן אַ רעוואָלוציע?

6. אין וועלכן אינטערנאַציאָנאַל זיינען אַנגעשלאָסן די סאָציאַליס-טישע פּאַרטייען?

7. ווער זיינען געווען די גרינדער פון 1טן אינטערנאַציאָנאַל?

# דאָס לעבן פון די נעגערס אין אַפריקע

## דאָס לאַנד קאָנגאָ

מיר האָבן ליב צו שפּילן אין באָל, קימאַט יעדן טאָג באַנוצן מיר זיך מיט אַ גומע אַף אויסצומעקן די גרייזן, וואָס מיר מאַכן באַ זיך אין די העפטן, און קיינמאָל גיבן מיר ניט אַ טראַכט, פון וואַנען נעמען זיך די מאַטעריאַלן פאַר דידאָזיקע זאַכן, וויפל מענטשלעכע הענט האָבן זיך באַדאַרפט מיען, אַז דידאָזיקע גומקעס זאָלן זיך באַווייזן אַף דער וועלט. און מיר טראַכטן שוין גאָר ניט — ווער זיינען עס דידאָזיקע מענטשן און ווי לעבט זיך זיי.

קעדיי צו ענטפערן אַף דער פראַגע דאַרפן מיר זיך באַקאָנען מיט דעם לאַנד קאָנגאָ, וואָס געפינט זיך אין צענטראַל-אַפריקע.

געדיכטע טראָפּישע וועלדער באַדעקן דאָס לאַנד. אין זייערע טיפענישן וואַקסט דער טייערער גומי.

פון אוראַלטע צייטן אָן לעבן אין קאָנגאָ נעגערשע שוואָטים. געלעבט האָבן דידאָזיקע שוואָטים הויפּטזעכלעך פון יאַגד און פון פי־צוכט. זייער לעבן איז געווען פול מיט געפאַרן, שווערער פראַצע, אָבער די נעגערס זיינען געווען פריי און, לויט זייערע מעגלעכקייטן נאָך האָבן זיי ביסלעכווייז פאַרבעסערט זייער ווירטשאַפט, געלערנט זיך איינע באַ די אַנדערע פאַרשיידענע מעלאָכעס.

אין 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין קאָנגאָ באַוויזן ווייסע מענטשן, פלינקע סאָכרים, דידאָזיקע מענטשן האָבן שוין צו יענער צייט געוואוסט, וואָס איז אַ מאַשין — אין זייערע שטעט זיינען שוין געווען שולן און אוניווערזיטעטן. די נעגערס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די קולטורעלע אייראָפּייער.

וואָס איז געוואָרן פון דער דאָזיקער באַגעגעניש? האָבן די קולטורעלע אייראָפּייער אויסגעלערנט די נעגערס ווי אַזוי צו פאַר־בעסערן זייער פי־צוכט, ווי אַזוי צו זייען ברויט, ווי אַזוי אַרויסצו־באַקומען פון דער ערד די טייערע מעטאַלן (גאָלד, קופּער א. ד. גל)? הייבט זיך ניט אָן. אָט זיינען אַ פּאָר ציפערן, און ציפערן באַווייזן שטענדיק זייער קלאָר, וואָס פאַר אַ גוטע אָדער שלעכטע ענדערונגען עס קומען פאָר אין דעם לעבן פון די מענטשן.

אין 1884סטן יאָר איז קאָנגאָ געוואָרן בעלגיעס אַ קאָלאָניע (די קאָלאָניע איז 95 מאָל אַזוי גרויס ווי בעלגיע); אין יאָר 1908 איז נאָך אין קאָנגאָ געווען מינדסטנס 20 מיליאָן מענטשן, און אין 1911טן יאָר איז שוין דאָרט געבליבן בלויז 8 מיליאָן, אין איינע דריי יאָר איז אויסגעשטאָרבן 12 מיליאָן מענטשן. אַזאַ מין ריזיקע שטערב-

לעכקייט פּאַסירט ניט גלאַט אַזוי. אַפּאַנעם, אַז עפּעס אַ שווידערלעכע מייסע איז פאַרלאָפן מיט די נעגערשע שוואַטים. וואָס זשע איז דאָרטן פאָרגעקומען?

## ווי אַזוי ווערט קאַוטשוק (גומי) אויסגעאַרבעט

אין גרויסן וואַלד זיינען די גומי-ביימער זייער שטאַרק צעוואָרפן. עס טרעפן זיך גרויסע שטרעקעס וואו מען קאָן קיין איין גומי-בוים ניט געפינען, און וואַקסן וואַקסט דער גומי-בוים אין די סאַמע פאַר-וואָרפנסטע ווינקעלעך. אַפילו אין יענע טיילן וואַלד, וואו דער גומי-בוים וואַקסט שוין יאָ, איז ער זייער צעוואָרפן, אַזוי אַז די אַרבע-טער קאָנען ניט אַרבעטן קאָמפּאַניעסווייז, ווי דאָס ווערט געטאָן בא פעלד-אַרבעט; עס קומט אויס צעטיילן זיך אָף קלייניקע גרופּקעלעך, וועלכע צעטיילן זיך ווידער אָף איינצלנע מענטשן. דער איינצלנער מענטש, פאַרבלייבנדיק איינער אַליין, אונטער דער מוירע פון די בייזע כאַיעס, וואָס געפינען זיך אין וואַלד, בויט זיך אויס אַ שטיקלביידל פון צווייגן און בלעטער און נעמט זיך פאַר דער אַרבעט. ער שניידט איין מיט אַ מעסער דעם גומי-בוים און צאַפּט אַרויס פון דאָרטן דעם קלעפּיקן זאַפט טראָפּן נאָך טראָפּן.

קיין איין און איינציקער מענטש וואַגט ניט צוריקצוקומען פון דערדאָזיקער וואַלד-טפיסע איידער ער האָט ניט צונויפגעקליבן אַ באַשטימטע צאָל קאַוטשוק. טראָפּישער פיבער טויט פיל טויזנטער מענטשן, פיל גייען פון שרעק פון זינען אַראָפּ. ווען אַ נעגער וואַגט צו אַנטלויפן, באַשטראָפן די בעלגישע באַאַמטע ניט נאָר זיין פאַמי-ליע, נאָר דאָס גאַנצע דאָרף פון וואַנען ער שטאַמט. פרויען און קינדער שמייסט מען מיט בייטשן, גאַנצע דערפער פאַרברענט מען, קעדיי די איבעריקע אָנצושרעקן.

וואָס זשע איז דער וואונדער, אויב די נעגערשע באַפעלקערונג האָט נאָך אַלעמען אָנגעהויבן אויסצושטאַרבן? דערפאַר אָבער האָבן די גרויסע פּראָפיטן רייך געמאַכט די בעלגישע סאַכרים און דעם בעלגישן קעניג — דעם רייכסטן סויכער אין זיין לאַנד.

פון דעם אַמאָליקן פרייען לעבן איז קיין זייכער ניט געבליבן. די איינוואוינער פון קאָנגאָ זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרן.

אָט וואָס פאַר אַ לעבן עס איז איצט אין קאָנגאָ, אָט ווי אַזוי עס ווערט אין מיטל-אַפריקע אויסגעאַרבעט דער קאַוטשוק, וואָס די גאַנצע וועלט באַנוצט אים. ווי מיר האָבן שוין איבן דערמאָנט, קאָן זיין, אַז אַ טייל פון דעמדאָזיקן קאַוטשוק ווערט פאַרנוצט אויך דורך אונדז. און מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אָן דעם לעבן פון די שוואַרצע קנעכט, כאָטש זיי לעבן זייער ווייט פון אונדז.

# לוניאָל *)

פון מ. כאַטשעוואַצקי

אין גרויסן קרעמל־זאַל צווישן זיצונג און באַראַטונג
אַף הויכן שטול, באַדעקט מיט טשעכאָל,
האָט זיך אַ נעגער צוגעזעצט, פאַרמאַטערט,
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאָל.

פון הויכן שטול פון דעם, מיט קרוין באַצירטן,
דאָ האָבן הערשער גרויזאַמע געוועלטיקט איבער
לאַנד
און מיליאָנען קנעכט באַרויבטע און פאַרפירטע
געהאַנגען זיינען אַף דער רוט אין שווערער האַנט.

און לוניאָל — אַ נעגער פון דער קאָנגאָ־געגנט...
אַף שוואַרצן לייב, וואָס איז פון זון פאַרברענט,
וואָלט מען ביז איצט זיי נאָך דערקענט
די שאַרפע צייכנס פון די באַמבו־שטעקנס.

ער האָט געוויס נאָך פאַרגעדענקט ביז איצט
די שוואַרצע נעכט אין גליענדיקן דאָרעם.
ווען ס'האָבן ציין אָנמעכטיק זיך פאַרקריצט
און פויסטן זיך געדריקט אין שווערן צאָרן.

צעברעקלט איז די רוט פון ווילדן מאַכט.
ס'איז הערשאַפט גרויזאַם ווי אַש צעשאָטן, — — — ———
און ניט קיין שקלאַף האָט דאַן, אין שטורעם־נאַכט
די הויכע שוועל פון קרעמל־זאַל באַטראָטן.

און קומט דאָ ווער אַהער און טראָגט ער האַס
און מוט און רעוואָלט אים ברענט אין די געבליטן,
ער איז אַ כאַוועך דאָ, ער איז אַ גאַסט,
ער איז מיט אַלע דאָ באַגלייך פאַרבעטן...

אַף הויכן שטול מיט זייבערן טשעכאָל —
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאָל.

---

*) כאַווער לוניאָל — אַ נעגערשער דעלעגאַט פון אַפריקע איז געזעסן אַפן געוועזענעם צאַרישן טראָן אין קרעמל בעאיים אַ צוזאַמענפאָר פון קאָמינטערן.

# דאָס לעבן פון די נעגערס אין אַמעריקע

## ווי אַזוי קומען די נעגערס אין אַמעריקע

די היים פון די נעגערס — איז אַפריקע. אָבער אין אונדזער צייט לעבן אַסאַך נעגערס אויך בײַ אונדז אין אַמעריקע. עס געפינען זיך דאָ העכער 14 מיליאָן. באַוויזן האָבן זיי זיך אין אַמעריקע מיט אַרום 300 יאָר צוריק. געקומען אַהער זיינען זיי אָבער ניט מיט זייער אייגענעם ווילן.

אָט ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן.

אין אַמעריקע איז אין יענער צייט געווען אַסאַך ערד, וואָס האָט געטויגט פאַר רייז, קאַטן און טאַבאַק-פּלאַנטאַציעס. אייראָפּייאישע פּריצים (ענגלישע לאָרדן און גענעראַלן), וואָס האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך ריזיקע שטרעקעס פון דערדאָזיקער ערד, האָבן געזוכט ביליקע אַרבעטער-הענט. דעמאָלט האָבן טיכטיקע סאָחרים באַשלאָסן זיך אַ יאָג טאָן נאָך די געזונטע נעגערס אין אַפריקע און אַריבערפירן זיי קיין אַמעריקע.

ווי די כאַיעס האָט מען זיי געכאַפּט אין זייערע אייגענע דערפער, געשמידט אין קייטן גאַנצע מישפּאָכעס און אָנגעלאָדן אַף שיפן. אַף יעדער שיף האָט מען אָנגעשטופּט וואָס מער נעגערס, ניט טראַכטנדיק אַפילע וועגן די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן פאַר די אומגליקלעכע מענטשן. די שקלאַפן-שיפן האָבן זיך געווײנלעך אַזוי געבויט: אַפן דעק פון שיף איז געווען אַפּגעצאַמט אַ גרויסע שטייג, און אין שטייג זיינען אויסגעבויט געוואָרן פּאָליצעס. אַף די פּאָליצעס פלעגן אויסגעלייגט ווערן די נעגערס אין עטלעכע שטאָקן. ניט נאָר שטיין, אַפילע זיצן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז אומעגלעך געווען אין דידאָזיקע שטייגן. אין אַזאַ מין לאַגע אונטערן שלאָס האָבן זיך געפונען די נעגערס גאַנצע וואָכן. אַז עס פלעגט אַפן וועג אַ שטורעם-ווינט זיך אויפהויבן, איז קעדיי צו באַפרייען די שיף פון דער מאַסע און ראַטעווען זי, פלעגט מען די נעגערס וואַרפן אין וואַסער אַריין.

## דאָרעם און צאָפן

די סאַמע בעסטע ערד פאַר קאַטן-פּלאַנטאַציעס האָט זיך געפונען אין די דאָרעמדיקע שטאַטן פון צאָפן אַמעריקע (פלאָרידע, דאָרעם-קאַראליינע, לואיזיאַנע, ווירדזשיניע, מערילענד און אַנד.). אין דידאָזיקע שטאַטן זיינען דאָס טאַקע הויפּטזעכלעך פאַרקויפט געוואָרן די נעגערס. גרויסע ערד-אייגנטימער האָבן געהאַט אַף זייערע פּלאַנ-

טאַציעס הונדערטער נעגערס. געווען אַפילו אַזעלכע גווירים, וואָס האָבן פאַרמאָגט ביז טויזנט שקלאַפן און מער.

דער נעגער איז אין זייערע אויגן קיין מענטש ניט געווען, דאָס איז פּאַשעט געווען אַ כאַיע, וואָס האָט געהערט צום באַלעבאָס, און ער האָט דערמיט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט: פאַרקויפט, אוים־געביטן אָדער פאַרמאַטערט צום טויט.

פאַר דער קלענסטער שולד האָט מען די נעגערס געשלאָגן, אין קייטן געשמידט, געטויט אַפילו. די נעגערס האָט מען געצוואונגען זייער אַסאַך צו אַרבעטן, דערביי אָבער האָט מען זיי אַזוי שלעכט געגעבן צו עסן, אַז נאָך איינע צען יאָר אַרבעט אַף די פּלאַנטאַציעס, פלעגט דער מענטש פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינוואַליד.

די נעגערשע קאַטאָרגע־אַרבעט האָט געשאַפן אומגעהויערע רייכטימער פאַר די ווייסע האַרן. מיט די שוואַרצע, נעגערשע הענט זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן ריזיקע ערד־שטרעקעס, פון דאָרט האָט מען דורך שווערער נעגערשער פּראַצע אַרויסבאַקומען אַ ריזיקע צאָל קאַטן, וואָס איז פאַר הויכע פרייזן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ענגלאַנד.

אַף אַ גאַנץ אַנדערן אויפן האָט זיך פאָרמירט דאָס לעבן אין די צאָפן־שטאַטן. דאָרט איז ניט געווען קיין ערד, וואָס זאָל גינסטיק זיין פאַר פּלאַנטאַציעס, און אַהין האָבן אַריבערגעוואַנדערט הויפּט־זעכלעך אייראָפּייאישע פּויערים, וואָס זיינען געלאָפן פון ענגלאַנד און פון אַנדערע לענדער, פון דעם דרוק פון זייערע אייגענע פּריצים. אין אַמעריקע האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און פי־צוכט. דאָרט טאַקע, אין צאָפן, האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די אַמערי־קאַנער אינדוסטריע, האָבן זיך אָנגעהויבן בויען פאַרשיידענע פאַבריקן, דערין אויך טעקסטיל־פאַבריקן. אין יאָר 1860 האָבן שוין אַף די אַמעריקאַנער טעקסטיל־פאַבריקן געאַרבעט 120 טויזנט אַרבעטער. צו דער צייט האָבן זיך אויך אָנגעהויבן בויען אין אַמעריקע אייזנבאַן־וועגן. די אייזנבאַן־נעץ איז זייער שנעל געוואַקסן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ נויט אין אייגענע מעטאַל־זאַוואָדן, האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען מעטאַל־און קוילן־שאַכטעס. יאָר נאָך יאָר האָט זיך אַלץ מער אַנטוויקלט די ערד־אַרבעט און אינדו־סטריע אין די צאָפן־שטאַטן, און גאָר גיך איז עס געקומען צו אַ צוזאַ־מענשטויס מיט די שקלאַפּערישע דאָרעם־שטאַטן.

אין יאָר 1861 האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע אַ בירגער־קריג, וואָס האָט געדויערט איבער דריי יאָר. די צאָפן־שטאַטן האָבן אין דער צייט פון דער מילכאָמע גענומען פאָדערן, אַז די קנעכטשאַפט אין די דאָרעם־שטאַטן זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. סאָפּקאָלסאָף איז דער קויעך פון די דאָרעמדיקע פּריצים געבראָכן געוואָרן, און די נעגערס זיינען באַפרייט געוואָרן. אָבער קיין איין פיצל ערד האָבן זיי דערביי ניט באַקומען. דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן נעגער־קנעכט זיינען פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן ערדלאָזע אָרעמע-לייט. זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אָדער שטאַרבן פון הונגער, אָדער ווידער לאָזן זיך פאַרשקלאַפן. איצט אָבער האָבן זיי שוין געקאָנט לאָזן זיך פאַרשקלאַפן ניט נאָר באַ די פּריצים, נאָר אויך באַ די פאַבריקאַנטן, אַלס לוין-אַרבעטער. די ווייסע פּריצים האָבן זיך נויקעם געווען אָן די באַפרייטע נעגערס דערמיט, וואָס מען האָט זיי אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. אין 1868 האָט זיך אין די אַמעריקאַנער דאָרעם-שטאַטן אָרגאַניזירט אַ געהיימע געזעלשאַפט, הויפּטזעכלעך פון פּריצים, אונטערן נאָמען קו-קלוקס-קלען. די מיטגלידער פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט האָבן געהאַלטן, אַז אָנפאַלן אָף די נעגערס, הענגען זיי און טויטן זיי איז אַן ערן-זאַך.

## ווי אַזוי לעבט זיך איצט די נעגערס אין אַמעריקע

שקלאַפעריי איז אָפיציעל אָפּגעשאַפט געוואָרן נאָך דעם בירגער-קריג, אָבער אין דערעמעסן איז די לאַגע פון די נעגערס ווייניק וואָס געענדערט געוואָרן.

די נעגער פאַרמערס וואָס אַרבעטן אָף געדונגענע פאַרמס (שייר-קראָפּערס), אָדער נעגער פאַרם-אַרבעטער זיינען שטענדיק פאַרטונקען אין כויוועס צו זייערע באַלעבאַטים. די כויוועס קאָנען זיי ניט באַצאָלן מיט געלט, נאָר זיי מוזן עס אָפּאַרבעטן. די ווייסע באַלע-באַטים נאַרן אָפּ די נעגערס און די נעגערס זיינען הילפלאָז קעגן זיי.

דער כויוו צום ווייסן באַלעבאָס האַלט אין איין וואַקסן און דעם נעגער-פאַרמער קומט אויס אַלץ מער אַרבעטן פאַרן באַלעבאָס און אַלץ ווייניקער פאַר זיך. ער ווערט אָף אַזאַ אויפן פאַרשקלאַפט. ער קאָן ניט אַוועקגיין פון זיין באַלעבאָס ביז ער באַצאָלט ניט דעם כויוו.

אין די דאָרעמדיקע שטאַטן („סאַוט") וואוינען 9 מיליאָן נעגערס. פאַראַן שטאַטן אין דער „סאַוט", וואו די נעגערס זיינען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן קען מען ניט טרעפן קיין איינ-ציקן נעגער צווישן די שטאַט-באַאַמטע אין יענע שטאַטן. אַפילע אין שטעטלעך, וואו נאָר נעגער וואוינען — זיינען דער מעיאָר, ריכטער, פאָליציי און אַנדערע באַאַמטע ווייסע.

מען לאָזט ניט צו קיין נעגער אין דער „דזשורי" אין געריכט. מען לאָזט ניט די נעגערס צו שטימען אין צייט פון וואַלן.

די נעגער-קינדער האָבן ווייניקער סקולס און ענגערע סקולס. געוויסע געגנטן האָבן אינגאַנצן ניט קיין סקולס, ווייל די ווייסע גוט-באַזיצער (לענדלאָרדס) ווילן די נעגער-קינדער זאָלן בעסער אַרבעטן אָף זייערע פעלדער. מוזן די קינדער זיך שלעפּן מיילן-ווייט אין סקול און צוריק, אָף שלעכטע וועגן, דורך רעגן און שניי.

פאַרגלייכט וויפיל עס קאָסט אַ יאָר לערנען פון אַ ווייסן קינד און אַ נעגער קינד אין די 11 שטאַטן:

| | ווייסע | נעגער |
| --- | --- | --- |
| אלאבאמא | 26.57 | 3.81 |
| ארקאנזאס | 13.36 | 6.48 |
| פלאָרידא | 42.01 | 7.33 |
| דזשאָרדזשיא | 25.84 | 5.78 |
| לואיזיאנא | 33.73 | 5.48 |
| מיסיסיפּי | 25.95 | 5.62 |
| נאָרט קאראָליינא | 25.31 | 7.52 |
| סאוט קאראָליינא | 27.88 | 2.75 |
| טענעסי | 21.02 | 11.88 |
| טעקסאס | 31.77 | 20.23 |
| ווירדזשיניא | 40.27 | 10.47 |

# הענקער, נעם אַוועק דיין האַנט!

פון מ. א. סול

אין טויטן־הויז פון סקאָטסבאָראָ, אַלאַבאַמאַ
צאַפּלען זיך יונגע לעבנס ניין
אין טויטן־קלאַמער.
ראַנגלען זיך יונגע לעבנס הינטער גראַטעס,
שלאָגט אין זיי אַ יעדער האַרץ־קלאַפּ ווי אַ האַמער:
טויט,
טויט,
טויט.
פאַלט אויף זיי אַ יעדער רעגע ווי אַ האַמער:
טויט,
טויט,
טויט.
טוט אַ פליג אַ זשום פאַרביי —
טויט.
לויפט אַ באַן וואו אין דער פריי —
טויט־טויט־טויט־טויט,
טויט!
הענגט אַ שפּין זיך אויף דער סטעליע —

טויט.
בראַזגעט וואו אַ דזשעז־קאַפּעליע —
טויט־טויט־טויט־טויט.
טוט אַ פייף וואו אַ פאַבריק —
ט־ו־י־ט,
און אַלץ וואָס הערט זיך
איז דעם וועכטערס טעמפּער שליסל־קלאַנג:
קליק־קליק—קליק־קליק.
און מיט יעדן זון־פאַרגאַנג
אין טויטן־הויז
לעשן יונגע טעג זיך אויס.
שטאַרבן שטיקער האָפענונג אויס,
וואַקסט פאַר יעדנס קאַמער אויס
אַן עלעקטריק שטול מאָנסטער־גרויס
און ער הויבט זיך אָן צו רוקן
נעענטער,
נעענטער,
נעענטער,
און ער רייסט זיך צו פאַרצוקן
גיכער,
גיכער,
גיכער,
יונגע לעבנס ניין.
און אַלץ וואָס הערט זיך
איז דעם וועכטערס טעמפּער שליסל־קלאַנג —
קליק־קליק — קליק־קליק.

פון טויטן־הויז
אין סקאָטסבאָראָ, אַלאַבאַמאַ,
רייסט זיך צו דער וועלט אַרויס
אַ מעכטיקער געשריי:
ראַטעוועט,
ראַטעוועט!
האָט סקאָטסבאָראָ שוין אָנגעקלאַפּט
אין יעדן טויער פון דער וועלט,

און איבעראַל<br>
האָט קאַפּיטאַל<br>
דעם וועג פאַרשטעלט.<br>
נאָר אַרבעטער און פויער<br>
האָט אויפגעפּראַלט דעם טויער<br>
און אָפּגעהילכט האָט איבער לענדער, איבער שטעט:<br>
ר־אַ־ט־ע־וו־ע־ט!<br>
ר־אַ־ט־ע־וו־ע־ט!<br>
און איבעראַל וואו ס'איז פאַראַן<br>
אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי,<br>
ווערט העכער נאָך און מעכטיקער<br>
דער סקאַטסבאָראָ־געשריי:<br>
אַרבעטער פון דער וועלט,<br>
ס'איז סקאַטסבאָראָ אַ בלוטיקער סיגנאַל!<br>
ס'איז ניט נאָר סקאַטסבאָראָ אַליין,<br>
ס'איז אַ פאַרמעסט מיט קאַפּיטאַל,<br>
און ווער וועט דאָ דער זיגער זיין?<br>
אין יעדער שטאָט פון יעדן לאַנד<br>
(אַכוץ דעם איינציקן אַרבעטער־לאַנד)<br>
ראַנגלען זיך סקאַטסבאָראָ־אינגלעך הינטער גראַטעס,<br>
וואַלגערן זיך סקאַטסבאָראָ־אינגלעך<br>
אַף די גאַסן אום אין שמאַטעס,<br>
בויגן זייערע רוקנס<br>
אין פאַבריקן,<br>
אַף די פעלדער,<br>
אין די מינען.<br>
איבעראַל וועט איר סקאַטסבאָראָ־אינגלעך געפינען.<br>
און ווער סע וואַגט צו מאָנען ברויט —<br>
זיין שטראָף איז טויט!<br>
אין יעדער שטאָט פון יעדן לאַנד<br>
סע אַרבעט פלינק דעם הענקערס האַנט,<br>
סע שטייט שוין גרייט אַן עשאַפאָט,<br>
אַ גילאָטין, עלעקטריק־שטול,<br>
און טויטן־הייזער אָן אַ צאָל —<br>
ס'איז ניט נאָר סקאַטסבאָראָ אַליין.

איז ווער וועט אין אַ זייט איצט שטיין ?
העי, דו, אַרבעטער און פּויער,
דו האָסט אַ האַנט — פּאַרקלעם אַ פויסט !
דו האָסט אַ קאָל — איז גיי אַרויס
און טו אַ שאַל,
אַז ציטערן זאָל קאַפּיטאַל,
אַז דונערן זאָל איבעראַל,
אין יעדער שטאָט, אין יעדן לאַנד :
העי, הענקער, נעם אַוועק דיין האַנט,
באַפריי די יונגע לעבנס גיין !
ס'איז ניט נאָר סקאַטסבאָראָ אַליין,
ס'איז אַ פאַרמעסט מיט קאַפּיטאַל.
די זיגער מוזן מ י ר היינט זיין !

# לינטשעריי

פון י. אָפּאַטאָשו

1.

די אָנגעגליטע ערד האָט זיך געקילט, אָנגעפּילט די לופט מיט אַ ווארעמקייט, וואָס האָט געטריקנט אין האַלדז, געקלעפּט די אויגן.

— מען קומט, דאַכט זיך, פון פעלד, האַ ? — האָט דער אַלטער נעגער אָנגעשטעלט אַן אויער. — זאָל דאָס זיין בוקערט ?

— זיידע, דאָס איז ניט בוקערט, — האָט דאָס אייניקל פרעד אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַרן האַנט. — דאָס קומט אַן דער שעריף מיט נאָך עטלעכע מענטשן.

— ווער, דער שעריף ? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט מיט אַ קרעכץ און גענומען רופן די טאָכטער. — קיטי, קיטי, וואָס זאָגסטו, וואָס דער שעריף קומט צו אונדז אַזוי שפּעט, האַ ?

אַן איבערגעשראָקענע איז קיטי געשטאַנען. נאָכדעם איז זי מיטן אַלטן אַרויס פון שטוב.

פאַר דער שטוב איז געשטאַנען דער שעריף, ניט קיין הויכער יונגערמאַן, דאַר און ביי'ניק ; אַפן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ ביקס. מיט אים זיינען געשטאַנען דריי מיטליעריקע פאַרמער.

— גוד-איווונינג, דזשים ! — האָט דער שעריף וואוילעריש באַגריסט דעם אַלטן.

— גוד-איווונינג, קעפּטן ! — האָט זיך דזשים פאַרנייגט און געוויזן אַף דער אָפענער טיר. — אָנגעלייגטע געסט !

— הער זיך איין, דזשים! — איז דער שעריף צוגעגאַנגען נענ־טער, — מיר זיינען געקומען וועגן „ביזנעס". די זאַך איז די: אויב דו ווילסט ניט, דאַס דאַרף זאָל „לינטשן" דיין בוקערטן, טאָ גיב אים אונדז גלייך אַרויס; פאַרליר קיין צייט נישט! דאָס גאַנצע דאַרף קען יעדע מינוט אָנקומען.

די נעגערטע האָט זיך געצייִלעמט און געציטערט.

— טייערער, וואָס רעדט איר? וואָס האָט מיין בוקערט געטאָן? אַזאַ שטילער, ער טשעפּעט קיין פליג נישט, מיין אָרימער „באָי".

— בוקערט האָט מיט אַ שאַ צוריק באַליידיקט מעקלורס טאָכ־טער. מעקלור לויפט אַרום מיט אַ געלאַדענער ביקס, ווי אַ מעשוגענער, רופט יונג און אַלט, מ'זאָל אים העלפן נעמען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

די מוטער מיטן זיידן האָבן געוואוסט, וואָס דאָס הייסט.

— וואָס שווייגסטו, דזשים? — איז דער שעריף צוגעשטאַנען. — זאָג מיר, וואו ער איז; כ'גיב דיר מיין ערן־וואָרט, אַז נאָך היינט פיר איך אים אוועק קיין אַטלאַנטאַ, ער זאָל קריגן גערעכטיקייט; אַז נישט, וועלן זיי אים לינטשן.

— בוקערט איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — דו קענסט מיך, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן.

די נעגערטע איז געפאַלן דעם שעריף צו די פיס און זיך צעוויינט:

— וואָס וויל מען פון אונדז, אומגליקלעכע? מעקלור האָט באַ־ליידיקט מיין איינציקע טאָכטער, און ער גייט אַרום פראַנק און פריי; און מיין בוקערט, אַזאַ שטילער...

— וואָס וועט העלפן אייער געוויין? — האָט דער שעריף זיך אַרויסגעדרייט פון אירע הענט. — געדענקט, גיט אים בעסער איבער אין מיינע הענט. אויב איר ווילט ניט, דער האַמוין זאָל אים לינטשן.

דזשים האָט אַרויסגעבראַכט די ביבל:

— איך שווער דיר באַ דער ביבל, אַז בוקערט איז נאָך היינט נישט אַהיימגעקומען, ווי איך בין אַ קריסט!

— כ'גלויב דיר, כ'גלויב דיר, דזשים, — האָט דער שעריף זיך בעסער אָנגעטאָן די ביקס אַפן אָרעם. — גוד־באָי!

— אַ גוטע נאַכט.

·2

אין די זומפּן, וואו אַ מענטשנס פוס איז זעלטן פאַרקראָכן, איז געלעגן צווישן קוסטן אַ זעקס־פוסיקער נעגער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז הינט בילן, און ער איז אויפגעשפּרונגען.

דאָס איז געווען בוקערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף דער ביקס, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן קוסט, און אָפּגעמאַכט באַ זיך, אַז מ'וועט אים קיין לעבעדיקן ניט כאַפּן. ביז דער לעצטער קויל וועט ער זיך פאַרטיידיקן.

עס האָט זיך דערהערט אַ הירזשען פון אַ פערד. בוקערט האָט

גענומען די ביקס, זי אַוועקגעשטעלט צווישן די קוסטן, אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט. עס האָבן זיך גענומען הערן קוילעס. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געהערט דאָס וואָרט „נעגער“, נישט געוואוסט, צי דער סוינע איז טאַקע אַזוי נאָענט. און מיטאַמאָל האָט ער פאַר זיך דערזען אַ הונט. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט אַף די הינטערשטע פיס און זיך געקליבן אַ שפּרונג טאָן אַף אים. ער איז געווען גרייט אויסצושיסן; אינסטינקטיוו זיך אָבער געכאַפּט, אַז מיטן שיסן וועט ער זיך אַליין פאַרמאַסערן, אויסגעדרייט די ביקס און אָפּגעמאָסטן דעם הונט מיט דער הילצערנער זייט, אַז יענער האָט פאַרוואָרפן מיט די פיס און אַרויסגעלאָזט אַ כאָרכל. ס׳איז געוואָרן שטיל, און בוקערט האָט געפילט, ווי ס׳קלינגט בא אים אין די אויערן, אין מויעך.

ער האָט דערהערט דעם שעריפס שטים:

— אויב דו פילסט, אַז דו ביסט אומשולדיק, וועט מען דיך באַפרייען... האַ, וואָס זאָגסטו?

בוקערט איז געלעגן, ווי אין היץ. די רייד פונעם שעריף האָבן אים צעמישט. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז דער גלייכסטער וועג: אַז אויב דער שעריף וויל, קען ער אים אַוועקשיקן קיין אַטלאַנטאַ, און דאָרט איז מעגלעך, ער זאָל זיך דערשלאָגן צו „קריגן גערעכטיקייט“.

— וועל, וואָס שווייגסטו? — האָט זיך ווידער געהערט דעם שעריפס שטימע. — גיב זיך אונטער, איידער דער אוילעם קומט; דעמאָלט וועט זיין שפּעט.

— טאָ שווער מיר צו, — האָט בוקערט זיך אויפגעשטעלט, — אַז דו וועסט מיך ניט איבערגעבן אין זייערע הענט.

— כ׳שווער, — האָט דער שעריף אויפגעהויבן אַ האַנט, — אַז נאָך היינט באַנאַכט וועל איך דיך אָפּשיקן קיין אַטלאַנטאַ.

בוקערט איז אַרוים פון די קוסטעס, ער האָט געלאָזט שטיין די ביקס און איז אונטערגעגאַנגען צום שעריף:

— אָט בין איך, אַרעסטירט מיך.

ער האָט באַמערקט, אַז דער שעריף האָט אָנגעגרייט אַ פּאָר „אייזערנע מאַנזשעטן“, איז ער געוואָרן אָנגעברויגעזט און געפרעגט:

— דאָס גייט איר מיך שמידן?

— יע?

— כ׳האָב זיך דאָך אַליין אונטערגעגעבן. צו וואָס דאַרפט איר מיר שמידן?

— אַזוי פירט זיך.

דער שעריף האָט פלינק אים געשלאָסן די הענט.

בוקערט האָט דערזען, אַז ס׳קומען אָן רייטער, האָט ער אַ נער-וועזן דריי געטאָן מיט די הענט, זיך דערפילט אומבאַהאָלפן און געליטן — צו וואָס האָט ער זיך אונטערגעגעבן. אַ מינוט צוריק איז

ער נאָך געוועזן פריי, זיך געקענט אָפּרעכענען מיט יעדן פון זיי, און איצט קען אים יעדער באַליידיקן, שלאָגן...

— אָט איז דער נעגער, אָט שטייט ער! — זיינען די רייטער מיט געשרייען אַראָפּ פון די פערד, און איינער האָט פון גרויס פרייד אויסגעשאָסן: — הוררעי פאַרן שעריף!

איינציקווייז זיינען די רייטער אָנגעקומען, אַרומגערינגלט דעם נעגער, אים געוויזן די שטריק, אַף וועלכער זיי וועלן אים הענגען; געשלאָגן מיט די פויסטן אין פּאָנעם אַריין, און ער — אַ געשמידטער, אַ צעבלוטיקטער — האָט נאָך יעדן קלאַפּ געמרוקעט און געוואַרט, מען זאָל אים ווידער שלאָגן.

מעקלור איז אַרויפגעפאַלן אַפן שעריף, אים געגומען קושן, זיך צעוויינט. ער איז צוגעגאַנגען צום נעגער און אים אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּאָנעם אַריין:

— בעסטיע! איצט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דיר!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטן און ווי אַ צערייצטער ביק זיך אַ לאָז געטאָן צום נעגער. דער נעגער האָט אַ הייב געטאָן אַ פוס, און מעקלור האָט זיך איבערגעקייקלט.

— נעמט אים! נעמט אים! — האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

דער שעריף איז אַריין אין דער מיט: בירגער, שכיינים! גע-דענקט, איר האָט מיר צוגעזאָגט; איר האָט מיר צוגעזאָגט העלפן אים איבערגעבן דעם געזעץ אין די הענט.

— מיר זיינען ס׳געזעץ!

— אַ נעגער איז קיין מענטש ניט!

— אַ הונט!

— גערעכט, אַ הונט! און אַ מעשוגענעם הונט דערשיסט מען!

— איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון געזעץ! — האָט דער שעריף נאָך העכער געשריען. — גייט אַריין אין מיין לאַגע. צו וואָס בין איך דאָ? פאַרוואָס צאָלט מיר די רעגירונג? ס׳געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן. גייט אַריין אין מיין לאַגע! איך אַפּעליר...

3.

אין דער אָרטיקער ציייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט אַף דער ער-שטער זייט מיט גרויסע אויסיעס:

„היינט באַנאַכט, נאָך אַ געיעג פון פינף שאָ, האָט מען אין די זומפּן געכאַפּט דעם נעגער, וואָס האָט באַליידיקט מעקלורס טאָכטער. דער מישפּעט וועט פאָרקומען מאָרגן, זונטיק נאָכמיטאָג, באַם אינ-דיאַנער בערגל.

מיר האָפן, אַז קיינער פון אונדזערע שכיינים וועט ניט פאַרפעלן צו זיין אַנוועזנד. — די קאָמיטע.“

באַלד נאָכמיטאָג האָבן די פאַרמערס אָנגעהויבן צונויפצופאָרן זיך אַרום דעם אינדיאַנער בערגל. געקומען זיינען זיי מישפּאָכעווייז.

מענטשן, וואָס האָבן זיך קימאַט ניט געקענט צונויפריידן, זיך אויסגעמיטן דאָס גאַנצע לעבן, זיך פיינט געהאַט, האָבן מיטאַמאָל אַוועקגעוואָרפן אַלע קריגערייען.

— מען פירט אים! מען פירט אים! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

דער אוילעם איז אויפגעשפרונגען, זיך גענומען שטופן נענטער צום בערגל, זיך געשטעלט אַף די שפּיץ-פינגער.

בוקערט איז געגאַנגען גלייך, געקוקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזען. ער האָט אויסגעזען צו זיין רואיק.

די מענטשן, וואָס האָבן בוקערטן געבראַכט, האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאָרען. זיי האָבן אַראָפּגענומען פון אַן אויטאָמאָביל שטריק, אַן אייזערנע שטאַבע, בלעכן מיט נאַפט.

מען האָט גענומען קלאַפּן די שטאַבע טיף אין בערגל אַריין: די שטאַבע האָט מען אַרומגעלייגט מיט שטיינער, צעלייגט דאָס האָלץ, און אַ האַלב טוץ מענטשן זיינען אונטערגעגאַנגען צו בוקערטן.



— פּאַרטיק ?

בוקערט איז צוגעגאַנגען צום בערגל, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן דער אייזערנע שטאַבע און גלייכגילטיק געקוקט אַפן אוילעם, אַף די מענטשן, וואָס פּאָרען זיך אַרום אים.

אַ האַלב טוץ מענטשן האָבן אים צוגעבונדן צו דער שטאַבע, געדרייט און געקניפּט שטריק און קייטן אַרום זיין קערפּער. מען האָט אים אַרומגעלייגט מיט שטיקער האָלץ, טרוקענע צווייגן און אַלץ באַגאָסן מיט נאַפט.

דער אוילעם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן פון די פּלעצער, געוואָלט בעסער זען; אַרויפגעקראָכן אַףביימער, אַף אויטאָמאָבילן; טאַטעס האָבן אויפגעהויבן די קינדער, און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט, וואָס ס'וועט געשען.

מעקלור, אָנגעטאָן יאַנטעוודיק, איז אונטערגעגאַנגען מיט ווירדע. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און עס צוגעטראָגן צו די צווייגן.

— או-ה... — איז דורך אין דער לופט, ווי אַ ווינט וואָלט געוויינט און דער אוילעם האָט זיך נענטער אַ שפּאַר געטאָן.

איבער אַ רעגע האָט זיך בלויז געזען אַ בלוי פּלעמל; באַלד האָט זיך דער נאַפט צעפלאַקערט, פונקען האָבן זיך געשאָטן, האָלץ האָט גענומען קנאַקן. אין איין אויגנבליק האָבן זיך בוקערטס הויזן אָנגע-כאַפּט, און ס'האָט זיך געהערט אַ סמאַליע פון פלייש. ער האָט צומאָל קיין קרעכץ ניט געטאָן.

די פלאַמען זיינען פאַמעלעך געקראָכן איבער זיינע קליידער. פונקען האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן פון אַ געדיכטן, גרויען וואָלקן רויך. בוקערט האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער זיך גע-נומען קאַרטשען הינטער די שטריק און צום ערשטן מאָל זיך צעשריען:

— אוי, מיין גאָט! מענטשן, לאָזט מיך אָפּ! כ'בעט אייך, לאָזט מיך אָפּ!

מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, די ציין איינגעביסן אין די ליפּן, האָט ער זיך געקאַרטשעט, באַוואויגן מיט יעדן גליד, מיט יעדן מוס-קול, געקרעכצט. ער האָט זיך צעשריען מיט אויפטרייסלענדיקע קוילעס. זיינע געשרייען זיינען פאַרהילכט געוואָרן פון ווילדן האַמוין:

— מ'דאַרף מיט אַלע אַזוי טאָן!

— סמאַליע!

בוקערטס געשרייען זיינען געוואָרן שוואַכער, ווי די קויכעס וואָלטן אים פאַרלאָזן. ער האָט ניט געשאָלטן, בלויז געקרעכצט און זיך געבעטן:

— מענטשן, האָט ראַכמאָנעס, דערשיסט מיך! מענטשן...

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט.

דער האַמוין איז זיך פאַנאַנדערגעפאָרן דאָ און דאָרט האָבן יונגען געשאַרט מיט שטעקנס אין אַש, געזוכט פאַר אַ זייכער וואָר

א צאַן, ווער אַן אָפּגעברענטן ביין, — די קומענדיקע דוירעס זאָלן זען, אַז זייערע פֿאָטערס זיינען געווען בראַווע אַמעריקאַנער.
די זון האָט זיך גענומען זעצן.

# וואַשינגטאָן און לינקאָלן

אין סקול לערנט מען וועגן דער גרויסקייט פון וואַשינגטאָן, וועגן לינקאָלן דעם באַפרייער פון די שקלאַפן. אין די צייטונגען, מאָוויס און געשיכטע-ביכער ווערן וואַשינגטאָן און לינקאָלן פאַרגעשטעלט ווי די גרעסטע העלדן פאַר דער באַפרייאונג פון די מאַסן. מען לערנט די קינדער, אַז זיי זאָלן גיין אין וואַשינגטאָנס און לינקאָלנס וועג, ניט אין דעם וועג פון קאַרל מאַרקס, לענין און סטאַלין.

אָבער דאָס איז ניט עמעס. עס זיינען דאָ פאַקטן וואָס באַווייזן אַז וואַשינגטאָן און לינקאָלן האָבן באַשיצט נאָר דעם רייכן קלאַס, פונקט ווי הואָווער און רוזוועלט און אַלע פּרעזידענטן פון די פאַריי-ניקטע שטאַטן.

אָט זיינען עטלעכע פאַקטן וועגן וואַשינגטאָן און לינקאָלן, וועלכע מען דערציילט ניט אין סקול :

## וואַשינגטאָן

1) וואַשינגטאָן האָט אַלס פּרעזידענט באַשיצט נאָר די רייכע.

2) ער האָט אָרגאַניזירט אַ באַנק דורך וועלכער מען האָט אויס-געצאָלט ריזיקע סומען געלט צו די רייכע פאַר דעם ווערטלאָזן פּאַפּיר-געלט וואָס זיי האָבן געהאַט. דאָס געלט האָט מען גענומען פון טעקסעס וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די אָרעמע פאַרמערס.

די לאַגע פון די פאַרמערס איז געוואָרן אַזוי שלעכט צוליב די הויכע טעקסעס, אַז אין פּענסילווייניע האָבן די פאַרמערס רעוואָל-טירט קעגן דער רעגירונג און וואַשינגטאָן האָט געשיקט סאָלדאַטן צו אונטערדריקן דעם רעוואָלט.

3) די מאַסן האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן (נאָר רייכע האָבן געקענט שטימען).

די אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו סטרייקן.

4) וואַשינגטאָן איז געווען דער רייכסטער לאַנד און שקלאַפן אייגנטימער אין אַמעריקע.

אָט איז אַ בריוו, וואָס וואַשינגטאָן האָט געשריבן דעם 2טן יולי, 1766, צו דעם שיף-קאַפּיטאַן דזשאָן טאַמפּסאָן, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין וועסט אינדיע.

טייערער הער : —

איך שיק אייך צוזאַמען מיט דעם בריוו מיינעם אַ נעגער (טאָם),

איך בעט אייך מיר טאָן אַ טויווע און פאַרקויפן אים פאַר וויפל איר קאָנט. פאַרן געלט בעט איך אייך מיר איינקויפן: איין פעסל מאַלעסעס, איין פעסל פון בעסטן שנאָפּס, 5 פונט קענדי, און פאַרן איבעריקן געלט זיסן שנאַפּס.

איך וועל אייך באַצאָלן וויפל אייך קומט פאַר אייער אַרבעט. איך בעט אייך פאַרשמידן אים אין קייטן, ער זאָל ניט קאָנען אַנטלויפן, אָבער ווען איר וועט שוין זיין אַפן יאַם, קאָנט איר אים נוצן פאַר אַרבעט אַפן שיף.

איך ווינטש אייך אַ גליקלעכע רייזע און שנעלן צוריקקומען.

אייער דזשאָ. וואַשינגטאָן.

דער בריוו דערציילט אונדז וועגן וואַשינגטאָנס עמעסן כאַראַקטער און זיין „גרויסקייט“ מער ווי אַלע מייסעס, וואָס מען דערציילט אין סקול און וואָס מען שרייבט אין ביכלעך.

# ל י נ ק אָ ל ן

לינקאָלן איז ניט געווען קעגן שקלאַפעריי.

אין יאָר 1862 האָט גענעראַל ד. האַנטער אַרויסגעגעבן אַ באַפרייאונג-פּראָקלאַמאַציע: „די שקלאַפן פון דזשאָרדזשיע, פלאָרידע און סאַוט קאַראָליינע זיינען אַף שטענדיק פריי.“

אין 10 טעג אַרום האָט לינקאָלן די פּראָקלאַמאַציע צוריקגעוויזן. לינקאָלן איז געווען קעגן גלייכהייט פאַר נעגער.

אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אין טשאַרלסטאָן, איל., סעפּטעמבער דעם 18טן, 1858, האָט ער געזאָגט:

„איך וויל זאָגן אַז איך בין ניט, און בין קיינמאָל ניט געווען פאַר גלייכהייט פון די ווייסע און שוואַרצע ראַסן; אַז איך בין ניט פאַר דעם, אַז מען זאָל לאָזן די נעגער זיך באַטייליקן אין די וואַלן, זיין „דזשורארס“ אָדער דערלויבן זיי כאַסענע צו האָבן מיט ווייסע מענטשן.“

לינקאָלנס ציל איז געווען צו ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע פאַראייניקטע שטאַטן, ניט צו באַפרייען די שקלאַפן.

„מיין וויכטיקסטער ציל איז צו ראַטעווען די פאַראייניקטע שטאַטן און ניט צו ראַטעווען אָדער צו שטערן שקלאַפעריי.“ — האָט ער געשריבן אין אַ בריוו פון וויסן הויז, אויגוסט דעם 22סטן, 1868.

ער האָט גענוצט די שקלאַפן אַלס מיטל אָפּצושוואַכן די דאָרעמדיקע לאַנדאייגנטימער און צו פאַרשטאַרקן די צאָפנדיקע קאַפּיטאַליסטן.

אין די וואַלן פון אָקטאָבער, 1862, האָט ער דערקלערט צו די רעבעלן, אַז זיי קענען האַלטן זייערע שקלאַפן, אויב זיי וועלן זיך אומקערן צו די פאַראייניקטע שטאַטן ביז דעם ערשטן יאַנואַר 1863.

לינקאָלן איז געצוואונגען געווען אַרויסצוגעבן זיין „באַפרייאונג פּראָקלאַמאַציע“.

די צאָפּנדיקע שטאַטן וואָס זיינען רעגירט געוואָרן פון די גרויסע פּראָדוצירער האָבן געוואָלט אַ הויכן טאַריף, קעדיי ניט אַריינצולאָזן סכוירעס פון אַנדערע לענדער. די דאָרעמדיקע שטאַטן, וואָס זיינען געווען רעגירט פון די קאָטן-פּלאַנטאַטאָרס און האָבן געדאַרפט קויפן אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן, האָבן געוואָלט אַ נידעריקן טאַריף, קעדיי סכוירעס זאָלן זיין ביליקער. אַ שאַרפער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט צווישן דער צאָפן און דאָרעם אין קאָנגרעס. יעדע זייט האָט געזוכט צו קריגן אַזויפיל שטימען וויפל מעגלעך, קעדיי זי זאָל געווינען אין דער טאַריף פראַגע. יעדעס מאָל ווען אַ נייער שטאַט איז אַריינגע-לאָזט געוואָרן, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פראַגע: וועט ער זיין אַ פרייער, אָדער אַ שקלאַפן-שטאַט? דאָס האָט געמיינט: וועט ער זיין פאַרן טאַריף, אָדער קעגן טאַריף.

עס איז זייער וויכטיק צו פאַרשטיין, אַז די צאָפנדיקע באַלע-באַטים האָבן זיך וויניק וואָס געזאָרגט וועגן דער פרייהייט פון די נעגערן. זיי האָבן באַטראַכט די נעגערן אַלס דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון די דאָרעמדיקע לאַנדאייגנטימער. לינקאָלן איז אויך געווען קעגן באַפרייען די שקלאַפן. די וויכטיקסטע פראַגע באַם אָנהויב פון דער מילכאָמע איז געווען די עקאָנאָמישע.

ווען די דאָרעמדיקע שטאַטן האָבן געזען, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן אין קאָנגרעס, האָבן זיי באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַרמירן אַ באַזונדערע נאַציע, וואָס וועט מאַכן אירע אייגענע טאַריף-געזעצן. דאָס האָט אָנגעהויבן דעם ביר-גער קריג. ווען לינקאָלן האָט דערזען, אַז דער איינציקער וועג צו באַזיגן די דאָרעמדיקע שטאַטן איז צו באַפרייען די נעגערן, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין „באַפרייאונג פּראָקלאַמאַציע“. דאָס האָט געמאַכט די נעגערן פריי צו אַנטלויפן פון די דאָרעמדיקע שטאַטן און צו שטאַרקן די צאָפנדיקע רייען. בלויז די שקלאַפן אין די רעבעלירנ-דיקע שטאַטן זיינען באַפרייט געוואָרן פון לינקאָלן.

דער קאָנגרעס האָט שפּעטער געגעבן די נעגער גלייכע רעכט מיט די ווייסע. מיר ווייסן אָבער אַז קיינמאָל אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען די נעגער ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס גלייכע מיט די ווייסע. מיט צוואַנג ווערן זיי געשטערט פון שטימען, פון זיין דזשוראָרס, אָדער פון לעבן געזעלשאַפטלעך צוזאַ-מען מיט די ווייסע. די נעגער ווערן געהאַלטן אין ספּעציעלע געגנטן פון דער שטאָט, אין ספּעציעלע שולן און שפּיטאָלן. אין דער סאַוט דאַרף דער נעגער אָפּטרעטן דעם וועג פאַרן ווייסן, אין די טראַמ-וויען זיינען אָפּגעטיילט פאַר זיי ספּעציעלע ווינקלען. די סקאָטסבאָראַ געשיכטע און די פילע לינטשערייען באַווייזן וואָס פאַר אַ רעכט די נעגער האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַט־דאָס עמעסע בילד פון דעם בירגער־קריג און די באַפרייאונג פון די שקלאַפן ווייזט אַרוים לינקאָלן ניט אַלס באַפרייער, נאָר אַלס דינער פון די צאָפנדיקע קאַפּיטאַליסטן. אַלס קאָנטראַסט צו לינ־קאָלנ׳ס אַרבעט האָבן מיר לענינ׳ס אַרבעט. לענין האָט בעעמעס באַ־פרייט די פּויערים פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון די לענדלאָרדס און האָט זיי געגעבן דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט. איצטער פאַרמאָגן די געוועזענע רוסישע פּויערים זייער אייגן לאַנד און האָבן דיזעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער. לענין האָט באַפרייט די לייבאייגענע און האָט אָפּגעשאַפט דעם באַלעבאַטים־קלאַס.

# פראַגן

1. וואָס דערציילט מען דיר אין סקול וועגן לינקאָלן?

2. פאַרוואָס ווערן די אידן אונטערדריקט אין דייטשלאַנד, פּוילן, רו־מעניע און אין אַנדערע לענדער?

3. וואָס איז דער „בלעק בעלט“?

4. וואָס מיינט „ווייסער שאָוויניזם“?

5. וואָס מיינט „דזשים קראָאיזם“?

6. פאַרגלייכט:

א. וואַשינגטאָן־רעגירונג און רוזוועלט־רעגירונג.
וואַשינגטאָנס באַנק און רוזוועלטס „ניו דיל“ באַנק.

ב. לאַגע פון פאַרמער און אַרבעטער אין וואַשינגטאָנס צייט און אונטער דעם „ניו דיל“.

ג. פאַרמער רעוואָלט און סאַן פראַנציסקאָ סטרייק.

ד. לענין־סטאַלין און וואַשינגטאָן־רוזוועלט.

ה. אַמעריקאַנער רעוואָלוציע — רוסישע רעוואָלוציע.

# דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם

## (מאַרקס - ענגעלס - לענין - סטאַלין)

די ערשטע, וואָס האָבן געלייגט אַן אָנהייב פאַר דער לערע וועגן דעם, ווי אַזוי די אַרבעטנדיקע דאַרפן זיך באַפרייען פון די קאַפּי-טאַליסטן און אויסבויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, זיינען געווען קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

דאָס גאַנצע לעבן זייערס האָבן מאַרקס און ענגעלס געווידמעט דער זאַך פונעם אַרבעטער-קלאַס.

פון די יוגנט-יאָרן אָן האָט מאַרקס אָנגעהויבן זוכן ענטפערס אַף פאָלגנדיקע פראַגעס:

פאַרוואָס איז פאַראַן אַזויפיל אָרעמ-קייט און ליידן?

פאַרוואָס געהערן די פאַבריקן צו אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן, און די מיליאָנען אַרבעטער האָבן גאָרניט — די מיליאָנען אַרבעטער אַרבעטן אַף זייערע באַלעבאַטים-קאַפּיטאַליסטן, לעבנדיק אין אָרעמקייט און אין הונגער?

און מאַרקס הייבט אָן צוזאַמען מיט זיין פריינט און מיטקעמפער ענגעלסן אַ קאַמף פאַר די אַרבעטער.

מאַרקס האָט געלערנט, אַז אַלע אַרבעטער זיינען איינער דעם צווייטן ברידער: סיי רוסן, סיי אידן, סיי נעגערס, סיי יאַפּאַנער, סיי כינעזער, סיי דייטשן סיי פראַנצויזן — אַלע די וואָס האַרעווען, וואָס אַרבעטן. און די סאָנים פון אַלע אַרבעטער, פון אַלע אַרבעטנ-דיקע — דאָס זיינען די קאַפּיטאַליסטן, פריצים און אַנדערע עקספּלואַטאַטאָרס.

מאַרקס האָט געלערנט, אַז אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן, באַנקן און אייזנבאַנען, די גאַנצע ערד דאַרף געהערן צו די, וואָס אַרבעטן.

מאַרקס האָט געלערנט אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך דער-שלאָגן צום זיג בלויז דאַן, ווען ער וועט מיט געווער אין די הענט פאַרכאַפּן די מאַכט אין זיינע הענט. מאַרקס האָט געלערנט, אַז די אַרבעטער דאַרפן האָבן זייער פּאַרטיי אַף אָנצופירן מיטן קאַמף פון די אַרבעטער פאַר דער מאַכט, פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ געזעלשאַפט? וויאַזוי וועט זיין דאָס לעבן פון די מענטשן, ווען דערדאָזיקער ציל וועט דערגרייכט ווערן?

באַם סאָציאַליזם וועלן ניט זיין קיין אונטערדריקערס און קיין אונטערדריקטע, ס'וועט ניט זיין קיין עקספּלואַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן.

די גאַנצע ווירטשאַפט פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט וועט גיין לויט איין פּלאַן. די אַרבעטער וועלן אַרבעטן פאַר זיך זעלבסט, אָף דער גאַנצער געזעלשאַפט און ניט אָף די פּאַראַזיטן-אייגנטימערס, ווי באַם קאַפּיטאַליזם. די אַרבעט וועט אויפהערן צו זיין אַ צוואַנג-זאַך.

די מאַשין און די וויסנשאַפט וועלן מאַכן דעם מענטשנס אַרבעט אַלץ מער לייכט און אינטערעסאַנט.

אין 1847סטן יאָר האָבן מאַרקס און ענגעלס געגרינדעט די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער פּאַרטיי — דעם „קאָמוניסטן-פאַר-באַנד“. זיי האָבן אָנגעשריבן דעם „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“, וואו זיי האָבן אָנגעוויזן די צילן און די וועגן פונם קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אין 1864סטן יאָר האָט מאַרקס אָרגאַניזירט און איז געוואָרן דער פירער פון דעם „ערשטן אינטערנאַציאָנאַל“.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט פאָרגעזעצט מאַרקס-ענגעלסעס לערע. לענין האָט זיין גאַנצן לעבן געקעמפט קעגן די סאָנים פון דעם אַרבעטער קלאַס.

לענין האָט געשאַפן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, באָלשעווי-קעס, וועלכע האָט אין אָקטאָבער 1917 געבראַכט דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס צום זיג איבער דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דער אַרבעטער-קלאַס האָט אין בונד מיטן אָרעמען פּויערטום אַראָפּ-געוואָרפן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און איינגעשטעלט זיין אַרבעטער-מאַכט — די מאַכט פון די סאָוועטן.

אונטערן אָנפיר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין שפּיץ מיט לענינען האָבן די אַרבעטער און פּויערים פון לאַנד אָנגעהויבן בויען אַ נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

לענין האָט אָרגאַניזירט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פאַראייניקט אונטער זיינע פאָנען די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט.

לענין איז געשטאָרבן, אָבער די זאַך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, זעצט פאָר לענינס בעסטער שילער און מיטקעמפער — כאַווער סטאַלין. סטאַלין האָט פאָרגעזעצט די לערע פון מאַרקס—ענגעלס—לענין. אונטער זיין אָנפירונג פאַרווירקלעכט די פּאַרטיי אין סאָוועטן-פאַרבאַנד די לערע פון מאַרקס—ענגעלס—לענין. די פּאַרטיי האָט געפירט דעם אַרבעטער-קלאַס און דאָס האָרעפּאַשנע פּויערטום אין גרויסן שלאַכט פאַרן סאָציאַליזם און זי האַלט אָפּ איין זיג נאָכן צווייטן. מיט דערפאָלג האָבן די אַרבעטנדיקע פון סאָוועטן-פאַרבאַנד אויסגעפילט דעם ערשטן פינפיאָר-פּלאַן.

זייערע דערפאָלגן ווייזן אַ ביישפּיל די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט ווי זיי דאַרפן קעמפן מיט זייערע סאָנים — די קאַפּיטאַליסטן.

אונטער די פאָנען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען קלייבן זיך צונויף אין אַלע לענדער אַלץ נייע און נייע מאַסן אַרבעטנדיקע. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט גרייטן צו די אַרבעטער צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט.

כאַווער סטאַלין איז דער פירער פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע פאַרייניקט און פירט אָן מיטן קאַמף פונעם אַרבעטער-קלאַס און די האַרעפּאַשניקעס פון דער גאַנצער וועלט. עס דערנעענטערט זיך די צייט, ווען די אַרבעטנדיקע פון אַלע לענדער וועלן אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און זיך דערשלאָגן צו זייער באַפרייאונג.

מאַרקס—ענגעלס—לענין—סטאַלינס זאַך וועט זיגן אַף דער גאַנצער וועלט.

# י. באָוושאָווער

י. באָוושאָווער איז איינער פון די ערשטע אידישע פּראָלעטאַרישע דיכטער. געבאָרן אין יאָר 1873 אין ליבאַוויטש, (רוסלאַנד). צו 18 יאָר פאָרט ער קיין אַמעריקע און ווערט אַ פאַבריק-אַרבעטער אין ניו-יאָרק. דאָ באַקענט ער זיך מיט דער עקספּלואַטאַציע, וואָס הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט. באָוושאָווער באַגעגנט זיך דאָ מיטן אַרבעטער-דיכטער ד. עדלשטאַט און מיט אַנדערע פּיאָנערן פון דער אַמעריקאַנער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און הייבט אָן צו שרייבן רעוואָלוציאָנערע לידער און דערציילונגען. די ווערק זיינע לייענט ער פאַר פאַר די כאַוויירים אַף דער פאַבריק. די באַלעבאַטים טרייבן אים דעמאָלט אַרויס.

די גרויזאַמע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס דערשטיקט פיל גרויסע טאַלאַנטן, האָט אויך צעטראָטן מיט די פיס דעם באַגאַבטן פּראָלעטאַרישן דיכטער. די לעצטע 16 יאָר פון זיין לעבן געפינט זיך באָוושאָווער אין אַ שפּיטאָל. באָוושאָווער איז געשטאָרבן אין יאָר 1915.

# אַרבעטער-פרויען

## פון י. באָוושאָווער

אַרבעטער-פרויען, ליידנדע פרויען!
פרויען, וואָס שמאַכטן אין הויז און פאַבריק,
וואָס שטייט איר פון וויטן? וואָס העלפט איר ניט בויען
דעם טעמפּל פון פרייהייט, פון מענטשלעכן גליק?

ניט איינמאָל האָבן שוין העלדישע פרויען
געמאַכט ציטערן הענקער און טראָן:
זיי האָבן געצייגט, אַז מע קאָן זיי פאַרטרויען
אין ביטערסטן שטורעם די הייליקע פאָן.

דערמאָנט זיך אין אייערע רוסישע שוועסטער,
דערמאָרדעט פאַר פרייהייט פון צאַר, דעם וואַמפּיר,
פאַרמאַטערט ביז טויט אין די שטיינערנע נעסטער,
פאַרגראָבן אין שנייען פון ווייטן סיביר.

געדענקט איר די נעמען, די הייליקע נעמען:
פּעראָווסקאַיאַ, העלפמאַן, גינזבורג און נאָך
טויזנטער, וואָס פלעגן זיך שעמען
צו טראָגן געהאָרכזאַם דעם שקלאַפניאָך.

זיי זיינען אין שטורעם אַזוי העלדיש געשטאַנען,
געטראָגן אין פינצטערניש האָפנונג און ליכט,
נעקאָמע גענומען אין ווילדע טיראַנען,
שטאָלץ געקוקט דעם טויט אין געזיכט!

געדענקט איר זיי? דאָן זאָל אייער לעבן
באַגייסטערן אייך! איר זאָלט מיט דערפאָלג
לערנען און דענקען, קעמפן און שטרעבן
צו פרייהייט און גליק פאַר דעם אַרבעטער-פאָלק.

# אינטערנאַציאָנאַלער פרויען טאָג

אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערן די אַרבעטער-פרויען שטאַרק אונטערדריקט. די אַרבעטער-פרויען האָבן אויסצושטיין מער צאָרעס פון באַם ווי דער אַרבעטער-מאַן. ווען אַ מאַן און אַ פרוי טוען די זעלביקע אַרבעט, צאָלט מען דער פרוי ווייניקער ווי דעם מאַן. צו אַסאַך אַרבעטן לאָזט מען די פרוי אינגאַנצן ניט צו.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז די פרוי ניט קיין פולבאַרעכטיקטע בירגערן ווי דער מאַן.

קעדיי בעסער צו קענען באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און אויסצוקעמפן גלייכע רעכט פאַר דער אַרבעטער-

פרוי, איז איינגעפירט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען טאָג.

דער „פרויען טאָג“ פאַראייניקט די אַרבעטער-פרויען פון אַלע לענדער אין איין גרויסער אַלוועלטלעכער מישפּאָכע און רופט זיי צו קעמפן קעגן זייערע אונטערדריקער.

דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען טאָג איז איינגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1910 אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין קאָפּנהאַגען. אין רוסלאַנד האָט מען דעם טאָג געפּייערט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1913 אין פּעטערבורג (איצט לענינגראַד). מען האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסע געהיימע פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער-פרויען. דער לאָזונג פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען: „קאַמף קעגן צאַר“.

די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט באַפרייט די רוסישע אַרבעטער-פרוי, און זי געמאַכט פאַר אַ פולבאַרעכטיקטער בירגערן. די פרוי באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פון אַלע אינדוסטריעס. צוזאַמען מיטן אַרבעטער-מאַן נעמט זי אַן אַנטייל אין דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין דעם לאַנד פון די אַרבעטער.

קעדיי צו באַפרייען די אַרבעטער-פרוי אין אַלע לענדער פייערן מיר דעם 8טן מערץ, איבער דער גאַנצער וועלט, דעם אינטערנאַציאָנאַלן טאָג פון דער אַרבעטער פרוי.

אין דעם טאָג דעמאָנסטרירן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-פרויען זייער קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און פאַר אַרבעטער סאָוועטן איבער דער גאַנצער וועלט.

# מאָריס ווינטשעווסקי

מאָריס ווינטשעווסקי, — דער עלטסטער אידישער פּראָלעטאַרישער דיכטער, איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1856 אין יאַנאָווע.

פרי הויבט ער אָן צו נעמען אַן אַנטייל אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. אין יאָר 1878 ווערט ער אַלס סאָציאַליסט אַרעסטירט און זיצט אָפּ עטלעכע כאַדאָשים אין טורמע. נאָך דער באַפרייאונג פאָרט ער אַוועק קיין לאָנדאָן. דאָרטן ווערט ער אַ מיטגליד פון קאָמוניסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך מאַרקסן און ענגעלסן.

אין יאָר 1894 קומט ווינטשעווסקי קיין אַמעריקע. ער ווערט אויפגענומען פון די אידישע אַרבעטער מאַסן מיט ליבע און אַכטונג. ער גיט אַרויס אין באָסטאָן אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „דער עמעס“. ער העלפט אויך גרינדן דעם „פאָרווערטס“. נאָר שפּעטער ווען דער „פאָרווערטס“ ווערט געל און פאַרטרעט ניט די אַרבעטער אינטערעסן באַקעמפט אים ווינטשעווסקי.

ווינטשעווסקי באַגריסט די באָלשעוויקעס ווען זיי פירן דורך

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ער אַטאַקירט זייערע קעגנער און פאַר-
טיידיקט קעסיידער דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. באַלד ווי עס ווערט
געגרינדעט די „פרייהייט“ (אַפּריל 1922), איז ווינטשעווסקי צווישן
אירע מיטאַרבעטער.

אין יאָר 1924 באַזוכט ווינטשעווסקי דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.
זיינע 50 יאָר אַרבעט אַלס קלאַסנקעמפער ווערן דאָרט פול אַנערקענט.

די רויטע אַרמיי באַגעגנט אים ווי אַ זיגרייכן קריגס-פירער פונם
אַרבעטער קלאַס. ער ווערט אויך אַריינגענומען פאַר אַ מיטגליד אין
דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

מיט באַזונדער ליבע באַגעגענען ווינטשעווסקין אומעטום די סאָ-
וועטישע פּיאָנערן. זיי נעמען אים אַריין פאַר אַ מיטגליד אין זייער
קינדערישער אָרגאַניזאַציע. זיי געפינען אין אים אַ ליבן כאַווער.
ווינטשעווסקי האָט זיין גאַנצן לעבן ליב געהאַט קינדער. ער פלעגט
זיי דערציילן שיינע מייסעלעך. ער האָט זיי דערציילט ווי אַזוי די
אַלטע רעוואָלוציאָנערע פּיאָנערן פונם אַרבעטער קלאַס האָבן אַמאָל
געקעמפט און געליטן צוצוגרייטן די באַוועגונג וועלכע האָט אין 1917
געשאַפן די אַרבעטער מעלוכע אויף אַ זעקסטל ערד.

## די לעצטע יאָרן

ווען ווינטשעווסקי האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע האָבן
אים די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער באַגעגנט מיט גרויס ליבשאַפט.

די פיאָנערן האָבן באַזונדער פאַר אים אַראַנזשירט אַ פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון זייערע כאַווירים, די פיאָנערן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. די אַמעריקאַנער פיאָנערן האָבן אים אַריינגענומען פאַר אַ מיטגליד אין זייער אָרגאַניזאַציע און ער האָט זיך מיט דעם שטאַרק געפרייט.

אַ באַזונדער ליבע האָט ווינטשעווסקי אַרויסגעוויזן צו די קינדער פון אינדזערע שולן. ער איז געווען צו שוואַך זיי צו באַזוכן אין זייערע קלאַסן, נאָר אַז זיי פלעגן קומען צו אים אַהיים פלעגט ער זיי קושן און האַלדזן און זיי ווייזן אַלע מאַטאָנעס, וואָס די פיאָנערן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד האָבן אים געשענקט. אַ טייל פון אָט די מאַטאָנעס פלעגט ער אָוועקשענקען די קינדער פאַר זייערע שולן. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס עס זיינען ניט געווען אַזוינע אידישע קינדער שולן מיט צענדליקער יאָרן צוריק. ער האָט געהאַלטן, אַז אַזוינע פּראָלעטאַרישע שולן וואָלטן זיינע אייגענע קינדער פון אים ניט פאַרפרעמדט. זיי וואָלטן מיט אים מיטגעגאַנגען צום רעוואָלוציאָנערן טייל פונם אַרבעטער-קלאַס און זיך ניט געכאַוועט מיט זיינע סאָנים. זיין פאַרדרוס איז ניט געווען קיין אומזיסטער. ווען ווינטשעווסקי איז געשטאָרבן, דעם 18טען מערץ, 1932, האָבן זיינע קינדער איבערגעגעבן זיין טויטן קערפּער צו די געלע סאָציאַליסטן, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַסט. זיי האָבן אויך געבראַכט באַוואפנטע פּאָליציי ניט צוצולאָזן צו זיין קערפּער זיינע כאַווירים קאָמוניסטן און די צענדליקער טויזנטער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער וואָס זיינען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן קאָוועד.

מאָרים ווינטשעווסקי האָט געשריבן פאַרן אַרבעטער קלאַס אַרום 50 יאָר. ער האָט געשריבן לידער, פאַבלען, דראַמעס, פעליעטאָנען, ביאָגראַפיעס, פּובליציסטיק און אַ פּאָר בענדער דעראינערונגען. לעקאָוועד זיין 70סטן געבורטסטאָג האָט די „פרייהייט“ אַרויסגעגעבן ווינטשעווסקיס געזאַמלטע ווערק אין 10 בענדער. אין איינעם פון אָט די בענדער איז אויך באַשריבן זיין לעבן, ווירקן און שאַפן.

# עס רירט זיך

## פון מאָרים ווינטשעווסקי

הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראַל?
ווי דער אַרבעטמאַן מושטירט זיך
צו דעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל, —
צו דעם טויט-קאַמף מיטן שינדער,

מיטן גוויך, דעם געלט־טיראַן ?
הערט איר, ווי עס רירט זיך, קינדער,
דער באַרויבטער אַרבעטמאַן ?
קינדער, לאַנג גענוג געגאָסן
האָט דער רייכער אַלדאָס גוטס,
בלוט גענוג האָט ער פאַרגאָסן, —
אונדזער בלוט צוליב זיין נוץ.
קינדער, מאַרש צום קאַמף געשווינדער,
טראָגט די רויטע פאָן פאָרויס,
איך זייט זיינע ברידער, קינדער,
און ער רופט, דער אַרבעטסמאַן.

# הונגער

פון מ ו י ש ע נ א ד י ר

דער הונגער האָט געשפּאַרט, געדריקט,
מענטשן האָבן זיך
געוואָרפען פונעם בריק.
נ ו י ט, נ ו י ט, נ ו י ט.
נ י ש ט אָ ק י י ן ב ר ו י ט.

דאָס לאַנד איז גרויס, דאָס לאַנד איז ברייט
און וואַרט מיט פּיאָנערן —
נאָר רינען רינט אין אַלע טייכן
טרערן.
נאָר שטייען הויכע קוימענס לערע,
און געניצן מיט זיכרוינעס שווערע.

און וועמענס לאַסט? און וועמענס פרייד ?
עס שטייען די רעוואָלווערס אָנגעגרייט.
דער טויט ער היט און היט —
אַף וועג צו שאַף איז אויסגעקילט די טריט.

די באַנען זיינען לער, די שליאַכן זיינען פול
מיט וואַנדערער פון גרויסן הונגער דול.

און איינער שפּרינגט אין וואַסער
און איינער שפּרינגט פון בריק.
און איינעמס שווערער בליק
איז אַף אַ שטריק.

און ווײנט די ערד ?
פאַרוואָס זאָל זי דען וויינען
האָט אויבם געגוג און ברויט
פאַר יעדן איינעם.
און גרויסע טשערעדעס פּי און פעטע גרויסע זאַנגען
די האַנט פון נויט איז קורץ און קאָן עס ניט דערלאַנגען.

# קוילן גרעבער

## פון סאָרע באַרקאַן

אַף אַ שוואַרצן קוילן־וועג בלייבן שוואַרצע טריט
פון קוילן־גרעבער, וועלכע טראָגן טויטע קוילן־גרעבער.
מיט קעפּ געבויגן טראָגט מען—טראָגט מען—טראָגט מען
טויטע ברידער —
צען, צוואַנציק, דרייסיק, פערציק, פופציק
טויטע ברידער,
טראָגט מען, טראָגט מען טויטע קוילן־גרעבער,
גרויסע, שטאַרקע, יונגע יונגען —
מיט צעקוועטשטע לונגען.
לויפן נאָך קינדער, מאַמעס, שוועסטער, קאַלעס, ווייבער...
קושן — קושן — קושן טויטע לייבער,
שרייען פרויען: ווער איז מיינער ?
לאָזט מיך אים דערקענען !
אָבער אַלע זעען אויס ווי איינער:
שוואַרץ און בלוטיק־רויט.
אַלע זיינען טויט !

# סטרייק

פון מוישע שיפרים

## בא בילן אין הויז

ביל, אַ הויכער, ברייט-ביינערדיקער, האָט זיך עטוואָס אָנגע־בויגן, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון זיין הילצערן קאָמפּאַניע־שטיבל. אַרונטערנעמענדיק דאָס בלעכענע שפּייז-קעסטל פון זיין אָרעם, האָט ער אַ וויש געטאָן מיטביידע פאַרסאַזשעטע הענט איבער

די גלאַנציקע, שטייפע הויזן, וואָס האָבן ווי צוויי קוימען-רערן אַרום־גענומען זיינע הויכע פיס. ער האָט אַרויסגעברומט אַ „גוד איוונינג".

די קינדער וועלכע האָבן אָפּגעריסן די קעפּ פון טיש און קימאַט ביידע אין איין צייט זיך אַרונטערגערוקט פון די עטוואָס צו-הויכע בענקלעך פאר זיי, און זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו בילן, זיינען ביידע, ווי זייערע קליינע הערצלעך וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט, געבליבן אין דער דאָזיקער פּאָזיציע.

זיין פרוי מערי האָט פאַרזאָרגט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען, ביל?

— היינט איז אַ מיטינג, עס מיינט אַ סטרייק. ס'ט'געבן שנעלער עסן. די קאָמפּאַניע וויל ניט נאָכגעבן, היינט באַם מיטינג וועט מען באַשליסן.

בא מערין אין האַרצן האָט גענומען קלאַפּן אַ קליין האַמערל: טיק-טאַק, טיק-טאַק. זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— נו, נאַרעלע, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? זיי ניט קיין

קינד. אַזוי איז דען בעסער? אַ הינטיש לעבן, ליג אַ גאַנצן טאָג אין שוואַרצן גרוב, ברעך זיך אין דרייען, רייס מיט די ציין יעדן שטיקל קויל און ערשט באַשווינדלט מען דיך בא דער וואָג. „רעד-מייק" וועט בא דיר אַרויסגאַנווענען דעם קוילן-שטויב פון אונטער די נעגל.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט, — זעט קינדער, די מאַמע האָט זיך דערשראָקן. בו! בו! אַ בוגי מען, כאַ-כאַ-כאַ!

— ווייסט פאַ, — האָט די עלטערע, דזשאַנעט, זיך אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענטלעך איבערן טיש, — די קינדער אין שול האָבן היינט געזאָגט, אַז באַלד וועט זיין אַ סטרייק. און די לערערקע האָט גע- זאָגט אַז נאָר „פאָרענערס" סטרייקן, אַז זיי זיינען קיינמאָל ניט צופרידן. זיי דאַרפן דאַנקבאַר זיין אונדזער לאַנד, וואָס מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אַהער, און זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן. זיי זיינען שולדיק אין אַלע צאָרעס. ביסטו אַ „פאָרענער", פאַ, האַ?

— זעסט, מערי, הערסט? — האָט ביל אַריינגעשריען אין קיך, וואו מערי האָט צוגעגרייט דאָס עסן, — זעסט, אונדז פאַרסאַמט מען מיט קוילן-שטויב און זיי פאַרסאַמט מען מיט סינע, מיט נאָך אַן ערגערן גיפט. מען וויל זיי אָפּרייסן פון אונדז. זיי רייצן אויף די קינדער קעגן אונדז!

— הערסט, דזשאַנעט, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל הערן אַזאַ „באַנק", זאָג דיין לערערקע, אַז זי איז אַ פאַרדאַמטע ליגנערן! הערסט? אַזוי זאָלסטו זאָגן.

— „נאָ", פּאַפּאַ, — האָט זיך דאָס קינד דערשראָקן, — זי וועט מיר רייסן די האָר.

ביל האָט שנעל אָפּגעגעסן און אין איילעניש אַרויס פון הויז.

## סקעבס

אַרום די טויערן, וואָס פירן צו די שאַכטן, האָבן זיך געדרייט, מיט געלאָדענע ביקסן, פאַרדעכטיקע פאַרשוינען.

אין דער פרישער פרימאָרגן קאַלטער לופט האָבן אין רייען, פאַר- ביי די טויערן פון די קוילן-שאַכטן, מאַרשירט מיט שווערע טריט, פאַרטראַכטע פּענימער און געשלאָסענע ליפּן, שוואַרצע און גרויע געשטאַלטן.

פון צייט צו צייט האָבן זיי, בורטשענדיק דורך די ציין אַרויס- געזאָגט, אָפּגעהאַקט:

— די פאַרדאַמטע גאַרילעס!

— געלע הינט!

— פאַר זיי איז פאַראַן געלט.

נעבן דער קאָמפּאַניעס קראָם האָט זיך באַוויזן אַ כעוורע מיט פּעקלעך. די כעוורע איז אָנגעקומען מיט אַ טומל, וועלכער איז באַלד אָפּגעהאַקט געוואָרן. זייערע טריט האָבן זיך ווי אַן עפּעס פאַרהאַלטן.

די באַוואָפנטע פון דער קאָמפּאַניע-געדונגענע פּאָליציסטן, די געלע הינט — ווי די קוילן-גרעבער האָבן זיי גערופן — האָבן גענומען אונטערטרייבן:

— וואָס שלעפּט איר זיך? זיך דערשראָקן פאַר די פּיקעטס?

— זאָלן זיי נאָר שטעלן אַ פּוס, וועלן מיר זיי געבן פּולווער שמעקן.

צווישן די סטרייקערס איז געוואָרן אַ טומל.

— סקעבס!

— סקעבס!

די סטרייקערס האָבן זיך אַ ריר געטאָן פאָרויס און באַלד צוריקגעטראָטן פון די אָנגעשטעלטע ביקסן, פון וואַנען ס׳האָט געלויערט אַ בלייערנער טויט.

אַן אַלטער, אויסגעבלאַסטער קוילן-גרעבער, מיט אַ גרייז-גרויען קאָפּ האָט אַריבערגעשריען צו די אָנקומענדיקע סטרייק-ברעכער:

— ברידער, יאָרן האָבן מיר געקעמפט — — —

מיט אַ האַנט, ווי מיט אַן אייזערנעם דראָנג, האָט אים איינער פון די באַוואָפנטע וועכטער אַ שניט געטאָן איבערן פּאָנים. דער אַלטער האָט צעפירט די הענט, זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן ווי אַן



אונטערגעהאַקטער קלאַץ. די מאַסע האָט זיך אַ וויג געטאָן. דער צאָרן האָט געשמיסן ווי בייטשן און געטריבן זי פאָרויס.

די סטרייק-ברעכער זיינען געשטאַנען מיט פאַרהאַלטענע טריט, ווי צוגעקאַוועטע צו דער ערד.

אַ האַרטע, גלאַנציק-שוואַרצע שטיק קויל האָט אַ פייף געטאָן אין דער לופט און פאַרבייגעלאָפן איינעם פון די וועכטערס פּענימער. יענער האָט זיך אַ בויג געטאָן און די שטיק קויל האָט אַ זעץ געטאָן אין אַ גלאַנציקער רעלס און צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצלעך.

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. פויסטן האָבן געהאַמערט איבער זייטן, איבער קעפּ, איבער פּענימער. קאָלבעס פון ביקסן האָבן זיך געהוידעט אין דער לופטן און אונטערגעשפּרונגען, שטיינער זיינען געפלויגן איבער קעפּ, די שלאַכט איז וואָס אַמאָל געוואָרן פאַרביטערטער, צערייצטער.

ס'זיינען אָנגעלאָפן די ווייבער מיט די קינדער. פון ביידע זייטן האָבן זיך פאַרגרעסערט די מאַכנעס, ס'זיינען אָנגעקומען פון שוואַרצן געסל קוילן-גרעבער, פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען די „געלע הינט".

באַלד האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ וויסטע בשׂורה:

— די קאָזאַקן קומען!

ס'האָבן זיך באַוויזן די באַוואָפנטע רייטער, געדונגענע פון דער קוילן קאָמפּאַניע. זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן מיט די פערד צווישן די מענטשן און געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס, די פערד האָבן מיט די שטעכיקע פּאָדקאָוועס געטראָטן אויף די מענטשן. ס'האָט עפּעס אַ קנאַל געטאָן, אַ פייף געטאָן.

די פרויען האָבן גענומען שלעפּן די קינדער וועלכע האָבן געזאַמלט שטיינער און געוואָרפן אויף די קאָזאַקן. די פרויען האָבן געטריבן די קינדער אין געסל צו די הייזער.

ביל איז פון אַ ווינקל אָנגעלאָפן. פאַר זיינע אויגן האָט זיך געיאָגט מערי. איבער איר קאָפּ זיינען געפלויגן קוילן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די קינדער, זיי באַשיצט מיט איר קערפּער. אַ רייטער איז פאַרבייגעלאָפן, איר אַ שניט געטאָן מיט דער קאָלבע פון ביקס. מערי האָט זיך אַ דריי געטאָן און זיך איבערגעקערט.

בילן האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פיס, ווי אימיצער וואָלט אים אונטן אַרום דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ.

## געזעץ

אויף יעדער קאָמפּאַניע הויז זיינען געווען אָנגעקלעפּט וואָרנונגען. אַרבעטער זיינען געשטאַנען מיט ווייט-צעעפנטע אויגן און געלייענט די אויסגעקלעפּטע וואָרנונגען.

די וואָרנונגען האָבן געלאָזט וויסן, אַז אין פיר-און-צוואַנציק

שאַ מוזן אַלע סטרייקערס זיך אַרויסקלייבן פון די קאָמפּאַניע-הייזלעך, זיי טאָרן ניט אַריבערשפּאַנען דאָס לאַנד, וואָס געהערט צו דער קאָמ-פּאַניע. זיי טאָרן ניט גאָט-בעטן אין קאָמפּאַניע-קלויסטער און קיינער טאָר ניט געבן קיין הילף צו די סטרייקערס.

ביל איז אַרויסגעקומען פון זיין הויז. ער האָט דערזען די אַרבעטער, שנעל דורכגעלאָפן מיט די אויגן דאָס צעטל.

— ס׳פעלט נאָך — און מען טאָר ניט אָטעמען די לופט פון דער קאָמפּאַניע.

אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט דאָס ווייב, ביל?

— שוואַך, זייער אָפּגעשוואַכט. און זיי האָבן זי שיר ניט דער-האַרגעט, די גענגסטערס.

— הינט — האָט איינער אַרויסגעשפּיגן — אפילו קיין פרויען און קינדער שאַנעווען זיי ניט.

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

— וואוהין פאַרנעמט מען זיך מיט די בעבעכעס?

בילן האָבן די פראַגן געלעכערט דעם מויעך.

## אין די באַראַקן

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געריהרט צווישן די צעקרימטע הילצער-נע הייזלעך, דורך טירן האָט מען געשלעפּט פעקלעך. דאָס געסל איז פאַרלייגט געוואָרן מיט מעבל, בעטגעוואַנט און קיך-געשיר.

אייניקע האָבן זיך געאַקשנט. שווער געווען צו רירן. יאָרן דאָ אָפּגעלעבט, קינדער אויסגעהאָדעוועט. ס׳רירט זיך ניט אַזוי גרינג.

די באַראַקן, שנעל צונויפגעקלאַפּטע, זיינען שוין געווען פאַר-פולט. און נאָך, און נאָך זיינען געקומען מיט די אָרעמע בעבעכעס.

די אַקשאָנים האָבן זיך ניט געוואָלט רירן. ביל איז געווען צווישן זיי. פאַראַקשנט, מיט פאַרביסענע ליפּן, געקוקט אויף דער קראַנקער פרוי און געטראַכט: אַ טויטן וועלן זיי מיך פון דאַנען אַרויסטראָגן.

---

ס׳איז געווען אַ האַרבסטיקער טאָג, ס׳האָט געריגנט. דאָס שוואַרצע געסל איז געווען בלאָטיק און אומעטיק. דורכן פענצטער האָט ביל געזען דאָס אָנקומען פון צוויי וועכטער. זיי האָבן זיך דערנענט צום הויז. נאָך זיי זיינען געגאַנגען צוויי מענער מיט סטאַ-ליער-געצייג.

איינער פון די וועכטער מיט אַ גאָרילאַ-פּנים איז אַרויס פאָרויס:

— מיר גייען אַרונטערנעמען דעם דאַך, די קאָמפּאַניע וויל אי-בערבויען דאָס הויז.

— דאָס הויז קאָסט מיר מער פון דער קאָמפּאַניע.

דער, וואָס מיטן גאָרילאַ-פּאָנים, האָט אַ וואונק געטאָן און זיי זיינען אַרוים.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס טרעשטשען פון דאַך. העק האָבן טעמפּ געהילכט איבערן פאַרפוילטן האָלץ. שטויב האָט זיך געשאָטן און באַלד זיינען שפּענער געפאַלן.

די קראַנקע האָט זיך אין היץ געדרייט אויף אַלע זייטן און גענעצט מיט אַ שפּיץ פון ווייסער צונג די פאַרברענטע ליפּן.

ביל האָט דערפילט שטעכיקע טראָפּנס אויפן פּאָנים. די טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן צו שמייסן איבערן בעט פון דער קראַנקער.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף דער גאַס. צוויי גאָרילאַ-פּענימער האָבן אים, ווי צערייצטע הינט, געוויזן די מיילער פון ביקסן.

ער האָט גענומען זיין מאַנטל, אַריבערגעוואָרפן איבערן בעט און מיט ברעטלעך געמאַכט אַ דעכל איבער דער פרוים פּאָנים.

אַ פּאָר שכיינים זיינען אַריינגעקומען, געשטאַנען מיט געבוי-גענע קעפּ, גערעדט אָפּגעהאַקטע רייד, און אים געבעטן:

— אָט ביל, ביזט דאָך אַן אונדזעריקער, אקשן זיך ניט, קום מיט אונדז.

ביל האָט פאַרביסן געשוויגן און געטראַכט.

פאַרנאַכט-צו האָט ביל געזען דורכן פענצטער ווי די פאַרבלי-בענע אקשאָנים שלעפּן זיך מיט די פּעקלעך.

דאָס זעלביקע פערדל, דאָס פאַרשלאָפענע, האָט געשלעפּט דאָס ווייב זיינס מיט די קלימעקעס צו די באַראַקן.

דער לעצטער פון געסל איז אַרוים ביל.

ווען ער האָט דערזען ווי ביידע קינדער זיצן מיט ערנסטע אַלטע פּענימער אויפן וואָגן, האָט ער די ליפּן ביז בלוט געביסן צו צאַמען די טרערן אין זיינע אויגן.

## די נאַכט ברענט

אין אַ שוואַרצער נאַכט שלאָפן אומרואיק די באַראַקן. קרעכצן מענטשן. שווערער שלאָף; אומרואיקער שלאָף.

די צוויי אַרבעטער, די נאַכטיקע וועכטער וואָס היטן די באַ-ראַקן, האָבן זיך צוגעשפּאַרט פּלייצע צו פּלייצע. אויסגעמאַטערטע פון קאַמף, האָט די קילע נאַכט געגאָסן מידקייט אין דיביינער.

דרימלען זיי. אָט פאַלן אַראָפּ די קעפּ. אָט גיבן זיי זיך אַ צאַפּל און קוקן זיך אַרום.

אין שוואַרצער נאַכט פאַרבאָרגן גאַנוועגען זיך די מיין-געוועסטער פאַרעטערישע הענט גיסן פון בלעכן געזאָלין אויף די ווענט פון די באַראַקן.

ס׳האָט אַ פייער-צונג מיטאַמאָל זיך אַ הייב געטאָן, אַ לעק גע-טאָן די גראָז, די יונגע ביימלעך און באַלד איז דער גאַנצער אַרום פאַר-

כאַפּט געוואָרן. עס האָט אַ רויטע וואַנט אַרומגעצוימט ווי מיט אַ פּלויט די באַראַקן.

נאַקעטע געשטאַלטן האָבן גענומען לויפן אין דער ברענענדיקער נאַכט.

פאַרהאַרטעוועטע מענער שטימען האָבן געברומט, פרויען און קינדער האָבן געוויינט.

ס׳האָט די מאַכנע סטרייקער זיך צעלאָזט פון די באַראַקן.

זיינען פלאַמיקע ווערטער געפאַלן:

— אַ פלוך אף זייערע קעפּ!

— די מערדער!

— אָבער ס׳וועט נאָך קומען די צייט!

# באַ פאָרדן אין פאַבריק

## פון מוישע נאַדיר

## מיר קומען אַריין אין פאַבריק

עס איז פייכט און הייס. עס שמעקט מעטאַל-פאַרב. שאַרף-זיסער קופּער-טאַם פאַרשיקערט דיך, קיצלט דיר די נאָזלעכער, רייצט דעם האַלדז צום שפייען. אַף אַ ברעט אין דער הויך איבער די אַרבעטער שטייט אַ פאַרבער, שפּריצט פאַרב פון אַ רער אַרויס, מיט עלעק-טרישער קראַפט.

מען לאָזט דיך נישט שטיין לאַנג. צוניפרעדן מיט די אַרבעטער טאָרסטו נישט — דאָס הייסט: דו מעגסט, דו ביזט דאָך אַ גאַסט און צו אַ גאַסט איז מען פריינטלעך! נאָר די אַרבעטער זאָגט מען אָן, זיי זאָלן נישט דערוועגן פאַרפירן אַ שמועס מיט אַ פרעמדן מענטשן. פרעגסט איינעם עפּעס, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „פרעג נישט, ברודער".

„קענען מיר עפּשער גיין צו יענע שמעלץ-אויוונס?" פרעג איך באַ אונדזער פירער.

„ניין, מאַי דיר סער"; דאָרטן איז צו געפערלעך, דאָרטן איז בלויז פאַר אַרבעטער!

צוויי אַרבעטער זיינען פאַרברענט געוואָרן אַף טויט, דעם אַנדערן טאָג אין נאָוועמבער. עס האָט זיך געהאַט אויסגעגאָסן בענזאָל אין דער שאַכט, וואו דער „ליפט" גייט, האָט מען זיי געשיקט אויסווישן. אַזוי גיך ווי זיי זיינען אַריין אינווייניק, האָט זיך דאָס אָנגעצונדן — איינער איז פאַרברענט געוואָרן אַף טויט... דער אַנ-דערער האָט זיך נאָך געמוטשעט אַביסל — „יעס, מאַי דיר סער".

## אין פאָרדס גלאָז-פאַבריק

מיר גייען אַריין אין די גלאָז-פאַבריקן.

דאָרט איז די היץ אַזוי גרויס, אַז מע קען דעם אָטעם נישט כאַפּן.

פון אַ באַלקאָנדל קוקן מיר אַראָפּ און מיר זעען בלויז געציילטע עטלעכע אַרבעטער. זיי שטייען און מישן די „רויטע קאַשע“. אָטעמען פייער און רויך.

איך שטריינג מיך אָן עטלעכע מאָל אַרויפצוגיין אַפן אויבערשטן שטאָק, וואו די גלאָז-אויוונס זיינען. — איך קען נישט. — איך מוז צוערשט אַרויסגיין אָנגרייטן פרישע לופט אין די לונגען. דערנאָך לויף איך אַריין קריק אין די גלאָז-ווערק, לויף אַריין אויבן און איך זע: אַן עלטערער מאַן האַלט אַ פייערשטעקן אין האַנט, שטופּט-אונטער די גלאָז-קאַשע אין אויוון אַריין...

פון אַן אַנדער אויוון, וואַלגערט זיך אַ בלאַט גלאָז אַרויס. דאָס פריש געבוירענע גלאָז איז ברוינלעך טונקל. עס גליטשט זיך איבער רעדלעך, אַף לאַנגע טישן ווערט עס געשוועוקט, געריבן און געשליפן, און אַלץ אין אַ היץ פון אַ פייער, וואו דער שטאַרקסטער אויוון קען בלויז אויסהאַלטן העכסטנס 8 כאַדאָשים און וואָס סע געדויערט 3 כאַדאָשים נאָכאַנאַנד אים צו דערהייצן און מאַכן שמעלץ-פייאַיק!

איך האָב בלויז פינף מאָל איינגעאָטעמט די לופט פון דער שמעלצעריי, מער האָב איך נישט געקענט. איך בין אַרויסגעלאָפן.

# טאָני דער מוליער

### פון אַ ר ן ק ו ר ץ

טאָני דער מוליער
גייט איבער ניו יאָרק און רעדט צו זיך.
גיי איך אים נאָך, און זאָג: טאָני, עס רעגנט,
און דיך איז נאַס אין די שיך.“
און ער ענטפערט: „ווער בעט דיך דערציילן?
די קרייסלער, די עמפּייער, זעסט, —
כ'האָב דאָרט פאַרמויערט מיינע הענט,
און זיי האַלטן אויף דעם הימל־מויער
פון סאָמע פונדאַמענט,
נאָר מיין הונגער — ניטאָ ווער ס'זאָל היילן.“
— אָבער אומגיין אַזוי און דעם מאַרך זיך צעדרייען,

וועט דיין הונגער ניט שטילן. —
די רייכע באַנדיטן וועסטו דערפרייען.

— דו רעדסט ווי אַ רויטער, — ווי סיריאָ רעדט,
און איך האָב קיין שיך ניט,
פאַרן קינד, פאַרן ווייב און פאַר זיך ניט קיין בעט.

— סיריאָ, סאַקאָ,
דו, און קאַרעלאָ דער גר׳יך,
האָבן פאַרדינט דאָ
אַף מער ווי אַף ברויט, אַף אַ בעט און אַף שיך.
נאָר דאָס איז געבליבן באַ רויבער אין הענט,
ווי דיינע יאָרן, דיין אַרבעט. —
פאַרמויערט אין האַרטן צעמענט.

— מיין ברודער סיריאָ
איז אין לאַנד שוין דאָ ניטאָ.

מיט דיר און דיינע רויטע האָט ער זיך געפירט,
האָט די פּאָליציי אים דעפּאָרטירט.

נאָר וואָס טויג מיר דאָ?
ניטאָ דאָ גאָרנישט מער.
כ׳וואָלט אַליין געלאָפן איצט קיין טריפּאָלי,
ווען אַריבערכאַפּן זיך זאָל זיין ניט שווער.

— דאָס רעדסטו, טאָני, ברודער, נאָר אַזוי,
ווייל טראַכטן טראַכסטו ניט,
אַז עפּעס דאָ איז דיינס.
אָבער סיריאָ, דיין ברודער,
ער מיט אַלע זייניקע,
האָבן אַמעריקע מיט אַלע אירע מיינס
פון קוילן, שטאָל און אויל
וואָס זיינען נאָך דערוויייל אין הענט פון דיינע פייניקער.
— אַמעריקע האָבן זיי! — יאָ, יאָ, —
אַמעריקאַנער טורמעס, עליס איילענד, קייטן.

— עמעס, ווייל באַנדיטן האָבן איצט די מאַכט,
דיין עמפּייער און קרייסלער,
דיין בלוט און ברויט און קליידן,
וואָס ס'האָבן דיינע הענט געבויט.
אָבער אונדזערס איז אַמעריקע,
מיר די „פרעמדע” האָבן איר דערהויבן.
און אַז דו וועסט זיין מיט אונדז, ווי סיריאַ,
וועלן מיר די רויבער מאַכט צעשטויבן.

קום, ברודער טאָני,
לאָמיר גיין איניינעם
און מיר'ן אויסלייזן אונדזערע ברידער,
אונדזער אַרבעט,
אונדזער לאַנד אַמעריקע — אַלע לענדער —
און אונדזערע יאָרן.

# אַ בעזים און אַ קער

פון מאָריס ווינטשעווסקי

גענוג, איך וויל ניט פיטערן
קיין לײדיקגייערס מער;
גענוג פאַר האַרן ציטערן,
אַ בעזים מיר אַהער!
איך דאַרף ניט מער קיין מיטלמאַן,
אַ בעזים און אַ קער!
קיין מיטלמאַן, קיין טיטלמאַן, קיין קיטלמאַן,
ניט מער!

גענוג מיר לאָזן האָדעווען
געווירים דורך מיין מי;
גענוג פון מיר איך ראַבעווען
און טרייבן מיך, ווי פי!
מיך שרעקט קיין שוואַרצער קיטל ניט,

קיין שוואַרצער יאָר ניט מער;
מיר שרעקט קיין קרוין, קיין טיטל ניט, —
מיין בעזים מיר אַהער!

# זאָל לעבן די קאָמונע

פון א. פ.

זשאַן, זיין טאַטע, און זיין כאַוועך זיצן אין קיך פון אַ שיף וואָס פאָרט פון סאָוועטן־רוסלאַנד. ס׳איז ביינאַכט, דער יאַם רוישט. די כוואַליעס קלאַפּן אָן דער שיף, דער ווינט וואָיעט ווי ער וואָלט גע־וויינט.

זשאַנס טאַטע, דער אַלטער קוכער פון דער שיף, נעמט אַרויס אַן אַלט העפטל פּאַפּיר, לייגט עס אַוועק אויפן טיש, גלעט עס אוים מיט זיינע פינגער און פאַנגט אָן:

— מיין פאָטער, דיין זיידע, אַלעקסאַנדער רעבו, איז געבאָרן גע־וואָרן אין פּאַריז, אין יאָר 1841, אין דער פאַמיליע פון אַ מאָלער.

ווען מיין פאָטער איז אַלט געווען זיבן יאָר, האָט אויסגעבראָכן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1848. די אַרבעטער האָבן זיך גענומען גרייטן צום קאַמף. איבער גאַנץ פּאַריז האָבן זיך געטראָגן גע־שרייען:

— הורא, די סאָלדאַטן.

— הורא, די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע.

— נידער מיטן קעניג, זאָל לעבן די רעפּובליק.

ס׳האָט געהילכט די מאַרסעליעזע. דער קעניג — לואי פיליפּ, איז אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. דאָס פאָלק האָט געגרינדעט אַ רעפּוב־ליק. מע האָט זיך גענומען פרייען מיט דעם זיג. אָבער די פרייד איז נאָך דאָן געווען צו פרי. די רויבערישע בורזשואַזיע האָט דערשפּירט, אַז זי קאָן קריגן די מאַכט, און זי האָט אַריינגעזעצט אירע מענטשן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (פּאַרלאַמענט).

דיין זיידע, אַלעקסאַנדער, האָט געקראָגן אַרבעט בא אַ זייגער־מאַכער. דער זייגער־מאַכער איז געווען אַ שלעכטער, אַ קעגנער פון די אַרבעטער, פלעגט ער קעסיידער בורטשען און זיך פרייען מיט די מאַפּאָלעס פון די אַרבעטער.

ער פלעגט אַלעקסאַנדערן שלעכט באַהאַנדלען, איז ער פון אים אַנטלאָפן און אַוועק אַרבעטן אויף אַ מאַשינען פאַבריק.

דיין זיידע איז דאָרט געוואָרן אַ שלאָסער. ער איז שוין דאַן אַלט געווען 20 יאָר, און כאַסענע געהאַט מיט דיין באָבען.

אויפן פראַנצויזישן טראָן איז דאַמאָלט געזעסן נאַפּאָלעאָן דער דריטער. די אַרבעטער זיינען געווען אַנטוישט אין דער „רעפּובליק“,

און זיי פלעגן אָפט ריידן וועגן רעוואָלוציע און וועגן גרינדן אַ קאָמונע.

עס ברעכט דאָן אויס אַ מילכאָמע מיט דייטשלאַנד. די דייטשן צעקלאַפּן די פראַנצויזישע אַרמייען. נאַפּאָלעאָן פאַלט אַריין אין גע-פאַנגענשאַפט בא סעדאַן, דאָס פאָלק נעמט אַליין איבער די מאַכט. זיי גרינדן אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג מיט טיערן אין דער שפּיץ.

טיער מאַכט ניט קיין וואַלן. דאָס פאָלק איז אויפגערעגט. טיער אַנטלויפט קיין ווערסאַל. אין פאַריז פּראָקלאַמירט דאָס פאָלק די קאָמונע. טיער גיט זיך ניט אונטער, און עס ברעכט אויס אַ בירגער-קריג.

איך געדענק ווי היינט דעם טאָג, איידער פאַריז איז באַלאַגערט געוואָרן. אַ כמורנער טאָג. איך מיט מיין מאַמען זיינען געזעסן אַף אַ פור. דער פאָטער איז געשטאַנען נעבן אונדז מיט אַ בלויזן קאָפּ און זיך געזעגנט. דער רעגן האָט גענעצט זיינע האָר.

די מאַמע האָט געוויינט. איך האָב זיך געצויגן מיט די הענט צום פאָטער.

— ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— מיר וועלן דאָ שנעל פאַרטיק ווערן מיט די דייטשן און מיט די אייגענע סאָנים.

די פור איז אַוועק און מער האָבן מיר שוין דעם פאָטער ניט געזען. עס איז אָבער פאַרבליבן דאָס העפטל, וואָס איך וועל אייך דאָ באַלד לייענען. מיין פאָטער האָט אין דעם פאַרשריבן די העראָאישע עפּיזאָדן פון די קאַמף פון די קאָמונאַרן מיט דער בורזשואַזיע, זייער העלדישע פאַרטיידיקונג פון דער קאָמונע און וועגן דעם טויט פון די בעסטע פאַריזער פּראָלעטאַריער.

די שיף האָט זיך געטרייסלט. דער לאָמפּ האָט זיך געוויגט און געוואָרפן שאָטנס אַף די ווענט. זשאַן און זיין כאַווער האָבן אָפּגע-זיפצט און זשאַנס פאָטער האָט גענומען וויטער לייענען:

## אַלעקסאַנדער רעבוס נאָטיצן

פון פרימאָרגן אָן פלאַצן היינט באָמבעס איבער גאַנץ פאַריז. דער הימל איז איינגעהילט אין רויך. די זון איז פאַרשטעלט.

— צום געווער, קאָמונאַרן!

איבער די בולוואַרן גייען מאַכנעס אַרבעטער און אַרבעטער-פרויען. אַלע זיינען באַוואָפנט, ווער מיט ביקסן, ווער מיט לאָפּעטעס צו בויען באַריקאַדן. די פענימער פון די אַרבעטער ניט אויסגע-שלאָפן. הורך די צעריסענע בלוזעס קוקט אַרויס דאָס הויל‍ע לייב, פאַרויס אַ רויטע פאָן, צעלעכערט פון קוילן. די אַרבעטער זינגען:

אַלע פעלקער זיינען ברידער
די טיראַנען — אונדזערע פיינט.

מען פירט פאַרבייַ פאַרוואונדעטע. זייערע פאַרבונדענע קעפּ בלוטן און די ווייסע באַנדאַזשן ווערן רויט. זיי קרעכצן און שרייען:

— צום געווער! אויף די באַריקאַדן!

— מיר וועלן פאַרטיידיקן יעדן טראָט ערד.

איינער פון זיי שטייט אויף די קני, ער האַלט אָפן זיין פאַרבלו-טיקט מויל און שרייט: „זאָל מען מיר ארויסנעמען די קויל פון שאַרבן, איך וועל גיין צוריק צו די באַריקאַדן. צו וואָס פירט מען מיך אין שפּיטאָל?“. ער שרייט און פאַלט.

אפן ווייסן פּלאַץ בויען אַרבעטער אַ באַריקאַדע. אויף אַן האַרמאַט איז אַרויף אַ פרוי מיט בלאָנדע, קימאַט רויטע האָר. דאָס איז אַ רוסישע פרוי, וועלכע האָט זיך געשטעלט אין אונדזערע רייען. זי שטייט און רופט:

— פּאַריזער פרויען! פרויען פון אַרבעטער, טעכטער פון אַרבעטער! מיר קעמפן פאַר דער צוקונפט. מאַמעס, שיקט אייערע זין, שוועסטער — אייערע ברידער. פרויען — אייערע מענער!

— קאָמונאַרן, צום געווער!

די ווערסאַלער האָבן זיך אַריינגעריסן אין עטלעכע אַרבעטער קוואַרטאַלן. כאָטש אַסי מיט צוויי הונדערט קאָמונאַרן זיינען פאַר-נומען געוואָרן אין געפאַנגשאַפט.

— מיר וועלן זיגן אָדער שטאַרבן. זאָל לעבן די קאָמונע.

---

פיר אַזייגער באַטאָג. אַ גאַנצע נאַכט האָבן געקלאַפּט האַרמאַטן. די שטאָט ברענט. איך זיץ הינטער די באַריקאַדן אויף אַן אָפּגעבראָ-כענער שטיק ראָד. מיין האַנט פאַלגט מיך קוים. כ'האָב אָפּגעשלאָגן צוועלף אַטאַקעס.

פיר אַזייגער אינדערפרי. דער סוינע איז אַנטשווּיגן געוואָרן. די גאַס איז פאַרגאָסן מיט בלוט. פאַרוואונדעטע קרעכצן. דער הימל איז רויט. די זון איז אויפגעגאַנגען. אַ צעבלוטיקטער כאַוער, וואָס איז אַנטלאָפן פון געפאַנגשאַפט, קומט אָן. ער דערציילט, אַז מען צעשיסט די געפאַנגענע.

קיין איין קאָמונאַר זאָגן זיי, וועט ניט בלייבן. קיין שאָלעם ווילן זיי ניט.

דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר פון מידקייט. עס גיסט זיך מיר בליי אין די אָדערן.

— צום געווער, פאַראורטיילטע! עס לאַכט דער, וואָס לאַכט דער לעצטער.

---

די קאָמונאַרן קעמפן. געביידעס שטייען אין פלאַמען.

— זאָל לעבן די קאָמונע!

אַ פרוי לויפט, זי וואַרפט מיך שיר אום. זי האַלט אַ טויטן קערפּער פון אַ קינד און וויינט — „מיט איין קאָמונאַר ווייניקער — זעט, דערהאַרגעט איז לילי. נאָך מיט איין קאָמאַנדיר ווייניקער.“

כאַוועך דאַמבראָוסקי איז געפאַלן. די קאָמונאַרן זיינען אים מעקאַבער.

מאַנטמארטאר איז גענומען...

איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דער גאַס וואו איך בין איצט מיט מיין כאַוועך. די גאַס איז פוסט, די לאָדנס פאַרמאַכט.

— מיר לעבן?

— מיר לעבן?

— יאָ, מיר לעבן נאָך, אָבער די קאָמונע איז ניטאָ, די קאָמונע איז טויט.

איך נעם אַרויס דעם רעוואָלווער פון קעשענע.

— עפשער שוין צייט, כאַוועך?

ער קוקט אָף מיר, נעמט אָן מיט זיין הייסער האַנט מיין האַנט מיטן רעוואָלווער.

— וואַרט. אונדזערע לעבנס וועלן נאָך עפשער צונוץ קומען. די קאָמונע איז צעשלאָגן אין פּאַריז. זי וועט נאָך אָבער אויפלעבן אין אַנדערע ערטער, דאָרט וואו די אַרבעטער זוכן פרייהייט.

ער איז גערעכט. די קאָמונע איז צעשלאָגן, די שלאַכט גייט נאָך אָן...

---

עס ווערט טאָג. סאָלדאַטן שלעפּן פרויען, מענער, קינדער, אַלטע לייט. דער האַמוין ווילדעוועט. זיי שרייען:

— דער האָט זיך געשלאָגן אָף די באַריקאַדן.

— שיסט אָט די, זי פלעגט פאַרבינדן די פאַרוואונדעטע.

מען כאַפּט און מען בינדט צונויף, צו 5, 10, צו 15 מענטשן. די שטאָט ווערגט זיך מיט בלוט.

איך בין פאַרמאַטערט.

דער זיגער טיער האָט געזאָגט:

— די סאָלדאַטן האָבן געטאָן אַ גרויסע טויווע דעם פאָטערלאַנד.

די סאָלדאַטן, די סאָלדאַטן! אַליין קינדער פון פאָלק.

---

איך קום אָן צום אַלטן זייגערמאַכער, באַ וועמען איך האָב אין דער יוגנט געאַרבעט. ער נעמט מיך אַריין.

איך ווייס, ער פרייט זיך מיט טיערס זיג. אָבער ער האָט זיך אַפּאַניעם דערמאָנט אין די אַמאָליקע יאָרן און זיין געוויסן האָט זיך באַ אים אַ ריר געטאָן.

דער זייגערמאַכער איז געוואָרן אַלט און שוואַך. ער קומט צו צו מיר אָנגעשפּאַרט אָף זיין הילצערנעם שטעקל, ער וואָרטשעט:

— דערטאַנצט זיך, ליבינקער, — שאָקלט ער מיטן קאָפּ, — נו, קריך זשע איצטער אונטערן מאַטראַץ ווי אַ האָז. אָבער איך קריך ניט. איך פריי זיך מיט דער איצטיקער אָרדענונג. — רייצט זיך דער זייגערמאַכער.

ווײַן ער גײט ענדלעך אַוועק, וואַרף איך זיך אַנידער אַפן מאַטראַץ און שלאָף גלײַך אײַן.

איך כאַפּ זיך אויף פאַרנאַכט. איך הער פון פאָדער-צימער מענער-שטימען. זײ ווערן אַלעמאָל פאַרשטיקט. איך הער דעם זײגערמאַכערס קאָל:

— ער איז דאָ. אַ קאָמונאַר. אינגלוויז האָט ער באַ מיר געלערנט. איך האָב שוין דאַמאָלט געוואוסט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ רויבער. הײַנט אינדערפרי איז ער געקומען צו מיר. מײַלע, טראַכט איך מיר, וועל אים באַהאַלטן. וועט קומען דער קאַפּיטאַן, וועל איך אים אַרויסגעבן. אַ לעבעדיקן אַרויסגעבן.

דאָס העפט באַהאַלט איך אונטערן מאַטראַץ. איצט דאַרף מען זיך פאַרקעמען די האָר. פאַרן טויט וועל איך בלויז אַ מינוט פאַר-מאַכן די אויגן און זיך פאָרשטעלן די פּנימער פון מײַנע נאָענטע און ליבע. דעם טויט וועל איך באַגעגענען מיט אָפענע אויגן.

קאָמונאַרן קאָנען לעבן, קאָמונאַרן קאָנען זיך שלאָגן, קאָמונאַרן קאָנען שטאַרבן.

— זאָל לעבן די קאָמונע!...

---

דאָ האָבן זיך די נאָטיצן איבערגעריסן. דער אַלטער קוכער, זשאַנס טאַטע, האָט פאַרמאַכט דאָס העפט.

זשאַן האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן. ער איז אַרויס אין דרויסן. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן פעסט אָן פאַרענטש פון שיף, און, פּונקט ווי אַף דער וואָר, האָט ער איצט געזען אין צעשטורעמטן יאַם די ווײַטע שטאָט פּאַריז, דעם רויך, דאָס פײַער. געהערט דאָס קנאַקן פון די ביקסן און האַרמאַטן.

ער האָט געזען די באַריקאַדן, די סקווערן און גערטנער פאַר-גאָסן מיט בלוט פון קאָמונאַרן העלדן.

פון רויש פונם יאַם האָט ער געהערט דאָס געשרײַ:

— זאָל לעבן די קאָמונע!!!

# פראַגן

1. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָף לײבאָר און דער טרייד יוניאָן יוניטי ליג?

2. פאַר וואָס דאַרף מען אָרגאַניזירן די פּרויען?

3. איז גרינג צו אָרגאַניזירן די קינדער, ווען די מאַמעס זײַנען קעגן דער אַרבעטער באַוועגונג?

4. וואָס דאַרפסטו טאָן אַריבערצוגעווינען דײַן מאַמען אַף דײַן זײַט?

5. פאַר וואָס איז די פּאַריזער קאָמונע דורכגעפאַלן?

6. וואָס האָט געלערנט די רוסישע רעוואָלוציע פון דער פּאַריזער קאָמונע?

# ווער זיינען דאָס די יונגע פּיאָנערן?

פּ י אָ נ ע ר ן — דאָס זיינען מענטשן, וואָס טרעטן אויס נייע וועגן, וואָס קעמפן דרייסט, שרעקן זיך ניט פאַר ליידן און יעסורים, אַבי דערשלאָגן זיך צו זייער ציל. אַזוי פלעגט מען אָנרופן אַמאָל מענטשן, וואָס האָבן דורכגעשלאָגן אין וויסטע מידבאָריעס, אין ווילדע לענדער אַ וועג, וואו מענטשן זאָלן זיך קאָנען באַזעצן, וואָס פלעגן גרינדן נייע שטעט און דערפער.

אונדזער נאָמען איז אָבער ניט פּאַשעט „יונגע פּיאָנערן" — מיר זיינען יונגע פּיאָנערן, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון וו ו ל אַ ד י מ י ר אִ י ל אַ י ט ש ל ע נ י ן. פאַרוואָס? וואָרום מיר זיינען פּיאָנערן פון דעם וועג, אַף וועלכן עס האָט געפירט דעם אַרבעטער-קלאַס און אַלע אונטערדריקטע אונדזער ליבער פאַרשטאָרבענער פירער וולאַ-דימיר איליאיטש.

קעדיי מיר פּיאָנערן, זאָלן ווערט זיין צו טראָגן דעם גרויסן נאָמען, לעניִנס נאָמען, דאַרפן מיר זיך שטענדיק גרייטן צו דעם.

אַ פּ י אָ נ ע ר ד אַ ר ף ז י י ן אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט, פאַריי-ניקט מיט אַנדערע פּראָלעטאַרישע און פּויערשע קינדער. ער דאַרף אַריינציִען נייע קינדער אין דער פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע. אין פאַריי-ניקונג ליגט אונדזער קויעך. אַ פּיאָנער דאַרף געדענקען, אַז די אינטערעסן פון אַרבעטער קלאַס און פון אַרבעטער קינדער שטייען העכער פון זיינע אייגענע אינטערעסן.

אַ פּ י אָ נ ע ר ד אַ ר ף פ ל י י ס י ק ל ע ר נ ע ן ז י ך. מען דאַרף אַסאַך וויסן, קעדיי מען זאָל קענען זיין אַ קעמפער פאַר לעניִנס זאַך. מען דאַרף וויסן ווי אַזוי עס האָבן געקעמפט און קעמפן איצט די רעוואָלוציאָנערן, ווי אַזוי עס לעבן די אַרבעטער, ווי אַזוי מען אונטערדריקט זיי.

מען דאַרף וויסן ווי די וועלט איז געבויט, וואָס קומט אין איר פאָר און פאַרוואָס, ווי מע אַרבעט אין פאַבריק און אַפן פעלד.

אַ פּ י אָ נ ע ר ד אַ ר ף ה י ט ן א ו ן פ אַ ר ש ט אַ ר ק ן ז י י ן ג ע ז ו נ ט. געזונט זיין איז נויטיק צוליבן קאַמף און צוליב אַרבעט. דעריבער פאַרנעמען זיך פּיאָנערן מיט גימנאַסטיק, גיימס, ספּאָרטס, באָדן זיך, האַלטן זיך ריין, עסן געזונטע שפּייזן, גיין ניט שפּעט שלאָפן.

אַ פּיאָנער מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן קינדער פון פאַר-שיידענע פעלקער — דייטשישע, נעגערשע, ענגלישע, טאַטערשע — אַלע זיינען זיי זיינע ליבלעכע ברידער.

פּיאָנערן זיינען אַ ב י י ש פּ י ל פ אַ ר אַ ל ע א י ב ע-ר י ק ע ק י נ ד ע ר. טראָגן לעניִנס נאָמען אַף זיך, דאַרפן מיר ווערט זיין דעם נאָמען. זאָלן די איבעריקע קינדער זען, אַז די פּיאָ-

נערן זיינען די ע ר ש ט ע אין לערנען, אין אַרבעט, אַז אַ פּיאָנער קען דערציילן וועגן אַ רעוואָלוציאָנערן יאָנטעוו, ווייסט, וואָס קומט פאָר אַף דער וועלט, העלפט זיין כאַווער, אַז אַ פּיאָנער זידלט זיך ניט מיט קיין גראָבע ווערטער, אַז אין יעדער נוצלעכער זאַך גייען די פּיאָנערן פאָרויס.

## שטענדיק גרייט

„צום קאַמף פאַר דער אַרבעטער-זאַך — זיי גרייט!“
דער ענטפער איז: „שטענדיק גרייט!“

דער רוף דערמאָנט דעם פּיאָנער, אַז ער דאַרף זיך שטענדיק גרייטן, לערנען זיך, ניט פאַטערן אומזיסט קיין צייט, שטענדיק האָבן אין זינען צו וואָס די פּיאָנערן שטרעבן און וואָס זיי דאַרפן טאָן, קעדיי צו דערגרייכן זייער ציל.

## סאַלוט

פּיאָנערן סאַלוטירן, באַגריסן איינער דעם צווייטן אַף פאָלגנ-דיקן אויפן:

די רעכטע האַנט, מיט פעסט צונויפגעדריקטע פינגער, ווערט אויפגעהויבן העכער פון דעם קאָפּ.

פ י נ ף פ י נ ג ע ר באַדייטן די פינף וועלט-טיילן, וואו די אונטערדריקטע קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג; ה ע כ ע ר ד ע ם ק אָ פּ — וואָרום די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס זיינען פאַר די פּיאָנערן העכער פאַר זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן.

# געווען אַזאַ נאַכט

## פון העניאָך האַלפּערין

(גראַדואירטער סטודענט ניו יאָרקער מיטל שול, דעלעגאַט פון די אומפּאַר-אישע אידישע אַרבעטער קינדער שולן צום ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קינדער קאָנגרעס.)

פאָרגעקומען איז דאָס אין מאָסקווע.

באַנאַכט. דער שיינער, גרויסער פּאַרק פון קולטור און רו איז שוין געווען טונקל. דאָ און דאָרט האָט זיך שוין געהערט דאָס געזאַנג פון יונגע שטימען, און דאָס בלאָזן פון אַ טראָמפּייט, אָדער דאָס קלאַפּן פון פּויק. רייען נאָך רייען האָבן מאַרשירט צו אַן אָפענעם

פלאַץ. עס האָט זיך דאָ באַדאַרפט עפענען דער קאָנגרעס, דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון פּראָלעטאַרישע קינדער. אויבן אַף דער בינע זיינען געזעסן די פאַרשידענע אויסלענדישע דעלעגאַטן און פאָרשטייער פון דער רעגירונג. אַפן פעלד זיינען געווען אויסגעזעצט פּיאָנערן, קאָמסאָמאָלן און רויטגוואַרדייער.

מיט אַמאָל איז געוואָרן שטיל. בעלא קון — דער פירער פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון אונגאַרן אין דער צייט פון דער אונגאַרישער רעוואָלוציע, האָט אָנגעהויבן ריידן: „כאַווירים, היינט באַנאַכט עפנט זיך איינער פון די וויכטיקסטע קאָנגרעסן אין דער געשיכטע פון דעם אַרבעטער קלאַס. אין דעם נאָמען פון צענטראַלן קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל באַגריס איך אייך צו אייער קאָנגרעס. גייט אָן מיט אייער אַרבעט און פאַרגרעסערט אייערע רייען.“ די פּיאָנערן האָבן געענטפערט מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. נאָך אים האָבן גערעדט די פּיאָנערן פון כינע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַמעריקע.

מיט אַמאָל אַ געוואַלדיקער הוראַ אויסגעשריי. עס רעדט מאַקס האָלץ, דער פירער פון די אומלעגאַלע רויט-פראָנטלער אין דייטשלאַנד. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ אימפּעט און אַזאַ רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, אַז כאָטש ער האָט גערעדט דייטש און דער אוילעם האָט אים ניט פאַרשטאַנען, האָט ער אַלעמען מיטגעריסן און געהאַלטן געשפּאַנט. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי און שיסעריי.

אין דער לופטן האָבן זיך אויפגעהויבן ראַקעטן און פייערווערק. מיטאַמאָל האָבן די ראַקעטן געפּלאַצט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער רויטער שטערן.

אַלע האָבן זיך ווי איין מענטש אויפגעשטעלט. ווי מיט איין קאָל האָבן טויזנטער שטימען אַף צענדליקער פאַרשיידענע שפּראַכן געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. מיט דעם איז געווען פאַרענדיקט די אָפיציעלע דערעפענונג פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פּראָלעטאַרישע קינדער.

# די באָי־סקאַוטס פון טשערי סטריט

## פון כאַווער פאַווער

איז טשערי סטריט דאָס פאָטערלאַנד? יאָ, טשערי סטריט איז דאָס פאָטערלאַנד. אָרעמע גרויע הייזער, צווישן די טרעפּ לויפן מענטשן. אַף די ווענט קריכן אום קליינע ווערעמלעך, און אינווייניק אין די טונקעלע פלעטס — פינצטער, ביטערע נויט.

ס׳איז זונטיק — אַף די פּאַליסיידס. דער האָדסאָן איז ברייט און רייך מיט שיפן גרויסע און קליינע וואָס קומען אָן מיט פילע סכוירעס פון ווייטע לענדער און פאָרן צוריק אַוועק אין ווייטע לענדער.

די קינדער פון טשערי סטריט מאַרשירן אין די רייען פון די באָי סקאַוטס. מאַרשירט אויך מוני, דער בעסטער און קליגסטער באָי-סקאַוט פון זיי אַלע.

פילע גרופּן באָי-סקאַוטס פאַרזאַמלען זיך היינט אַפן ברעג פון

האָדסאָן אין די פּאַליסייִדס. זייער א וויכטיקער פּערזאָן, איינער פון די רייכסטע מענטשן אין אַמעריקע, וועט האַלטן פאַר זיי אַ קליינינקע רעדע.

קלאַפּן די פּייקלעך, טרובען די קלאַרנעטן, פלאַטערן פאָנען מיט רויטע שטערנדלעך און בלויע פּאַסן. זיי קומען און גייען די קינדער פון בראַנזוויל, פון בראָנקס, פון פאַרשיידענע גאַסן און געסלעך, און מען זינגט:

„מיין לאַנד דאַס שיינע, מיין לאַנד דאָס גרויסע, מיין לאַנד דאַס רייכע, אַ אַמעריקע!"

און דאָס מיינט מען טשערי סטריט אויך, ווען מען זינגט וועגן דעם לאַנד דעם שיינעם, וועגן דעם רייכן. אַ אַמעריקאַ!

טאַם, טאַם די ראַם טאַם, טאַם, טאַם די ראַם טאַם, צעקלאַפּן זיך אַלע פּייקלעך. ער קומט, ער גייט, דער רייכסטער און דער שטאַרק-סטער פון לאַנד אַמעריקע.

און דער רייכסטער און דער שטאַרקסטער איז גאָר אַן אַלטער מאַן מיט גרויע האָר אָנגעטאָן אין דער יוניפאָרם פון אַ באָי-סקאַוט מיט אַסאַך מעדאַלן אַף דער ברוסט.

הייבן אויף די הענט אַלע קינדער פון טשערי סטריט און גיבן אַף קאַוועד דעם רייכסטן און דעם שטאַרקסטן פון אַמעריקע, בויגן זיך אַלע פאָנען פאַר אים.

מענטשן זאָגן, אַז צענדליקער מוירן אין ניו יאָרק, די העכסטע און די ריזיקסטע געהערן צו אים. מענטשן זאָגן אויך, אַז אין די פעלדער פון קענטאַקי פאַרמאָגט ער גרויסע קוילן-מיינס. און נאָך און נאָך זאָגט מען וועגן אים.

שטייט ער איצט פאַר די קינדער פון טשערי סטריט און רעדט צו זיי וועגן דעם פאָטערלאַנד דעם רייכן, דעם שיינעם.

„אָ, מיין פאָטערלאַנד — הייבט ער אויף זיין שטימע הויך און ברייט, און זי טראָגט זיך אַוועק ווייט, ווייט איבערן ברייטן האָדסאָן טייך — אָ, איר קינדער פון אַמעריקע, וואָס זייט גרייט צו געבן אייערע יונגע לעבנס פאַר אונדזער באַליבטן פאָטערלאַנד. אָט שטייט פאַר אייערע אויגן די מעכטיקסטע שטאָט ניו יאָרק אַף דער וועלט. אונדזער ניו יאָרק, אונדזער גרויסע ניו יאָרק. מיט וויפל שטאָלץ פילט זיך אַן מיין האַרץ, ווען איך טראַכט פון דיר. אָ, ניו יאָרק..."

צי ער איז געוועזן שטאָלץ אויך מיט טשערי סטריט, דאָס האָט ער ניט געזאָגט אין זיין רעדע און די באָי סקאַוטס פון טשערי סטריט האָבן אַפילע אַף קיין איין מינוט ניט אַ טראַכט געטאָן, פאַרוואָס דער דאָזיקער איז אַזוי רייך. פון וואַנען האָט ער גענומען זיין רייכקייט, און פאַרוואָס זיינען זייערע עלטערן אַזוי אָרעם, און פאַרוואָס זיי האָבן גאַרניט אין דעם אַמעריקע, אָבער זיי טראַכטן ניט.

**הוררררראַ, הוררראַ, האָבן די קינדער פון טשערי סטריט געשריגן מיט גרויס באַגייסטערונג. דערנאָכדעם איז געווען אַ לאַנגער שיינער**

טאָג. מען האָט זיך געלערנט שיסן אין ציל. אַף אַ בערגל פון שטיינער איז געשטאַנען אַ מענטש געמאַכט פון קאַרטאָן. דער מענטש האָט אויסגעקוקט אַזוי היימיש, אַקוראַט ווי מען וואָלט אים געזען ערגעץ אין טשערי סטריט. ווייסן זיי אויך ניט, פאַרוואָס גראַדע דער מענטש פון קאַרטאָן קוקט פונקט אַזוי אויס, ווי אַ מענטש פון טשערי סטריט. די באָי-סקאַוטס האָבן זיך געשטעלט פונדערווייטנס מיט די ביקסן און געשאָסן. מען האָט געשאָסן און געטראָפן אין זיינע אויגן, אין זיינע פּיס, אין זיינע הענט, אָבער ניט אין האַרצן אריין, און אויסגערופן האָט מען, אז ווער עס וועט טרעפן אין האַרצן אריין, קריגט אַ מעדאַל.

איז געשטאַנען מוני אַזאַ פאַרגרינטער מיט דער ביקס אַף די קני. זיינע אויגן זיינען געווען אַזוינע שאַרפע און אַלע זיינע גע-דאַנקען האָבן זיך געצויגן בלויז צום האַרצן. קנאַק, טראַך, האָט די ביקס זיך אַ וויג געטאָן מיט רויך און פייער און די קויל איז טאַקע געפלויגן גלייך אין האַרצן אַריין.

— הוררראַ, הוררראַ האָבן אַלע געשריען.

דער פאַרנאַכט איז געקומען האָט מען זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט אַריין מידע און פריילעכע.

און די מאַמעס פון טשערי סטריט מיט פאַרוויינטיקטע פּענימער זיצן אַף די טרעפּ און קוקן אַרום אַף די קינדער.

זיינען די הייזער גרוי און שטויביק. גרויסע מייז לויפן אום צווישן די טרעפּ און האָבן אַפילו ניט מוירע פאַר מענטשן, און אינעווייניק אין דערהיים איז פינצטער, ביטער, נויט.

אַ מיין לאַנד דאָס שיינע, מיין לאַנד דאָס רייכע. אַ, אַמעריקע!...

# אין אַט די טעג

## פון ה. בלאָשטיין

באַגינען קומען די פּיאָנערן פון מיין קלאַס
און רינגלען אומרואיק אַרום מיך, און זיי פרעגן:
— נו, לערער, וואָס וועט זיין? — מע רעדט אין גאַס,
אַז ע ר וועט גיין — דער הייסער, רויטער רעגן!...

— איאָ, מיר זיינען גרייט? — און ווי צעקאָכט און שווער
דער שטורעם זאָל ניט זיין — ער וועט אונז ניט
פאַרפלייצן? —
און כ'זע אין אַט די טעג, ווי איטלעכער פּיאָנער

ווערט עלטער אין געזיכט, און ברייטלעכער — אין
פלייצע . . .

און אַז דאָס גלעקל קלינגט, זאָגט עמעץ מיט געפיל:
— דערציילט אונז אַף דער שאָ — פון בירגער־קריג אַ
מאַיסע!
און אַז די פויזע קומט — איז גייט אַ שפּיל,
אַ היסער שפּיל אין „רויטע" און אין „ווייסע" . . .

# שטעלט אָפּ די אַרבעט

## פון העלן קעי

— שטעלט אָפּ די אַרבעט! שטעלט אָפּ די אַרבעט!

די אויסרופן האָבן זיך געריסן איבער דעם קלאַפּעריי פון די מאַשינען.

די פערצן־יעריקע מערי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער אַרבעט און אַרונטערגענומען די פיס פון טרעטער פון ניי־מאַשין. די זעכצן־יעריקע דזשין האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שערל. דער אַכצן־יעריקער דזשאַני האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּרעס־אייזן און אויסגעשריען:

— די פּיקעט ליין איז געקומען! די פּיקעט ליין איז דאָ!

דאָס געשריי פון דרויסן איז געוואָרן העכער:

— שטעלט אָפּ די אַרבעט! קומט אַרונטער אין סטרייק!

— די פּיקעט־ליין פון דער העמדער־פאַבריק איז דאָ! האָט עמיצער אויסגעשריען.

דזשאַני איז אַרויפגעשפּרונגען אַף אַ פּרעס־טיש און אויסגע־שריען: — אַלע לייגן אַוועק די אַרבעט, קיינער אַרבעט ניט!

איבער דער פאַבריק האָבן זיך דערהערט הונדערטער שטימען:

— סטרייק! סטרייק! סטרייק!

אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— נעמט מיט שטעקנס — האָט דזשאַני נאָכגעשריען — די באָסעס וועלן אונדז פּרוּוון פאַרהאַלטן.

ער האָט געזוכט אונטערן טיש און ניט קענענדיק געפונען עפּעס בעסערס, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פון ווינקל דעם שטעקן פון בעזים.

דזשאַני און מערי זיינען די ערשטע געווען באַ דער טיר.

זיי האָבן זי געוואָלט עפענען, אָבער די טיר איז געווען פאַר־שלאָסן. די פאַרלייט און דער באָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג.

— לאָזט אונדז אַרויס, — האָט מערי געפאָדערט.

— קאַן-אַן, גייט צוריק צו דער אַרבעט, ווער ס'גייט אַרויס דער פאַרלירט דעם דזשאָב.

אַ ווײַלע זײַנען אַלע געווען שטיל. די אינגלעך און מיידלעך האָבן אויסגעזען צעשראָקן. אייניקע האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אומקערן צו דער אַרבעט.

נאָר דזשאַני איז געווען אין דער פאָדערשטער ריי:

— לאָזט אונדז אַרויס, מיר סטרייקן. מיר וועלן מער ניט אַר-בעטן אומזיסט.

דזשאַני האָט דרייסט געקוקט דעם באָס אין די אויגן אַרײַן. זײַנע

הענט זיינע געווען ווייס, ווייל ער האָט אין זיי שטייף געהאַלטן דאָס הענטל פון בעזים.

דער באָס האָט אָנגעשטעלט די אויגן אָף דזשאַני׳ן, דערנאָך אָף מעריי׳ן און דזשעין, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דזשאַני׳ן. ער האָט געקוקט אָף אַלע אינגלעך און מיידלעך פון זיין פאַבריק, וועלכע זיינען געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין. קיינער האָט אָבער די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזט.

דזשאַני האָט דאָס באַמערקט און צוגעקראָגן קוראַזש.

דזשאָו, איינער פון די פּאַרלייט, האָט זיך גענומען שטופּן:

— קאָם-אָן, בייבים, גייט גלייך צוריק צו דער אַרבעט!

איצט איז דזשאַנין דער שטעקן צונויף געקומען. ער האָט אים אויפגעהויבן:

— הער אויף שטופּן, אָדער דו וועסט כאַפּן איבערן קאָפּ.

— לאָזט אונדז אַרויס! לאָזט אונדז אַרויס! — האָבן די אינגלעך און מיידלעך געשריען.

דער באָס און די פּאַרלייט האָבן געזען, אַז זיי האָבן צופיל קעגן זיך — האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן און געעפנט די טירן.

די קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון פאַבריק אינדרויסן. זיי האָבן אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט און געקוקט אָף דער זון.

זיי האָבן זיך געטראָפן מיט קינדער פון די אַנדערע פאַבריקן. די פּיקעט-ליין האָט זיך פאָרמירט.

— נאָ, אָט האָסטו אַ שילד פאַר דיר.

— נאָ, טראָג אָט די שילד — האָט אַ אינגל געזאָגט צו דזשאַנין. דזשאַני האָט אַ שטאָלצער גענומען די שילד, ווייל ס׳איז אָף איר געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע, רויטע בוכשטאַבן די ווער-טער: „סטרייקט קעגן די סוועטשעפּער“.

— ריכטיק — האָט דזשאַני געזאָגט — אָט קעגן דעם טאָקע קעמפן מיר, קעגן סוועט-שעפּער! דאָס איז דער ריכטיקער נאָמען. און דער נאָמען איז אים אַזוי געפעלן, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן: „באַקעמפט דעם סוועט-שאָפּ, קעמפט קעגן סוועט-שאָפּ.“

— שטעלט זיך אין ריי!

דזשאַני האָט לאַנג ניט געוואַרט. ער איז געגאַנגען פאָרויס. די פּיקעט-ליין האָט מאַרשירט אַרום דער פאַבריק.

— מיר וועלן מער ניט אַרבעטן אומזיסט! — האָבן אַלע געשריען.

די אַרבעטער פון דער ביסקוויט פאַבריק, פון דער אַנדערער זייט גאַס, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַרש?

— מיר סטרייקן קעגן סוועט שאָפּ — האָט דזשאַני מיט שטאָלץ געענטפערט.

— קומט-זשע אַהער און כאַפּט.

און פון פענצטער פון ביסקוויט פאַבריק, האָבן די אַרבעטער גענומען וואַרפן קעסטלעך ביסקוויטן.

די אינגלעך און מיידלעך האָבן זיי צעכאַפּט. אַלע זיינען געווען צופרידן און אויפגערעגט, אַך, ווען מען דאַרף שוין מער ניט גיין אין שאַפּ.

אַלע האָבן אַוועקגעמאַרשירט צו דער יוניאָן. אין דעם גרויסן זאַל האָבן זיי דערציילט די פאַרזאַמלטע וועגן די שווידערלעכע באַדינגונגען אין זייער שאַפּ.

די ערשטע האָט גערעדט דזשעין. פון אָנפאַנג נערוועז און שפּעטער אַלץ דרייסטער, האָט זי דערציילט וועגן זיך.

— איך מוז אַרבעטן ווייל איך בין די איינציקע אין דער פאַמיליע וואָס קען קריגן אַ דזשאַב. מיינע עלטערע ברידער און שוועסטער קענען קיין אַרבעט ניט קריגן. מיין פאָטער איז אַ סטאָליער און אַרבעט שוין ניט דריי יאָר. האָב איך געמוזט קריגן דעם דזשאַב. איך שנייד אַרום די פעדעם פון די העמדער און קריג אַ סענט און אַ האַלב אַ טוץ. פאַר אַ גאַנצער וואָך אַרבעט קריג איך אַמאָל צוויי און אַמאָל צוויי און אַ האַלב דאָלאַר.

אין זאַל איז געווען שטיל. אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד פון די אַרבעטער.

— מיט דריי יאָר צוריק, ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן — האָט דזשעין פאַרגעזעצט — בין איך אַלט געווען 13 יאָר און איך האָב געוואויגן 98 פונט. איצט בין איך אַלט 16 יאָר און איך וועג 94 פונט.

— איך אויך — האָט אויסגעשריען אַ דאַרע מיידל מיט אַ לאַנג פּנים — איך אויך. דער דאָקטער האָט מיר פאַרבאָטן צו אַרבעטן, אָבער איך קען אים ניט פאָלגן. מיר מוזן עסן.

דזשעין האָט געענדיקט און איז אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע.

דזשאָני האָט גענומען דאָס וואָרט. ווען ער איז אַרויף אָף דער פּלאַטפאָרמע, האָט איינער פון די אינגלעך פון זיין פאַבריק אויסגעשריען:

— טרי טשירס פאַר דזשאָני!

און אַלע פינף הונדערט שטימען האָבן אויסגעשריען:

— ריי, ריי פאַר דזשאָני, ריי!

— אַ דאַנק פאַרן טשירן. אָבער אַלץ וואָס איך האָב צוזאָגן איז, אַז איך בין אַ פּרעסער. איך אַרבעט זייער שווער און איך דאַרף נאָך צושניידן דעם קאָרדאָן אַריינצופּאַסן אין די העמדער און איך דאַרף פּרעסן און סטאַרטשן, דערנאָך צוזאַמענלייגן, און פאַר דער גאַנצער אַרבעט קריג איך 11 סענט אַ טוץ. מיין גרעסטער „פּיי" איז געווען 5 דאָלאַר. איך פאַרדין פון 2 ביז 3 דאָלאַר אַ וואָך.

**— דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב צוזאָגן. אָבער איצט סטרייקן מיר**

און מיר דאַרפֿן זיין פֿאַריייניקט אין קאַמף צו געווינען גענוג אַף אַ לעבן צו מאַכן.

— מיר סטרייקן, מיר סטרייקן און קעמפֿן צוזאַמען! — האָבן געדונערט הונדערטער שטימען.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען און צוריק אַוועק אַף דער פּיקעט-ליין.

# עפּשער, דו, הערי סימס?

## פֿון כאַווער-פּאַווער

. . . און ס'איז געווען מיט יאָרן צוריק. אָן אַ היטל, אין אַ לעדערנעם רעקל, מיט אַ פּאָר ביכלעך אונטערן אָרעם, איז ער גע-פֿלויגן אין דער אידישער אַרבעטער-שול.

פֿליט ער אַף רעדלעך הערי סימס און זיין פּאָנעם איז אים

הערי סימס

פֿאַרפֿלאַמט. פֿאַר אַלע הייזער און אַף די טרעפּ שפּילן זיך קינדער.

ער שוועבט פֿאַרביי ווי אַ ווינט. ער איז אַ שנעלער און אַ פֿלינ-קער. ס'לויפֿן אים נאָך אַלע הייזער, ס'לויפֿן אים נאָך אַלע טרעפּ.

ער איז אַריינגעפֿאָרן מיט די רעדלעך גלייך אין קלאַס אַריין. דעם לערערס פּאָנעם האָט זיך פֿאַרוואָלקנט. אָבער ער איז אַ ווילדער הערי און קען שוין ניט איינהאַלטן זיין ווילדקייט. ער זעצט זיך אַף דער באַנק מיט אַ טראַסק. צעלייגט זיינע פֿיס אין דורכגאַנג און קינדער שלאָגן זיך אָן און פֿאַלן.

האַט ער אַ שנעל געטאָן פּענין אין אויער. האָט זיך פּעני צע-שריען. דעם לערערס אויגן זיינען בייז. ס'ווערט שטיל אין קלאַס.

— גיי אַרויס פון קלאַס, הערי סימס.

ציטערן די קני באַם אינגל און ער הויבט זיך אויף אינמיטן דער שטילקייט.

---

ס'איז אַ גרויסער זאַל און אַ פינצטערער.

אין דעם זאַל מאַכט מען די שול-סימכעלעך. פאַראַיאָרן פרילינג האָט הערי דעקלאַמירט אין דעם זאַל. האָבן אים אַלע אַפּלאָדירט. זיין טאַטע און מאַמע האָבן געקוקט אַף אים, ווי אַף אַ גרויסן העלד. דער לערער האָט אים אַרומגענומען. איצטער איז דער לערער ברוגעז. רעכט אַזוי, הערי!

ס'איז שטיל דאָרט אין קלאַס און ליכטיק פון יענער זייט טיר. הערי זעצט זיך אַנידער אַף אַ בענקל אין פינצטערן זאַל. אַזאַ שטילער און גוטינקער. ס'איז שוין ניטאָ די ווילדקייט. ס'טוט אים אַזוי באַנג.

הערט ער, ווי דער לערער רעדט פון יענער זייט טיר:

. . . איר וועט שוין זיין גרויסע און שטאַרקע באַכערים און מיידלעך. איר וועט שוין עפשער פאַרגעסן אייער לערער, אָבער איך וועל ניט פאַרגעסן. און אַז עמיצער פון אייך וועט זיך אַרויסרוקן מיט זיין קלוגשאַפט און מיט זיין קעמפערישקייט און וועט זיין איינער פון די פירער פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וועל איך זיך שטאַרק פרייען. ס'וועט זיין ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר מיין שווערער אַרבעט מיט אייך.

— אַט קוק איך זיך איין אין אייערע פּענימער און וואונדער זיך: ווער פון אייך וועט זיין אַן איבערגעגעבענער קעמפער פאַרן אַרבעטער-קלאַס און זיין נאָמען וועט זיין באַקאַנט צווישן אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער? עפשער דו, סילוויע? עפשער דו, פילי? עפשער דו, איציק?...

אָבער דער לערער האָט ניט געזאָגט: עפשער דו, הערי סימס? ווייל הערי סימס איז אַן אַרויסגעטריבענער.

רעדט שוין דאָס אינגל צו זיך אַליין און פרעגט זיך:

— עפשער דו, הערי סימס?

— יאָ, עפשער איך, — ענטפערט ער זיך אַליין.

---

ס'האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר מיטאַמאָל. די ליכטיקייט האָט געגעבן אַ פלאַץ אַרויס. דער לערער נעמט אַרום דעם אינגל און מאַכט:

— נו, שוין, שוין, זיי אַ גוטער.

זיצט ער שוין אין קלאַס און דער לערער פאַרענטפערט הערין פאַר אַלע קינדער:

— ער איז שטענדיק אַ גוטער שילער, הערי, אָבער היינט איז ער אַביסל ווילד געוואָרן.

---

ס׳יאָגט די באַן, זי לויפט פון ניו יאָרק גלייך אין קאַנטרי. יאָגט זיך אויך מיט דער באַן הערי סימס גלייך צו די קוילן-גרעבער, די סטרייקערס.

האָבן אים זיין מאַמע און זיין טאַטע שטאַרק אַרומגענומען פאַר זיין אָפּפאָרן קיין קענטאַקי. האָבן זיי ניט געוויינט און ניט געציטערט. זיי שיקן אַ זון אין שלאַכטפעלד פאַרן אַרבעטער-קלאַס.

יאָגט די באַן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

געטראַכט האָט אַסאַך הערי סימס, וועגן אַלעמען און וועגן זיך, און וועגן דעם בלוטיקן טעראָר-שטאַט, קענטאַקי, צו וועלכן ער פאָרט מיט אַ פייערדיקן גרוס, מיט אַ פייערדיקן גרוס פון די יונגע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון ניו יאָרק צו די קעמפער, די קוילן-גרעבער.

---

וויסטע נויט. קינדער מיט אויסגעקראַכענע האָר אַף די קעפּ פון הונגער. מאַמעס געבויגן צו דער ערד. מענער מיט אויסגעהאָרעוועטע אייוורים.

וואו-זשע איז הערי סימס?

הערי סימס האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין וואַלד מיט אַ קאָמיטע פון סטרייקער. מען אַרבעט אויס פּלענער, ווי אַזוי אָנצופירן מיט דער פּיקעט-ליניע, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן פון שעריף מיט זיינע כוליגאַנעס.

וואו-זשע איז הערי סימס?

דער שעריף מיט אַ געלאָדענער ביקס, די כוליגאַנעס מיט געלאָדענע רעוואָלווערן.

וואו-זשע איז הערי סימס?

אומעטום איז ער דאָ, אָבער ניט פאַרן שעריף און ניט פאַר די כוליגאַנעס.

דער קאַמף באַנייט זיך, דער קאַמף צעפלאַקערט זיך.

---

אַ שלאַכטפעלד קענטאַקי. זיינען דאָ עפּעס נייעס פון שלאַכטפעלד? זיינען עפּעס דאָ נייעס וועגן זייער זון, הערי סימס? שווייגן די ציימונגען וועגן אים, דערציילן גאָרניט. זיי דערציילן נאָר, אַז מען האָט די סטרייקער, די קוילן-גרעבער, אַרויסגעוואָרפן פון זייערע הייזער, אַז זיי האָבן אויפגעשטעלט ביידלעך אין וואַלד און דאָרט שלאָפן זיי מיט זייערע מישפּאָכעס, אַז מען האָט געשאָסן אַף קינדער אין דער פּיקעט-ליניע, אַז הילף איז נויטיק, אַז דער אַרבעטער-קלאַס זאָל שיקן הילף, ווייל די קענטאַקיער באַוויירים קומען אום.

וואו-זשע איז הערי סימס?

אַט גייט ער פון וואַלד מיט אַ פּאָר קוילן-גרעבער. אַף די איי-זענבאַן-ליניעס גייען זיי מוטיקע און שטאַרקע.

ס׳איז פאַרטאָג. באַלד וועט זיך אָנהייבן די פּיקעט-ליניע. זיי וואַרטן דאָרט לעבן די ביידלעך די קוילן-גרעבער, די סטרייקער, מיט זייערע ווייבער און קינדער.

— ש. ש. ש., טרייב פאָרזיכטיק דעם אויטאָמאָביל. באַהאַלט די רעוואָלווערן און קוקט ניט אין פענצטער, ווייל ער וועט אייך דערזען.

— ש. ש. ש., אַף דעם וועג פאָר, אַט אַזוי. נעענטער, נעענטער. גלייך זיך אויס מיט זיי. אַט אַזוי

— הערי סימס, — שרייט דער שעריף — הערי סימס, דו פאַר-דאַמטער קאָמוניסט, וועסט זיך מישן, ניט אין דיינע געשעפטן וועסט זיך מישן? נאַ! נאַ!

און ס׳הילכט אַפּ איין שאָס, און ס׳הילכט אַפּ אַ צווייטער, און ס׳ווערט אונטערגעשניטן דאָס לעבן פון הערי סימס, און ער פאַלט צו די באַן-רעלסן, ווי אַן אָפּגעזעגטער בוים

---

אַ שלאַכטפעלד קענטאַקי. זיינען דאָ עפּעס נייעס פון שלאַכט-פעלד? זיינען דאָ עפּעס נייעס וועגן זייער זון, הערי סימס? יאָ, מיט שוואַרצע ברייטע פאַסן איז אַרויסגעקומען די ערשטע זייט פון „דעילי-וואָירקער“, מיט שוואַרצע פאַסן אויך די „מאָרגן-פרייהייט“.

הערי סימס געפאַלן אין שלאַכט, אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַרן אַרבעטער-קלאַס.

---

בײַ דעם לערער פון דער אידישער אַרבעטער קינדער-שול ציטערן די הענט. ער קלאַפּט אַריין מיטן האַמער דאָס בילד פון הערי סימס אַף דער וואַנט. לעבן לענינען הענגט ער דאָס אויף.

זיצן קינדער אין קלאַס. נייע קינדער. אַנדערע בענים, ווילים, סילוויעס און איציקס. קוקן צום לערער מיטן פאַרטרויערטן פּאַנעם, קוקן צו הערי סימס, וואָס לאַכט זיי אַראָפּ פון דער וואַנט, אַ מונ-טערער, אַ רעוואָלוציאָנערישער.

# קוילן

פון י. גרינשפאַן

אין טראַנטעס איינגעהילט,
האָט אַנטאָני, פון טאָילערסוויל, דער ערשטער פּיאָנער,
צו די שאַכטעס נאָך אַביסל קוילן זיך געלאָזט.
ס׳האָט היינט פון פראָסט בא זיי אין שטוב געפּלאַצט
די וואַסער־רער
און ס׳האָט שוין לאַנג זיין שוועסטערל
צום פוסטן מילך־פלאַש אָפן טיש זיך ציען אויפגעהערט
און קאָרטשעט זיך אין בעטעלע און פרירט.

אַנטאָני גייט און כאָלעמט:
אַ וואַרעמקייט גייט אויף אין אַלע איוורים. ליכטיק
איז אין שטוב.
די מאַמע וויגט אין שוים די שוועסטערל און קוועלט,
ווי די קוילן גליען, ווי דער גאַנצער איוון גליט.
דער טאַטע איז צוריק שוין דאָ, זיי זיצן זאַלבעדריט
ווי דעמאָלט ווען זיי האָבן אַלע סקעבס פאַרטריבן
פון דער מיין,
איז ער איצט ניט בייז, דער טאַטע. זיצט ער און
דערציילט
ווי מיט „האָלד די פאָרט” געזאַנגען זיינען זיי,
די מיינער,
און די אַנדערע אין וואַשינגטאָן אַריין.
און ווי ער אַליין, זיין טאַטע דזשים,
האָט פאַרצויגן אָפן קעפּיטאָל די רויטע פאָן
און ווי די מיינער האָבן אים דערפאַר דערוויילט
פאַר פּרעזידענט
אין וואַשינגטאָן.

טעד, דער אָרגאַניזער זיצט איצט לעבן טאַטן
און ער פרעגט זיך פלוצים, טעד:
ווי קומט עס וואָס עס גליט בא אייך אַזוי דער
איוון, ווי?

און עס ווייזט אַף אים די מאַמע מיט אַ שמייכל און
זי ענטפּערט:
— ער איז אַ וואוילער אינגל און אַ בראַווער פּיאָנער.
אונדזער אַנטאָני.
טוט ער, טעד אַ גלעט די האָר אים און דעם אַקסל
אַ באַריר
און ער מאַכט אים נאָכדעם גלייך פאַר אַ רויטן
קאַוואַלעריע־קאָמאַנדיר.

און ער טראָגט זיך אַף אַ פערד אַ בראַנדיקס, אַנטאָני,
פאַרביי
דעם וועכטער קילער־ביל און פּיט דעם שיקער,
וואָס האָט אין גרויסן סטרייק דערשאָסן זיין אָנקל סטיוו.
און ער פּלאַטערט צו זיין רויטע טיכעלע: „סאָ לאָנג,
יו פולס"
צו סקעבי באַרק און איריש דאָפּ, וואָס פּלעגט אין סקול
אים רופן „ראָשאַרעד"
און ט'איינמאָל אויסגעזעצט אַ שויב באַ זיי אין שטוב,
ווען פּלעימינג סאָלי האָט מיט זיי, די פּיאָנערן,
געשפּילט אין אַ סאָוועט.

און עס יאָגן הינטער אים זיך קלים און דען און מעט
פון טאָילערוויל.

און מאַכנעס פּיאַנערן אָן אַ שיר מיט פלאַמענדיקע
סערפ־און־האַמערס.
און זיי אַלע זינגען. און זיי אַלע יובלען. און זיי אַלע רופן —
האָלד די פאָרט, —
האָלד די פאָרט פאָר ווי אַר קאַמינג — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אין טראַנטעס און אין פּאַכעד איינגעהילט,
וואַקסט אַנטאָני פון טאָילערסוויל אַרויס
צופוסן פון קוילן־באַרג,
ווי פון אונטער־דר׳ערד,
אין ווילדן ווינטערדיקן פעלד אַן אויסגעצערטע מויז.
בלייבט ער שטיין פאַרשטאַרט — אים דוכט:
ער הערט זיין מאַמעס רוף, זיין שוועסטערלס געוויין
און טריט פון עמיצן, וואָס קומט אַלץ נעענטער.
אַהיים, צוריק אַהיים. מיט אַלע קויכעס יאָגן זיך וויל ער.
נאָר זיין זשעדנער בליק פאַרטשעפעט זיך און
קלעמט זיך איין אין באַרג
און ציט און לאָזט ניט אָפּ.
ס׳קוילן־זעקל עפנט אויף אַ מויל ווי אין געבעט
און זינקט אַראָפּ
און שלעפּט, און שלעפּט אים מיט.
ער טוט אַ וואָרף זיין לייב־און־לעבן, אַנטאָני, צום באַרג
און גראָבט זיך איין
און גראַבלט קוילן,
גראַבלט קוילן
שנעל — —
— — — —

— פּראָל —

אַ מויל, אַן אויסגעקרימטס,
שפּייט אויס אַ הייסן „גאָט־פאַרדאַמט"
און קרימט זיך ווידער אויס.
אַ ביקס פאַלט פון אַן אַקסל אַראָפּ
און דריקט זיך ווידער צו

און האַפּקעט אַף־דאָס־ניי אַרוים: פּראַל — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

— עי, ביג־מעהאָן, דו סטולפּידזשעו, לאָז אָפּ — — — — — —
מיין זעקל קוילן גיב מיר אָפּ — — — — — — — — — — —
ס'איז קאַלט באַ אונז אין הויז — — — — — — — — — —
מיין שוועסטערל פון קעלט גייט אויס — — — — — — — —

— אוי, סאַלי, טעד — — — — — —
נעם אָפּ באַ אים — — — — — — —
נעם אָפּ — — — —
טראָג אָפּ צו אונדז אין הויז — — — — — —
מיין שוועסטערל — — — — — —
מיין שוועסטערל — — — — — —
פון קעלט — — — — — —
גייט אויס — — — — — —
און מיט אַ קויל אין האַרצן
גייט אַנטאָני אויס.

# ליד פון שוואַרצן שיכפּוצער

## פון מוישע שיפרים

שוואַרץ איז מיין הויט.
נאָך שוואַרצער מיין נויט.
נישטאָ קיין פרייד.
מיין היים אַ נישטיקע נאָרע,
אַף יעדן בוים איינגעשניטן אין קאָרע —
אַ שטריק איז גרייט.

— פּוץ גיכער, נעגער, גיך!
זאָלן גלאַנצן די שיך.
—יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

באַ רייכע טירן שטייט מיין טאַטע געבויגן
גאַנצע טעג, די מאַמע אַף דילן אויסגעצויגן —
פאַרן ביסן ברויט.
ווייסער באַלעבאָס גייט פאַרביי מיט שפּאָט
אונדז, וואָס „לעבן מיט זיין גנאָד" —
וואַשן זיין קויט.

— היי, נעגער, אַביסל שנעלער!
זאָל גלאַנצן העלער.
—יעס סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
—יעס סער.

אין דאָרעם אַף הייסע באַוול־פעלדער,
אין אַפריקע אין זומפּיקע וועלדער —
אַרבעט נעגער.
ווייסע באַראָנען זאַמלען פעסער מיט גליק
און צירן די גאַסן מיט נעגערס אַף שטריק —
הענג, הענג, נעגער.

— פּוץ גיך, נעגער, גיך!
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער.
— יעס, סער.

אונטער אונדזערע הימלען —
פייערדיקע צלאָמים און ווייסע קיטלען —
ציטער, ציטער, נעגער.
אַ בראַנד, אַ קויל און אַ שטריק
און אַ הימל פול מיט גליק —
אַרבעט, אַרבעט, נעגער.

— היי, נעגער, אַביסל שנעלער!
זאָל גלאַנצן העלער.

— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

# שלאָג

פון י. באָוושאָווער

ווי די טעג נאָר ווערן הייסער;
לופט און זון און שטראַלן.
ווערט אַ יאָנטעוו, ווערט אַ פּייסעך
בא די פרומע אידן.
גרייט דער רעבע אָן דעם קיטל,
רוקט דער דייען אָן דאָס היטל,
און דעם כאַלעף גרייט דער שויכעט,
און דער שאַמעס גרייט די שולן,
און מע מאַכט אַ ראַש, אַ טומל,
און מע שמייכלט אין די בערד.
האַנדלט מען מיט גאָט אין הימל
און מיט מאַצע אַף דער ערד.

# גאָטס דינער

פון מ. ווינטשעווסקי

זיי קומען און דערציילן אייך:
איר דאַרפט זיין פרום און גוט,
און טאָן וואָס זיי באַפעלן אייך,
און ליב האָבן די רוט.

זיי קומען און זיי זאָגן אייך,
איר דאַרפט ניט דענקען פיל,

אַז ווען די באָסעס יאָגן אײַך,
דאַרפט איר שווייגן שטיל.

זיי קומען און דערקלערן אײַך,
איר האָט אַן אַנדער וועלט,
וואו קיינער וועט ניט שטערן אײַך,
צו טאָן וואָס אײַך געפעלט.

זיי קומען און פאַרעדן אײַך
די נויט מיט פרומע רייד,
און גיבן אַ גאַניידן אײַך,
אַ לעבן נאָכן טויט.

# ס'איז דער הימל...

פון ס. אַבאַרבאַנעל

ס'איז דער הימל הײַנט פאַרצויגן
מיטן רויך פון פאַבריקן.
זאָל זיך גאָט דאָרטן אין הימל
אַף דער עלטער ניט דערשרעקן?

פון די קוימענס— רויך און פלאַמען
גלײַך אַזוי ווי פון אַ קראַטער,
איז באַם גרויסן גאָט אין הימל
פון דעם רויך געוואָרן קאַטער.

ניסט און פראַשקעט דאָרט דער אַלטער
און ער שילט די באָלשעוויקעס:
ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן
מיט דעם רויך פון די פאַבריקן.

# די לעוואָנע דערציילט

## פון י. ל. פּערעץ

פון אַן איינגעבויגן הייזל גייט אַרויס אַ באָרוועס אינגל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטן זיך אַף אים קוים) און קעגנאיבער, פון אַ צווייטן הויז, קימאַט אַ כורווע, קומט אויך אַרויס אַזאַ אינגל. קוים זיינען זיי איינער צום צווייטן צוגעקומען, האָב איך שוין

ניט געוואוסט, וועלכער עס איז אַרויס פון וועלכן הויז. ביידע אויס-געדאַרט, מיט ברענענדיקע אויגן, ביידע ציטערן פאַר קעלט, עפּשער פאַר הונגער אויך.

איך הער, ווי זיי שמועסן:

— פּאַרטיק?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסן?

— ניין... דער טאַטע האָט ניט געבראַכט.

— מיינע — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— גייען מיר?

— בעסער לויפן... ס'איז קאַלט...

— נו!

זיי לויפן פייל פון בויגן אין שטאָט אַריין.

איך קוק זיי נאָך.

באַ איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלן זיי זיך אָפּ.

— זעסט! מיין פּעטערס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווייזט אף אַ הויז קעגנאיבער.

— דאָס איז מיין פעטערס!

— דאָס איז מיין פעטערס!

— מיין פעטער האָט אָבער געבראַכט אַן אַראַביש פערדל פאַר זעכצן טויזנט!

— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, ווי די לייבן!

— מיינער האָט עפּשער טויזנט דערפער!

— מיינער — עפּשער הונדערט שטעט.

— פערד! באַ מיין פעטער איז די מעבל פון גאָלד!

— בעהיימע! באַ מיין פעטער — סאַמע בריליאַנטן!

— אָבער מיין מומע מיט אירע פאַרפומען! די נאָז רייסט עס אויף!

— און אַז מיין פעטער שפּילט יעדע נאַכט אין קאַרטן—האַ?

זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיר ניט צעשלאָגן זיך...

איינער איז פריער אָפּגעשטאַנען.

— קאַלט, — מאַכט ער מיט אַ ציטער.

דער צווייטער שטייט אויך אָפּ:

— איך בין זייער הונגעריק, — זאָגט ער, — קלינג אַן באַ דיין פעטער...

— ניין — ענטפערט יענער דערשראָקן — ער האָט אָנגעזאָגט די דינער, זיי זאָלן מיר הענט און פיס צעברעכן!

— מיין פעטער — דאָסזעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.

זיי לאָזןביידע טרויעריק אַראָפּ די קעפּ.

— גייען מיר?

— בעסער לויפן...

און אָפן וועג:

— מאָרגן באַנאַכט נאָכאַמאָל...

— יאָ... איך וועל געבן אַ סימען... איך וועל אַ קריי טאָן, ווי אַ האָן...

— איך וועל דיר ענטפערן מיט אַ מיוק פון אַ קאַץ.

— גוט.

זיי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

# ווער זיינען זיי?

## פון בעצאַלעל פרידמאַן

ווער זיינען זיי די הונדערטער, די טויזנטער, מיליאָנען
מיט לידער קרעפטיקע און פייערדיקע פאָנען?
ווער איז דאָס פאָלק, וואָס קומט און קומט פון אַלע וועגן
ווי נייער פרייד, ווי גרויסן גליק אַנטקעגן?
דאָס זיינען די, וואָס נייען שיך
און טרייבן באַנען ווינטן־גיך,
וואָס גראָבן שוואַרצע קוילן אויס
און בויען הייזער הויך און גרויס;
דאָס זיינען די, וואָס שמעלצן שטאָל
און גלייכן אויס דעם באַרג מיט טאָל,
וואָס גראָבן ערד ביז טיפסטער טיף
און פירן סכוירעס שיף נאָך שיף.

וואָס ווילן די הונדערטער, די טויזנטער, מילאָנען
מיט בלוטיקע ווערטער, וואָס רופן און מאָנען?
פאַרוואָס שפּאַרט שטורעם פון די רייען שטאָלענע
און בראַווע,
ווי פון בערג די פייערדיקע לאַווע?

ס'איז דאָ אַ סוינע, ווי אַ רויבער'שער פויגל,
וואָס פּיקט באַ יענעם אויס די זון פון אויגן,
און רויבט פון הונגעריקן מויל דאָס שוואַרצע ברויט,
און פאַרוועט מאָלצייטן פון קינדערשער נויט — — —

ווער איז דער סוינע און וואו איז דער סוינע,
וואָס וויל זיך פאַרמעסטן מיט קעמפער אַזוינע?

ס'איז סוינע — באַלעבאָס פון שאַפּ און פון פאַבריק,
פון רייכן פּאַלאַץ און פון קוילן-גרוב,
וואָס שפּייזט מיט יענעמס הונגער אייגן גליק,
און סאַמט די פרייד פון הונגעריקער שטוב.

וואָס וועלן טאָן די טויזנטער, מיליאָנען
מיט הערצער רויטער נאָך פון פייערדיקע פאָנען?
ס'איז שלאַכט שוין אָנגעצונדן אַף אַל'ע וועגן, —
גייען מיר דעם סוינע אַנטקעגן!...

# א י י ז

## פון א. ראַבאָי

דער ליבער זומער איז שוין דאָ און מיט אים איז אויך דאָ אין פּייק סטריט אַ נייע זאָרג — אייז!

— מאַמע, ווילסט אייז?

— יאָ, היימי, מיין קינד.

— איכ'ל אויפּשטיין גאַנץ פרי. איך וויים שוין וואו מען דאַרף גיין.

— איך וועל דיך ניט לאָזן.

— וואָס האָסטו מוירע? דאָרט באַם ברעג ריווער איז דאָ אַ גרויסע פאַבריק, וואו מען מאַכט אייז.

דערדאָזיקער געשפּרעך איז אָנגעגאַנגען צווישן אַ פּייק-סטריטער מאַמע און איר אינגל, היימי.

היימי האָט געהאַט אַ צונאָמען „שרימפּ", ווייל ער איז געווען אַזוי דאַר אַז מען האָט געקאָנט אַרויסזען זיינע ביינער. און דערצו איז ער געווען זייער קליין געוואַקסן. אָבער קליין ווי ער איז געווען, איז ער געווען פול מיט ענערגיע און איז געווען אומדערשראָקן און מוטיק.

זיינע עלטערן האָבן פאַרנומען אין בלאָק איינע פון די „שענסטע" דירעס וואָס איז באַשטאַנען פון דריי „לעכלעך". דאָס הויז-געזינט האָט געציילט זיבן פּערזאָן. דער טאַטע מיט דער מאַמען, פיר קלע-נערע און גרעסערע שוועסטערלעך און ער היימי „אַליין".

דער טאַטע איז אַלע טאָג אַוועקגעגאַנגען פון שטוב גאַנץ פרי

און אהיים איז ער געקומען פארנאכט — זייער אפט געקומען מיט דעם, מיט וואס ער איז אוועקגעגאנגען.

היימי׳ן איז דער פאטער געווען ווילד פרעמד. ער ווייסט אפילע קימאט ניט דעם קלאנג פון זיין שטים — ווי זאל ער עס וויסן, אז ער הערט אים קיינמאל ניט רעדן? ווען היימי ווערט פארטיק מיט זיין קאמאנדעווען אין גאס, קומט ער ארויף און שטוב זיך לייגן „פאפן". און דאמאלט ליגט שוין זיין טאטע אן אויסגעשטרעקטער און כראפעט.

היימי׳ן לייגט די מאמע שלאפן אין קיך אף א בעטל וואס זי צעעפנט צוליב אים אלע אפדערנאכט. אין דעם צימערל וואו די שוועסטערלעך שלאפן איז ניטא קיין פלאץ פאר אים און כוצדעם איז דארטן פאראנען אסאך וואנצן. און די מאמע זאגט, אז די וואנצן האבן נאר ליב קריכן צו היימין. נארט זי אף די וואנצן און לייגט אים אין קיך...

היימי טראגט אף זיך דעם גאנצן זומער נאר א פאר הויזקעס. א גאנצן טאג איז זיין דאר קערפערל אפן אף דער זון. די הויזקעס האט די מאמע געבראכט פון דעם אפיס, וואו מען גיט קליידער פאר ארעמע קינדער. עס איז גאר א פיינע פאר הויזקעס. גרינלעך-געלע און מיט גומי אריינגענייט אין גארטל; אזוי אז היימי קאן זיי טראגן אן א פאסיק.

די היץ אין פייק סטריט איז שרעקלעך. דאס מיסט ליגט אף דעם טראטואר און פליגן לאזן זיך דא וואוילגיין. קעץ זיינען דא פאראן אן אשיר. זיי קאנען שוין היימין און ווען זיי דערזעען אים, אנטלויפן זיי, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט.

היימי האט זיך אליין אויפגעבויט א וועגעלע. ער האט ערגעץ געפאקט אן אלט קינדערש שטופ-וועגעלע און אראפגענומען דערפון די אקסן מיט די רעדלעך. געקראגן א קעסטל פון זייף באם גראסערי-מאן. און עס איז דערפון אינקורצן געווארן א גוט וועגעלע מיט א דישל און מיט א זיץ פארן אנטרייבער.

אין בלאק זיינען געווען צוויי גרויסע הינט. האט זיי היימי גע-לערנט גיין אין שפאן. די צוויי הינט האבן ניט געהאט קיין אנדער ברייררע, ווייל היימי האט זיי זייער פיל געמוטשעט, זיי איינגעשפאנט מיט שטריקלעך צו זיין וועגעלע און זיי געמושטירט אין הויף אזוי לאנג, ביז זיי האבן ענדלעך איינגעשטימט צו גיין אין שפאן.

עס איז געווען איין געפאר. און דאס איז געווען דער גראבער, איירישער פאליסמאן! בלויז ער האט געקאנט צעשטערן היימים גליק. דעמדאזיקן פאליסמאן האט היימי זייער ניט ליב. און היימי ווייסט אז דער פאליסמאן האט אים אויך ניט זייער ליב. אז ער דערזעט היימי׳ן פונדערווייטנס נעמט ער זיך שוין רוקן צו אים מיט זיינע בערישע פיס.

אין דעם פרימארגן וואס היימי האט באדארפט ברייגנען אייז

פאַר זיין מאַמען איז ער אויפגעשטאַנען, ווען עס איז נאָך געווען קימאַט פינצטער אין שטוב. קיין סאַך צייט זיך אָנצוטאָן האָט אים ניט גענומען. ער האָט זיך געפירט, אַז שלאָפן שלאָפט ער אין די הויזקעס. ער האָט נאָר אָנגעשטעקט די צוויי צעריסענע און איבערגע־דרייטע שיך און איז שוין געווען פאַרטיק מיט זיין גאַרדעראָבע.

היימי האָט אַרויסגעפירט זיין וועגעלע פון קעלער און געגאַנגען איינשפּאַנען זיינע הינט. ער האָט זיי געפונען ליגן איינגעדרייטע ערגעץ אונטער טרעפּ און מיט איין שטויס פון פוס זיי ביידע אויפגעוועקט.

האָט איינגעשפּאַנט די הינט און זיך אַריינגעזעצט אין וועגל.

איז היימי געפאָרן מיט זיין „שפאַן״ אינמיטן גאַס. סע איז געווען שלעכט מיט די הינט, וואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען „רעכטס״ און „לינקס״. בײַ יעדן ראָג האָט היימי געמוזט אַרויסגיין פון וועגעלע און זיי פירן אין דער ריכטונג, וואו ער האָט באַדאַרפט. ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען צום ברעג פון טייך, וואו עס איז געווען די גרויסע פאַבריק, וואו מען מאַכט אייז.

דאָרט איז איצט געווען אַ גרויסער געררודער פון אַסאַך וועגן געשפּאַנט אין פערד. די פאַבריק איז געשטאַנען נאָענט באַם טייך. זי איז געווען געבויט פון רויטע ציגל און איבערן דאַך האָט בײַ איר געשפּריצט ווי אַ רעגן פון וואַסער-שטויב. פון פראָנט פון דער פאַבריק זיינען קרומע הילצערנע בריקן געלאָפן פון אויבן ביז אַראָפּ. אָבער זיי האָבן ניט דערגרייכט ביז צו דער ערד. זיי זיינען געבליבן הענגען איבער דער ערד אַזוי, אַז אַ וואָגן אָדער אַ טראָק האָט געקאָנט אַרונ־טערפאָרן און בלייבן שטיין אונטער דעם הענגענדיקן עק פון בריק.

דער געקלאַנג פון אייזערנע צוועגעס און דער געשריי פון די אייז-לייט האָט היימין אַביסל צעמישט. עס האָט זיך אַלעמאָל אַראָפּ־געגליטשט אַ ריזיקער שטיק אייז אין אַ זעץ געטאָן אין דעק פון וואָגן מיט אַ דונער.

אַף דער ערד אַרום און אַרום דער פאַבריק איז געווען פול אָנגע־שאָטן אַ מין אייזיקער שניי. די צוויי הינט האָבן ניט געקאָנט ליידן די קאַלטקייט פון דעם שניי און געהויבן זייערע פיס, בייטנדיק איין פוס אָפּן צווייטן.

היימי איז אַראָפּ פון זיין וועגעלע. ער האָט באַטראַכט דאָס בילד. עס איז אים געפעלן, ווי אַזוי די שטיקער אייז זיינען געפלויגן אַף די גליטשיקע בריקן פון אויבן אַראָפּ. אים האָט זיך איצט געוואָלט זיין אַ וויל אַזאַ שטיק אייז און אַזוי-אַ טאָן אַ פאַר אַראָפּ — בוף!

און אַזוי ווי היימי שטייט אַ פאַרטראַכטער, קומט צו אים צו איינער אין גראָע קליידער מיט קנעפּ פונקט ווי אַ פּאָליסמאַן, און מיט אַזאַ קלאָב אין די הענט.

— היי, דו קליינער רואַך, ווּעמען זוכסטו דאָ און וואָס פאַר אַ מין שפּאַן האָסטו אַהער געבראַכט?!

היימי דערשרעקט זיך ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן. ער וויל אַפּציען, אָבער עס איז שוין צו שפּעט. דאָס הייסט, ווען ער איז אַליין וואָלט ער זיך שוין געגעבן אַן אייצע, אָבער איבערלאָזן זיין געשפּאַן מיט די הינט וועט היימי זיך ניט דערלויבן.

היימי ענטפערט קומענדיק צו זיך פון דער גרויסער איבעראַשונג:

— איך בין געקומען נעמען אייז פאַר מיין מאַמען.

— דו האָסט דען אַ מאַמע? — לאַכט פון היימען פּוזיק דער מענטש אין גראָען.

— יעס, אין פּייק סטריט.

— ביסטו געקומען גאַנוועגען אייז!... האָסט ניט געטראָפן אין ריכטיקן אָרט! — כאַפּט היימי צום אַלעם ערשטן אַ שניט מיטן קלאַב פון דעם מאַן אין גראָען. עס ווערט אים פינצטער אין די אויגן. ער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל ניט געוויינט, אָבער איצט האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אָנגעהויבן, ניט וויינען, נאָר פּאַשעט וואָיען.

די אַרבעטער, אָנטרייבער פון די וואַגנס און טראָקס זיינען זיך צונויפגעלאָפן און אַרומגערינגלט היימין מיט זיין טשיקאַוון געשפּאַן.

— העי, פאַרוואָס שלאָגסטו אַן אָרעם קינד? — רופט זיך אָן איינער פון די טרייבער צו דעם פּאָליסמאַן, אין גראָען.

— נאָן אָוו יור גאָד-דעם ביזנעס...

— באָיס, לעט'ס גיוו הים די ברייקס!... — זאָגט דער אייגענער טרייבער צו די איבעריקע יונגען

די איזלייט האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזן בעטן. זיי האָבן זיך גענומען צום פּאָליסמאַן אין גראָען און האָבן אים אַריינגעוואָרפן, וואָס אים איז שוין לאַנג געקומען.

היימי האָט דערווייל פאַרגעסן אָן די קלעפּ. ער האָט אָנגעקליבן צעבראָכענע שטיקער אייז און האָט זיך אַ פריילעכער גיך געטראָגן מיט זיין געשפּאַן אַהיים — איידער נאָך די זון איז אויפגעגאַנגען.

# מיר זיינען קינדער אַלע גלייכע

## פון ה. בלאשטיין

(כאָר-דעקלאַמאַציע)

קינדער: כינעזער, נעגער, איטאַליענער,
דייטשישער, אַרגענטינער, סאָוועטישער

אלע (אַכויך סאָוועט):
פאַרבן פאַרשיידענע — ווייס, געל און שוואַרץ
עס איז נאָר פאַרשיידן — די אויבערשטע הויט.

דאָך שלאָגט אין אונדז אַלע — דאָס זעלביקע האַרץ
און אַלע ווי איינער — מיר זיינען גאָר רויט!
אין אונדזערע לענדער איז ביטער און שלעכט —
עס זיצן באַנדיטן בא אונדז אַפן קאַרג...
נאָר ס׳גייט אין דער פינצטער אַ מוטיק געפעכט —
עס ווערט אונדזער מאַכנע געדיכטער און שטאַרק.
ס׳וועט קומען אַ טאָג און ס׳וועט שלאָגן אַ שאָ —
און הערשן וועט מעכטיק די אַרבעטער האַנט!
ס׳וועט קומען אַ טאָג און ס׳וועט שלאָגן די שאָ
פון גרויסן אַלוועלטלעכן ראַטנפאַרבאַנד.

כינעזער:
טשיאַן-קאַי-שעק און טשאַנג סאָלין —
ביידע גלייך אין מאָרד און וואוט.
אין קאַנטאָן און אין פעקין
גיסט זיך היים מיין טאַטנס בלוט,
און מיין ברודער, דעם פיאָנער

האָט מען אין דער שול דערשטיקט...
אָבער רין ניט איצט מיין טרער
שטאַרקער נאָר מיין פויסט פאַרדריק!

נעגער:
מען האָט געלינטשט מיין גוטן טאַטן,
מיין מאַמע איז געריררט פאַר צאַר, —
באַנדיטן ווייסע, פעטע, זאַטע
איך וועל אייך אָפצאָלן דערפאַר!

ס׳פלאַמט אין מיר דער רויטער צאָרן.
איך בין אַ קינד נאָר אַלט פאַר פיין!
און זאָג: כאַוויירים! ס׳ווערט געבוירן
אַ וועלט וואו שוואַרץ וועט אויך רויט זיין.

איטאַליענער:
מוסאָליני, מוסאָליני!
שוואַרצע העמד און שוואַרצע האַרץ!
אַף איטאַליעס פעלדער גרינע
גיסט זיך אונדזער טרויער שוואַרץ.
ווייגען טאַטעס אין די טורמעס,
ווייגען קינדערלעך אין נויט...
נאָר ס׳וועט אַ טאָג נאָך קומען,
פאַר פאַשיסטן ברענגען — טויט!

ד י י ט ש י ש ע ר:

מיין טאַטע איז געווען אַ קאָמוניסט
און האָט געקעמפּט פאַר גליק און פריי,
האָט אַ „סאָציאַליסט“, אַ פּאָליציסט
דערשאָסן אים דעם ערשטן מיי!
און איך, מיין טאַטנס טרייער זון,
גיב דאָ היינט אַ שוואוּע טריי:
— כ'וועל קעמפן קעגן פאַשיזם דרייסט
ביז ס'וועט די זון פון פרייהייט
שיינען רויט און פריי!

אַ ר ג ע נ ט י נ ע ר:

אין אַ נאַסן גרויען כיידער
און אין הונגער און אין קעלט
לעב איך, און איך טרוים קעסיידער
פון אַ זאַטער, העלער וועלט.
מיינע באַקן זיינען בלייכע
און אָן ברויט, איז דאַר מיין גוף
דאָך, איך שריי מיט אַלע קויכעס:
— קינדער קעמפער, הויבט זיך אויף!

ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר:

עס בליט מיין לאַנד — אַ שיינער גאָרטן,
וואָס האָט שוין זון און גליק פאַרזוכט,
און מיר, די קינדער זיינען דאָרטן
די שענסטע און די רויטסטע פרוכט!
און איבער אונדז — מיר זעען ברענען
די זון פון פרייהייט — אונדזער הערב!
טאָ לעבן זאָל דאָס לאַנד פון לענין,
דאָס לאַנד פון האַמער און פון סערפּ!
און גוט איז אונדז, טאָ הערט, מיר שווערן —
ס'וועט פלאַמען נאָך די רויטע פאָן,
און דער פינפעקיקער שטערן,
אין לאָנדאָן, רוים און אין קאַנטאָן,
און איבער ניו יאָרק'ס וואָלקן-קראַצער,
און איבער דעם לאַפּלאַטאַ-ברעג —
און ס'וועלן טרייסלען זיך פּאַלאַצן
אין גסיסע-ציטער און אין שרעק...
און שפּאַנען וועלן מיר פּיאָנערן,
דורך אַלע לענדער מיט געזאַנג —
זאָל זיין געבענטשט דער רויטער שטערן,

וואָס וועט באַשיינען אונדזער גאַנג!
און איבער אונדז וועט ליכטיק ברענען
די זון פון פרייהייט — אונדזער הערב.
טאָ לעבן זאָל דאָס לאַנד פון לענין
דאָס לאַנד פון האַמער און פון סערפּ!

אַלע:
ס׳וועט קומען אַ טאָג און ס׳וועט שלאָגן די שאָ
פון גרויסן אַלוועלטלעכן ראַטן פאַרבאַנד!

# הירש לעקערט

דער נאָמען פון הירש לעקערטן איז פון אַמאָליקע יאָרן ברייט באַוואוסט צווישן די אידישע אַרבעטער-מאַסן. הירש לעקערט איז געווען אַ פּאָשעטער, ניט געבילדעטער יונגער אַרבעטער, אַ שוסטער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון „בונד“, פון דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ס׳האָט געהערט דער גרעסטער טייל פון די אידישע רעוואָ-לוציאָנער געשטימטע אַרבעטער. ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר האָט ער מיט זיינע כאַווערים-אַרבעטער צעטראָגן אַף שטיקער אַ פּאָליציי-צירקל און באַפרייט אַן אַרעסטירטן רעוואָלוציאָנער. נאָך דעם ווערט ער אַף אַ שטיקל צייט אַרעסטירט.

אין יאָר 1902 האָט די פּאָליציי אין ווילנע מיט אַן אומדער-הערטער אַכזאָריעס אָפּגערעכנט זיך מיט די אַרבעטער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מיי. לויטן באַפעל פון דאַמאָלסדיקן ווילנער גובערנאַטאָר פ אָ ן - ו ו א ל האָט מען די רעוואָלוציאָנערן אין פּאָליציי-צירקל געשמיסן. די ווילנער אַרבעטער האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע אויפרעגונג. דעם 26סטן מיי האָט מען אין פאָן-וואלן געשאָסן, בעשאַס ער איז אַרויס פון טעאַטער, — דאָס האָט געטאָן דער 20-יאָריקער הירש לעקערט. מע האָט אים פאַרמישפּעט צום טויט. אַפן געריכט האָט ער זיך געהאַלטן העלדיש און אָפּגעזאָגט זיך אַרויסצוגעבן זיינע כאַווירים. אונטער דער טליע האָט ער אָפּגעטריבן מיט פאַראַכטונג דעם ווילנער ראַוו, וואָס האָט פאַרגעלייגט טשואווע צו טאָן אַף די גרויסע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען, שיסנדיק אין גובערנאַטאָר. לעקערט איז אויפ-געהאנגען געוואָרן דעם 10טן יוני, 1902. אין יאָר 1922 איז אין מינסק געשטעלט געוואָרן אים אַ דענקמאָל.

# דער זיידע האָט דערציילט

פון א. מייזל

אין קינדער-שול איז שוין געווען גרייט פאַרן ערשטן מיי: די ווענט באַפּוצט מיט רויטן, די וואַנט-צייטונג — פּאַרטיק, פּלאַקאַטן און אַ רויטע פאָן צוגעגרייט פאַר דער מאָרגנדיקער דעמאָנסטראַציע. איצט איז פיליפּ מיט זיינע כאַווייריִם געגאַנגען צוריק אַהיים. אַפן וועג האָבן זיי געשמועסט.

— זאָל נאָר מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג.

אין שטוב האָט פיליפּ טאַטע-מאַמען נאָך ניט געטראָפן. זיי זיינען אויך אַוועק צו אַן ערעוו ערשטער-מיי פאַרזאַמלוג. געזעסן איז דער זיידע.

— נו, מיין פּיאָנער, ביזט שוין גרייט?

— גרייט! שטענדיק גרייט, זיידע...

— וועסט מיר מאָרגן אַרייננעמען צווישן די קינדער, אַף דער דעמאָנסטראַציע?

— זיכער, זיידע.

— וועל איך טאַקע גיין; און דערפאַר וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי דער יאָנטעוו איז אַנטשטאַנען, ווי אַזוי מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל געפייערט.

פיליפּ האָט אָנגעשטעלט די אויערן. אַזעלכע מייסעס האָט ער ליב געהאַט צו הערן.

— געווען איז עס אין יאָר 1885. איך בין נאָך דאַמאָלסט געווען דאָ אין לאַנד אַ גרינער. פון רוסלאַנד בין איך אַנטלאָפן פון דעם בלוטיקן צאַר. אין דאָ האָב איך געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון ציגאַרן. מיט מיר צוזאַמען האָבן געאַרבעט אַמעריקאַנער, דייטשן, ענגלענדער, אירלענדער. איינער האָט דעם צווייטנס לאָשן ניט פאַרשטאַנען. עס האָבן אונדז פאַראייניקט צוזאַמען די פאַבריק-ווענט, די קאַסטנס ביטערע ציגאַר-בלעטער, וועלכע מיר האָבן געפליקט איינגעבויגן איבער דער אַרבעט יעדן טאָג צוועלף שאָ נאָכאַנאַנד.

אומעטום, אין אַלע פאַבריקן, האָבן אַרבעטער לאַנגע שאָען גע-שקלאָפּט. די באַלעבאַטים זיינען רייך געוואָרן, געוואַקסן אַף אונדזער בלוט און שוויס. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך עס גענומען רודערן. אַ כאַווער האָט די גרויסע נייעס צו אונדז אין פאַבריק געבראַכט: אַ גרויסער קאַמף וועט באַלד אויסברעכן. אַ קאַמף איבערן גאַנצן לאַנד, פון אַלע אַרבעטער. מיר וועלן פאָדערן אַכט שאָ אַרבעט.

דער טאָג פון דעם ערשטן מיי, יאָר 1886, איז באַשטימט גע-וואָרן אָנצוהויבן דעם גרויסן סטרייק און די דעמאָנסטראַציע. אַזוי האָט אַן אַרבעטער-צוזאַמענפאָר באַשלאָסן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק,

און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן. דער נאָמען פון יענער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען: „דער פאַרבאַנד פון אָרגאַניזירטע פאַכן און אַרבעטער־יוניאָנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע“. אַ צו־לאַנגער נאָמען, פיליפּל. פּרואוו זיך עס אַרויסרעדן אין איין אָטעם אויב דו קענסט.

פיליפּ האָט געפּרואווט און טאַקע ניט געקענט.

— נו, איז געקומען דער טאָג פונם ערשטן מיי. צען טויזנט אַרבעטער זיינען מיר שוין געווען אַפן יוניאָן סקווער. פון דאָרט האָבן מיר אַוועקגעמאַרשירט איבער די גאַסן פון שטאָט. אַפריער זיינען מיר אַוועק אין די אַרבעטער־גאַסן. מיר האָבן געהויבן אין־דערהויך אונדזערע פאָנען און פּלאַקאַטן, און אויסגערופן שטאָלץ אונדזערע פאָדערונגען: אַכט שעה אַרבעט, אַכט שעה פאַרברייינגען און אַכט שעה רו.

נאָכדעם זיינען מיר אַוועק איבער די רייכע גאַסן. אַף דער פינפ־טער עוועניו זיינען אונדזערע באַלעבאַטים אין זייערע פּאַלאַצן אין טויט־שרעק געזעסן. עס האָבן צו זיי אַרויפגעקלונגען אונדזערע פאָדערונגען: אַכט שעה אַרבעט, אַכט שעה פאַרברייינגען און אַכט שעה רו. איר הערט?

— די פּאָליצײ האָט אייך גאָר נישט געשטערט?

— זי האָט זיך פאַרלאָרן. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען טאַקע די באַלעבאַטים מיט דער פּאָליצײ צו זיך געקומען און זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט פאַרן ערשטן מײ־סטרייק מיט בלוט.

— וואָס איז געשען, זיידע?

— אין אַסאַך שטעט זיינען דעמאָלסט דעם ערשטן מײ פאָרגע־קומען סטרייקס, פאַראַדן און דעמאָנסטראַציעס. העלדישער פון אַלעמען זיינען געווען די שיקאַגער כאַוועירים. דאָרטן האָבן גע־סטרייקט 50,000 אַרבעטער. די מײ־דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ ריזיקע און אַ שטורעמדיקע. האָבן די באַלעבאַטים פון לאַנד אויס־געקליבן פאַר זייערע קאָרבאַנעס די שיקאַגער הײמאַרקעט־מאַרטירער. זיי האָבן מיט זייערע לעבנס פאַרן קאַמף פון ערשטן מײ באַצאָלט.

דער זיידע האָט ווייטער דערציילט:

— די פּאָליצײ, אויפגעקאָכט פון דער ערשטער מײ דעמאָנ־סטראַציע, האָט מיט צוויי טעג שפּעטער געשאָסן אַף פּיקעטס. די אַרבעטער פאַררופן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אַף הײמאַרקעט־סקווער. דאָרטן האָט אַ פּראָוואָקאַטאָר געוואָרפן אַ באָמבע אַף דער פּאָליצײ. אַף מאָרגן האָט מען אַרעסטירט די בעסטע און העלדישסטע אַרבעטער־פירער און זיבן פון זיי האָט מען פאַרמישפּעט צום טויט.

לינג, דער אינגסטער פון אַלע פאַרמישפּעטע, האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין טפיסע. אַ צווייטער, שפּיז, איז געשטאַנען אונטער דער טליע און אויסגעשריען: „דאָס קאָל, וועלכן איר גייט דערשטיקן, וועט אין קיינער זיין מעכטיקער, ווי איצט“. אַ דריטער, פּאַרסאָנס,

האָט אָנגעהויבן רעדן צו זיינע הענקער: „זאָל דאָס קאָל פון פאָלק געהערט ווערן!“ האָט מען פארצויגן די שטריק און איבערגעהאַקט זיינע ווערטער אינמיטן. פישערס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!“

פיליפ האָט זיינע פויסטן נאָך שטאַרקער פאַרדריקט.

— אָט אַזוי, פיליפ, האָבן מיר פאַר יענעם ערשטן מיי מיט בלוט באַצאָלט. אָבער מיט צוויי יאָר שפּעטער האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן אָנהויבן אַ נייעם קאַמף פאַרן אַכט-שאָאיקן אַרבעטס-טאָג. ווידער איז דער אָנהויב פון קאַמף באַשטימט געוואָרן אויפן ערשטן מיי. אין יאָר 1889 האָט זיך צונויפגעקליבן דער אינטערנאַ-ציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין דער שטאָט פּאַריז. דאָרט איז דער ערשטער מיי דערקלערט געוואָרן פאַר אַ יאָנטעוו, אַ דעמאָנ-סטראַציע-טאָג פון דעם אַרבעטער-קלאַס אויף דער גאַנצער וועלט. די אַרבעטער פייערן זייער יאָנטעוו, אַ טאָג פון רויטן קאַמף, שטורעם און אָנזאָג פון זיג...

# זיין ערשטער מיי פייערונג

סאָף אַפּריל.

די אַרבעטער גרייטן זיך באַגעגענען דעם ערשטן מיי. נאָר די פאַשיסטן האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן צעשטערן דעם אַרבעטער-יאָנטעוו.

איז אָט: זיינען צום ערשטן מיי אין פלאָרענץ (איטאַליע) אָנגע-פאָרן פון איין זייט אַסאַך פאַשיסטן, פון דער צווייטער — אַרבעטער פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

די פאַשיסטן זיינען געקומען צופאָרן מיט דער באַן, אויף אויטאָמאָ-בילן, און זיינען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט געווער. די אַרבעטער, וועלכע זיינען געפאָרן מיט דער באַן, האָט מען באַזוכט, און בײַ וועמען מען האָט געפונען געווער, האָט מען אַרעסטירט. אַנדערע אַרבעטער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וועט באַזוכן און האָבן אָפּגענאַרט די פּאָליציי. זיי זיינען אַראָפּ פון צוג פאַר פלאָרענץ און אין שטאָט זיינען זיי געקומען צופוס.

נו, איז דאָס געווען אַ דעמאָנסטראַציע!

מאַסן, מאַסן און מאַסן! אָרקעסטערס, געזאַנג, לידער, רויטע פאָנען. בײַ די אַרבעטער אויף די לאַצן האָבן זיך געשפּילט קעגן דער זון רויטע שלייפן!

און צווישן אַלעמען, צווישן גרויסן אוילעם מיט פאָנען און געזאַנג, זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען דזשאַני מיט זיין מאַמען.

עס איז געווען אַזאַ גרויסער אוילעם אַז די פאַשיסטן האָבן

מוירע געהאַט זיך צוצורוקן. זיי האָבן דעריבער ניט געשטערט דער דעמאָנסטראַציע, איר ניט פאַרשטעלט דעם וועג, ווי זיי טוען עס אַלעמאָל.

נאָכדעם איז געווען אַ גרויסער מיטינג. אַלץ איז געגאַנגען אין אַ גוטער אָרדענונג.

די פאַשיסטן האָבן געוואַרט, אַז דער אוילעם זאָל זיך צעקלאַפּן אַף עטלעכע טיילן. ווען עס וועלן זיך אָנהויבן מיטינגען אין עטלעכע טיילן פון שטאָט, און דער גאַנצער אוילעם וועט זיך פאַנאַנדערגיין איבער די ראַיאָנען... דאַן וועלן זיך די פאַשיסטן אַ לאָז טאָן אַף זייערע אויטאָמאָבילן און וועלן בייקומען די אַרבעטער.

אַזוי איז געווען. דער גאַנצער אוילעם האָט זיך פון מיטינג צע־טיילט אַף קלענערע פאַרזאַמלונגען.

דזשאַני מיט זיין מאַמען טערעזע זיינען געשטאַנען צווישן הונ־דערטער מענטשן און געהערט אַ רעדע פון אַן אַרבעטער. פּלוצים זיינען פון ווינקל אַרויסגעשפּרונגען אַן אָפּטיילונג פאַשיסטן אין שוואַרצע העמדלעך און שוואַרצע מיצן און האָבן זיך געלאָזט גיין איבער דער גאַס. זיי האָבן געזונגען אַ לידל און מיט שטעקנס אין די הענט האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער אַרבעטער-פאַרזאַמלונג.

איינע אַ פרוי האָט זיך דערשראָקן און האָט גענומען לויפן. דער רעדנער האָט נאָך באַוויזן רופן צו אָרדענונג. דערביי האָט ער גע־זאָגט, אַז מען זאָל זיך ניט שלאָגן מיט די פאַשיסטן, ווייל זיי האָבן געווער, און די אַרבעטער האָבן ניט.

דזשאַני איז, אַפּאַנעם, ניט מסכים געווען מיטן רעדנער. נעבן זיינע פיס איז געלעגן אַ קופּע שטיינער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן איינעם פון זיי און האָט מיט אַלע קויכעס אַ שליידער געטאָן אין איינעם פון די פאַשיסטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען זייער עלטסטער.

דזשאַנים האַנט האָט גוט געצילט, און דער שטיין האָט געטראָפן אין פּינטל אַריין. דער פאַשיסט האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און איז געפאַלן.

איידער דער עלטסטער האָט באַוויזן צו פאַלן, האָט אַ צווייטער שטיין מעכאַבעד געווען זיין שאָכן, וועלכער האָט אויך געהאַט דעם זעלביקן סאָף. איידער די פאַשיסטן האָבן זיך גערירט פון אָרט, איז געפלויגן אַ דריטער שטיין און אַ פערטער.

דאָס האָט גערינט, ווי אַ רוף, ווי אַ סיגנאַל:

פון אַלע עקן פלאַץ, פון פענצטער, פון דעכער, פון געסלעך, האָבן זיך גענומען שיטן אַף די פאַשיסטן שטיינער, ציגל, פלעשער. עס האָט געשאָטן אַף זיי ווי אַ האָגל. זיי האָבן פּרובירט שיסן, אָבער אָן דערפאָלג — די שטיינער האָבן געשטערט. אַ ביסל האָבן זיי זיך געוואַקלט, נאָכדעם געלאָזט זיך צום אויטאָמאָביל און זיינען פאַרשוואונדן.

צווישן אוילעם איז געוואָרן אַ פרייד. געזיכטער האָבן געשיינט פון זיג. עמיצער האָט הויך אָפּן קאָל פּאַרצויגן:

„שטייט אויף, איר אַלע...“

און דער גאַנצער אוילעם, ווי איין מענטש, האָט מונטער געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

טערעזע האָט געזוכט איר אינגל, אין דער צייט פון צוזאַמענשטויס האָט זי אים פאַרלאָרן.

אַהאַ, אָט איז ער!

זי איז צו אים צוגעלאָפן, אים אַרומגענומען און מיט פרייד זיך געגריסט מיט איר זון.

אַ כעוורע יאַטלעך האָבן זיי מיט אַ טומל אַרומגערינגלט און דזשאַנין באַגריסט.

און דזשאַני האָט מיט פייער אין די אויגן זיך געווענדעט:

— נידער מיט די פאַשיסטן!

— זאָל לעבן דער קאָמוניזם!

# איידזשען פּאָטיע

(פאַרפאַסער פון „אינטערנאַציאָנאַל“)

## פון קאַלמען מאַרמאָר

די פּאַריזער קאָמונע איז געווען דערטרונקען אין בלוט. אַרום הונדערט טויזנט אַרבעטער זיינען געלעגן צעשאָסענע, אָדער געפוילט לעבעדיקערהייט אין די טפיסעס פון דער בורזשואַזיע.

אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ געזאַנג, וואָס האָט גערופן די באַזיגטע מאַסן ווידער זיך אויפצוהויבן אין קאַמף, צום „לעצטן שטרייט“.

דאָס האָט געזונגען אַ פּאַריזער קאָמונאַר איידזשען פּאָטיע, עטלעכע טעג נאָך דער שרעקלעכער מאַסן-שכיטע פון 28סטן מיי, 1871. זיינע אויגן האָבן געזען טויט און פאַרניכטונג. זיין לעבן איז געווען אין געפאַר, נאָר זיין מוט איז ניט געווען געבראָכן און ער האָט געזונגען דאָס געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל.

איידזשען פּאָטיע איז געווען אַ קינד פונם אָרעמען פאָלק. געבאָרן (אין 1816) בײַ אַ טאַטן אַ באַדינער, האָט ער שוין אין זיין יוגנט געמוזט אַרבעטן שווער און ליידן נויט און הונגער.

די יולי רעוואָלוציע, פון 1830, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דעם פופצן-יאָריקן פּאָטיע. ער לייענט און לערנט אַסאַך און ווערט אויך אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער ווערט אַ „שאַנסאָן“ — אַ זינגער פון צייט-לידער. זיין ליד איז זיין וואָפן אינם קלאַסן-קאַמף. ער באַנוגנט זיך אָבער ניט בלויז מיט זינגען

רעוואָלוציאָנערע לידער. ער קעמפט אַף די באַריקאַדן און שטעלט איין זיין לעבן אין פרייהייט־קאַמף. ווען עס גרינדעט זיך דער ערשטער „אינטערנאַציאָנאַל״ ווערט פּאָטיע איינער פון זיינע טעטיקע מיטגלידער און באַטייליקט זיך אין דער פּאַריזער קאָמונע.

ווען די פּאַריזער קאָמונע ווערט פּראָקלאַמירט (דעם 18טן מערץ, 1871), ווערט פּאָטיע איינשטימיק דערוויילט פאַר אירן אַ מיטגליד. ער איז זייער טעטיק. ער פאַרלאָזט ניט זיין פּלאַץ, ביז וואַנען יעדער פּראָלעטאַרישער ווידערשטאַנד איז געבראָכן און די בורזשואַזיע איז צוריק אין מאַכט. ער באַהאַלט זיך דאַן אַ וויילע אין פּאַריז, וואו ער שרייבט אָן, אָנהויב יוני, 1871, זיין ליד „דער אינטערנאַציאָנאַל״. ער ווערט פאַראורטיילט צום טויט, נאָר אים געלינגט צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

דער אַלטער קאָמונאַר איז אויך טעטיק אין אַמעריקע. ער איז איינער פון די אַקטיווע טוער אין דער אַמעריקאַנער יוגנטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג. ער זינגט זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער אין גרעיוועסענד (ברוקלין), ניו יאָרק, נוארק, באָסטאָן, פּעטערסאָן א. אַ. וו. זיינע לידער אין פראַנצויזיש ווערן אַרויסגעגעבן פון אַמעריקאַנישע קעמפערישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אַ גרויסן איינפלוס אַף די פראַנצויזישע אימיגראַנטן און ער ווירקט, זיי זאָלן ווערן טיכטיקע קעמפער פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

די אַמנעסטיע פאַר די קאָמונאַרן אין 1881 האָט ניט שטאַרק אַפּעלירט צום אַלטן קלאַסנקעמפער. נאָר דאָס האַרטע לעבן אין אַמעריקע האָט זיך שווער געלייגט אַף דעם 64־יאָריקן קאָמונאַר, און די בייִנקשאַפט אַהיים איז געוועזן שטאַרק. אייזשן פּאָטיע האָט זיך דערפאַר צוריקגעקערט אין פּאַריז.

אנשטאָט דעם יונגן, פייערדיקן זינגער, איז געשטאַנען פאַר זיינע פריינט אַ גרייז־גרויער אַלטיטשקער, האַלב פּאַראַליזירט און שרעקלעך פאַראָרעמט.

דער פאָרשטייער פונעם אַרבעטער פאַריין האָט דאַן געשטעלט דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער די פראַגע — וואָס וויל ער בעסער, צי מען זאָל אים שאַפן אַ סומע געלט צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ, אָדער עפּענען אַ פאָנד אַרויסצוגעבן זיינע לידער?

אייזשען פּאָטיע האָט גליך געענטפערט:

„זאָל מען ליבער אַרויסגעבן מיינע ווערק, אפילו ווען איך זאָל דאַרפן אויסגיין פאַר הונגער!״

פּאָטיעס פריינט האָבן אַרויסגעגעבן זיינס אַ בוך לידער, נאָר דער אַלטער דיכטער האָט דערמיט ניט פאַרענדיקט זיין דיכטערישע קאַריערע. אינם עלטער פון 70 יאָר האָט אייזשען פּאָטיע אויפגעשריבן אַ שטאַרק קאַמף־ליד, „די קאָמונע איז ניט טויט!״ ער האָט עס געווידמעט די איבערגעבליבענע קעמפער פון דער פּאַריזער קאָמונע.

# פּעטער דעזשעיטיע

### פּאַרפאַסער פון דער מעלאָדיע צום „אינטערנאַציאָנאַל“

## פון קאַלמען מאַרמאָר

היינט זיינען פאַראַן אַסאַך אַרבעטער-לידער. נאָר מיט פופציק יאָר צוריק זיינען זיי געווען אַ זעלטנהייט. בא די אַרבעטער-געזאַנג-פאַריינען אין יענער צייט איז דערפאַר געווען אַ גרויסע סימכע, ווען זיי האָבן אַריינגעקראָגן אַן עכט אַרבעטער-ליד.

אַזאַ סימכע איז פאָרגעקומען אינם אַרבעטער-געזאַנג-פאַריין פון דער שטאָט ליל, פראַנקרייך, אין יאָר 1889. ליל איז אַן אינדוס-טריעלער צענטער, און זיין אַרבעטער-געזאַנג-פאַריין איז באַשטאַנען פון רעוואָלוציאָנער-געשטימטע אַרבעטער. אויך דער דיריגענט פונעם אַרבעטער-געזאַנג-פאַריין אין ליל איז געווען אַן אַרבעטער — דער וועבער פּעטער דעזשעיטיע. אָט דער מוזיקאַלישער וועבער-אַרבעטער האָט אין יענעם יאָר (1889) געקראָגן לייענען דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד „אינטערנאַציאָנאַל“ פון דעם קאָמונאַר אייזשן פּאָטיע. פּעטער דעזשעיטיע איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון דעם ליד און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג האָט ער געשאַפן מוזיק צו פּאָטיעס פערזן. דעמזעלביקן יאָר האָט דער אַרבעטער-געזאַנג-פאַריין פון ליל געזונ-גען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ מיט דער מעלאָדיע, וואָס איז איצט באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט. נאָר דעמאָלט האָט מען ווייטער פון ליל נישט געוואוסט פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן ליד. ערשט מיט צען יאָר שפּעטער איז דער אינטערנאַציאָנאַל באַקאַנט געוואָרן צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון אַלע לענדער.

דער אינטערנאַציאָנאַל איז באַקאַנט געוואָרן אויף דעם קאָנגרעס פון פראַנצויזישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין יאָר 1899. צום שלוס פון אָט דעם קאָנגרעס האָט אַ דעלעגאַט פון ליל, אַ מיטגליד פונעם דאָרטיקן אַרבעטער-געזאַנג-פאַריין, זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ טיש און גענומען זינגען מיט זיין שיינער שטים דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. די דעלעגאַטן און געסט זיינען געוואָרן מיטגעריסן און נאָכן דריטן פערז האָבן זיי שוין אַלע מיטגעזונגען דעם צושפּיל:

„דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער  
און אַנטשיידענער שטרייט;  
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל  
שטייט-אויף, איר אַרבעטס-לייט!“

אַ יאָר שפּעטער האָט מען שוין דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ געזונ-גען אין אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-קרייזן פון פראַנקרייך. זייערע דעלעגאַטן האָבן עס געזונגען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָ-

ציאַליסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1900. פון דאָרט האָט זיך פּאַטיעס ליד מיט דעזשעיטיעס מעלאָדיע פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

ווען דער קאָמפּאָזיטאָר פונעם „אינטערנאַציאָנאַל" איז אַלט געוואָרן 70 יאָר און האָט מער קיין קויעך ניט געהאַט צו אַרבעטן, האָט ער געליטן גרויס נויט. נאָר אַזוי גיך ווי די פּאַריזער קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי אים באַשטימט אַ קליינע מאָנאַטלעכע פּענסיע.

אויף דעם פראַנצויזישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1924 אין ליאָן, האָט מען אָוועקגעזעצט דעם אַלטן פּעטער דעזשעיטיע איבנאָן באַם פּרעזידיום. מען האָט אים מעכאַבעד געווען מיט אַ רעדע. נאָר דאָס אַלטע האַרץ איז געווען איבערגעפילט, און ער האָט בלויז געקאָנט מאַכן מיט די הענט, נאָר ניט באַוועגן די צונג. דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט דערביי אויסגערופן:

— „אונדזער כאַווער דעזשעיטיע איז מער מוזיקער ווי רעדנער. מיר וועלן פון אים ניט אָוועקנעמען דאָס וואָרט, ווען מיר וועלן בעטן דעם אָרקעסטער שפּילן זיין „אינטערנאַציאָנאַל".

דער אַרבעטער-אָרקעסטער פון ליאָן האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל". דער עולעם האָט געזונגען דעם צושפּיל. פּעטער דעזשעיטיע האָט געזען פאַרווירקלעכט דעם שענסטן כאָלעם פון זיין אָרעמען לעבן.

באַלד נאָכדעם האָט אים די סאָוועטן-רעגירונג איינגעלאַדן צו קומען קיין מאָסקווע. ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן פון אַזאַ ווייטער רייזע פאַר אַן אַלטן, שוואַכן מאַן, איז ער אַהין אָוועקגעפאָרן. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט ליבשאַפט. ער איז פאַרבליבן וואוינען אין מאָסקווע ווי אַ גאַסט פון דעם פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד.

# ד. עדלשטאַט

דאָוויד עדלשטאַט — איינער פון די ערשטע אידישע פּראָלע-טאַרישע דיכטער. געבאָרן אין קאַלוגע (רוסלאַנד) אין יאָר 1866. אין יאָר 1882 קומט ער, אַ זעכצניאָריקער אינגל, קיין אַמעריקע און ווערט אַן אַרבעטער אין אַ שניידער-פאַבריק.

עדלשטאַטס לידער, וועלכע האָבן גערופן צום קאַמף — זיינען טיף אַריינגעדרונגען אין די מויכעס און הערצער פון די אידישע אַרבעטער. אָבער אַ שווערע קראַנקהייט האָט געלויערט שוין אויפן יונגן לעבן פון פרייהייט-קעמפער און דעם 17טן אָקטאָבער אין יאָר 1892 איז ער געשטאָרבן אין עלנט און נויט.

# עס טאָגט

## פון ד. עדלשטאַט

אַרבעטער, ברידער, איר הערט, ווי עס דונערט ?
איר הערט, ווי עס ברומט, ווי עס קראַכט ? —

דער שקלאַף האָט דערוואַכט פון זיין פינצטערן דרימל,
ער נעמט זיך צום פאַנצער און שווערד,
ער וויל ניט מער וויסן פון גאָט אַפן הימל,
ער וויל ניט קיין האַר אַף דער ערד.

אים שרעקט ניט איבער די פאָן די רויטע,
ער ווייסט, אַז מיר ווערן פאַרפאָלגט
דערפאַר, ווייל מיר ווילן צעברעכן די קייטן
די קייטן פון אָרעמען פאָלק.

ער הערט מיט באַגייסטערונג די הייליקע לערע
פון פרייהייט, פון מענטשלעכע רעכט ;
ער ווייסט, אַז צו קעמפן פאַר איר איז אַן ערע,
אַ שאַנדע — צו בלייבן אַ קנעכט.

אָ, ברידער, זייט מונטער ! עס הייבט אָן צו טאָגן,
ניט ווייט איז די ליכטיקע זון —
מיר זעען שוין טויזנטער, טויזנטער טראָגן
מיט שטאָלץ אונדזער בלוט־רויטע פאָן.

אויף צו דער אַרבעט, איר מענער, קאַמעראַדן,
וואַרהייט מוז האָבן איר זיג,
די הערצער באַגייסטערט, די ביקסן געלאָדן ;
אַרבעטער, פאָרווערטס, צום קריג !

# מיין צוואָע

פון ד. עדלשטאַט

אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קייווער אונדזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטס־מאַן!

און דאָרטן אונטער דער פאָן דער רויטער
זינגט מיין ליד, מיין פרייע ליד!
מיין ליד „אין קאַמף״, וואָס קלינגט ווי קייטן
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד.

אויך אין מיין קייווער וועל איך הערן
מיין פרייע ליד, מיין שטורעם־ליד;
אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד!

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמאַרץ —
צום פאָלק וועל איך פון קייווער זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ! . . .

# פראַגן

1. פאַר וואָס לערנט מען ניט אין די פּאַבליק סקולס קיין אַרבעטער פראַגן?
2. וואָס דאַרף אַ פּיאָנער טאָן, קעדיי צו אָרגאַניזירן די קינדער פון סקול?
3. פאַר וואָס איז וויכטיק דער אינטערנאַציאָנאַלער קינדער טאָג?
4. קאָן אַ פּיאָנער אָרגאַניזירן אַנדערע קינדער, ווען ער אַליין טוט ניט גוט זיין אַרבעט, איז בייז און ניט פריינטלעך?
5. ווער האַלט אויס די „באָי סקאוטס״?
6. פאַר וואָס געפינען זיך אַרבעטער קינדער אין דער „באָי סקאוט״ אָרגאַניזאַציע?
7. ווי אַזוי קען מען זיי אַריבערציען אין אונדזער באַוועגונג?

# אַף דעם אינזל קובא

### פון מ. עפּשטיין

קינדער!

ווען איר וועט אַ קוק טאָן אין אייער געאָגראַפיע-בוך, וועט איר זען, אַז קובא געפינט זיך צו דאָרעם-מיזרעך פון די פאַרייניקטע שטאַטן. איר וועט אויסגעפינען, אַז קובא איז אַן אינזל אין די וועסט אינדיעס. די וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, פונעם גאָלף פון מעקסיקאָ און טיילווייז פון דעם קאַריבייען-יאַם, וואַשן זיינע ברעגן.

דאָס לערנבוך וועט אייך דערציילן וועגן דער לאַנדשאַפט פון קובא; איר וועט לייענען וועגן די שפּאַנישע פּאַלאַצן מיט זייערע באַלקאַנען, שמאָלע פענצטער און אָפענע הויפן; וועגן אַלטע פעסטונגען, וואָס די שפּאַניער האָבן געבויט מיט הונדערטער יאָרן צוריק; וועגן יאַם-פּיראַטן, וואָס פלעגן אָנפאַלן אַף שיפן אין די בוכטעס פון קובאַ, וועגן די פּאַלאַצן און רייכע ווילעס, שיינע בולוואַרן, פּאַלמען און אָרלאַנדאָ-ביימער, וואָס באַפּוצן די רייכע קוואַרטאַלן אין דער הויפּט-שטאָט, האַוואַנאַ.

דער רייכער טוריסט פאָרט אין קובא ווינטער-צייט צו געניסן פון זונען ליכט, וואַרעמען קלימאַט און פריילעכקייט. עס קאָן זיך דאַכטן, אַז קובא איז אַ גאַן-איידן אַף דער וועלט, אַ פּלאַץ, וואו אַלע מענטשן לעבן גליקלעך, און פאַרברענגען אונטערן שאָטן פון הויכע און שלאַנקע פּאַלמען.

די געאָגראַפיעס און די אויסגעצאַצקעטע ביכלעך ווייזן נאָר איין זייט. די צווייטע איז צוגעדעקט. קובא איז טאַקע שיין. ווינטער, ווען בא אונדז שנייט און פראָסטיקע ווינטן נעמען דורך די ביינער, הערשט דאָרטן אַ וואַרעמער, מילדער וועטער. רייכע אַמעריקאַנער אַנטלויפן פון דעם קאַלטן צאָפן — אין קובאַ. פאַר זיי איז טאַקע קובא אַ פּלאַץ פאַר שפּיל און אַמוזירונג. פאַר זיי זיינען אויסגעפלאַסטערט געוואָרן אויטאָמאָביל-וועגן, פאַרפלאַנצט מיט טראָפּישע ביימער און בלומען. פאַר זיי זיינען אויסגעבויט בולוואַרן, און שיינע הייזער.

אָבער די קובא איז נאָר אַ הייפל. אין דער עמעסער קובאַ געפינען זיך דריי און אַ האַלב מיליאָן נעפאַשעס. דער גרעסטער טייל פון זיי באַשטייט פון אַרבעטער און פאַרמער, וואָס האָרעווען שווער צו מאַכן אַן אָרעמען לעבן.

קובא איז נאָר אין נאָמען אַ פרייע לאַנד. אין דער ווירקלעכקייט געהערט זי צו די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. ביידע הויפּט-אינדוסטריעס — צוקער און טאַבאַק, זיינען דאָס אייגנטום פון אַמעריקאַנער. די שיפן, וואָס פירן מענטשן און פראַכט — זיינען אַמעריקאַנישע. די ווערהייזער אין די האַפנס זיינען אַמעריקאַנישע, די באַנקען גע-

הערן צו אַמעריקאַנער, אַלע וויכטיקע זאַכן ווערן אַריינגעבראַכט פון אַמעריקע.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האַלט-אויף אין קובאַ אַן אָפּטיילונג פון איר קריגס-פלאָט. דער פּרעזידענט פון דער קובאַנער רעפּובליק איז נאָר אַ פּופּע אין די הענט פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. ער רעגירט מיט אַ בלוטיקער האַנט איבער דער אַרבעטער באַפעל-קערונג. ווען ניט די אַמעריקאַנער קריגס-שיפן, וואָלטן די אַרבעטער און פּאַרמער פון קובאַ שוין לאַנג אומגעוואָרפן זיין רעגירונג. וואָס איז איינגעטונקט אין דעם בלוט פון די בעסטע אַרבעטער-קעמפּער.

אין אַזאַ הייסן קלימאַט, איז דער אַרבעטס-טאָג צען שטונדן, זעקס טעג אַ וואָך. די פּאַרדינסטן זיינען זייער קליינע. אַ פּאַשעטער אַרבעטער פּאַרדינט ניט מער ווי אַ דאָלער און אַ האַלב אַ טאָג. פון אַזאַ נישטיקן לוין דאַרף זיך נערן אַ גאַנצע פאַמיליע.

פאַראַן אין קובאַ אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער באַוועגונג, וואָס ווערט געפירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די רעגירונג באַנוצט אַ שטאַרקן טעראָר קעגן די אַרבעטער. פירער פון יוניאָנס ווערן באַ-פאַלן אין שטילע געסלעך און ווערן דערמאָרדעט. אָפט ווערן די אַרבעטער-קעמפּער פּלוצלונג פאַרשוואונדן און קיינער ווייסט ניט, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען. מיט צוויי יאָר צוריק זיינען אַרעס-טירט געוואָרן צוויי אַרבעטער — אַ קובאַנער און אַ אידישער — וואָס האָבן אויסגעטיילט פּראָקלאַמאַציעס קעגן מאַטשאַדאָס טעראָ-רעגירונג. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיי איז געוואָרן. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט אַ פישער געכאַפּט אַ שאַרק ניט ווייט פון האַוואַנאַ. ווי עס פירט זיך באַ פישער, איז דער שאַרק אויפ-געשניטן געוואָרן צו זען, וואָס טוט זיך באַ אים אינוויינק.

צום פישערס שרעק, איז אין בויך פון שאַרק געלעגן אַ מענטש-לעכע האַנט. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. איידער די רעגירונג האָט געקאָנט באַהאַלטן די זאַך, האָט די יונגע פרוי פון דעם קובאַנער אַרבעטער דערקאָנט די האַנט פון איר מאַן, לויט די קנעפּלעך אין דעם אַרבל פון דעם אויבער-העמד. די רעגירונג האָט פאַרבאָטן די צייטונגען שרייבן אַ וואָרט וועגן דעם.

וואָס האָט מאַטשאַדאָ געטאָן? ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַ-פעל, אַז פישער טאָרן ניט כאַפּן קיין גרויסע פיש לעבן די ברעגן פון האַוואַנאַ. דער פאַרבאָט איז אין קראַפט ביז היינטיקן טאָג.

לעבן רייכקייט און פּוץ געפינט זיך נאַקעטע אָרעמקייט, וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן מיט דער אָרעמקייט פון די שוואַרצע אין דער סאַוט. די קינדער פון רייכע לערנען אין פּריוואַטע שולן. די קינדער פון אָרעמע גייען אין די רעגירונגס-שולן, וואָס זיינע אָפּגעלאָזן און פינצטער.

קובאַ איז אַ קאָלאָניע פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן.

# די אַרבעטער אין אינדיע

די ענגלישע פאַבריקאַנטן האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן וואָסער עס איז אינדוסטריע אין אינדיע. די אינדישע פּריצים און סאָחרים האָבן זיך אָבער אַרומגעזען, אַז עס לוינט זיי אַליין צו בויען פאַבריקן און זאַוואָדן. די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי נאָכגעגעבן, און געוואָרן שותּפים מיט זיי אָדער געליען זיי געלט פאַר גרויסע פּראָצענטן און אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז מאַשינען פאַר דידאָזיקע פאַבריקן און זאַוואָדן זאָלן איינגעקויפט ווערן נאָר אין ענגלאַנד.

ניט געקוקט אַף די פאַרשיידענע אונטערדריקונגען, וואַקסט איצט די אינדישע אינדוסטריע זייער שנעל. אַ באַזונדער גרויסן טראָט פאָרויס האָט זי געמאַכט נאָך דער לעצטער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מילכאָמע. אין יאָר 1923 זיינען שוין אין אינדיע געווען העכער 7000 פאַבריקן, אַף וועלכע עס האָבן געאַרבעט העכער 4 מיליאָן אַרבעטער. די גרעסטע פון דידאָזיקע פאַבריקן געהערן צו די ענגלענדער, וועלכע באַרייסן דעם אינדישן אַרבעטער אָן ראַכמאָנעס.

ווי אַזוינע לעבן די אַרבעטער אין אינדיע? דער אַרבעט-טאָג דויערט דאָרטן נאָך ביז איצט 14 שאָ. אַרבעטן קומט אויס אין זייער שווערע באַדינגונגען.

אָט ווי אַזוי אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט באַשרייבט די אַרבעט-באַדינגונגען אַף די אינדישע פאַבריקן. „אין געפּילדער און שטויב פון אַרבעטנדיקע מאַשינעס האָבן מיר געזען פאַרמאַטערטע אַרבעטער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט זייער אַרבעט. עס האָט זיי שרעקלעך געשטערט די טראָפּישע היץ, די קראַנקהייטן, דער קלעגלעכער פאַרדינסט. אין געריש און שטויב איז אָפן דיל געלעגן אַ שלאָפנדיק קינד, וועמעס מוטער עס האָט דאָ געאַרבעט. וואָס וועט האָבן דאָסדאָזיקע קינד אין לעבן, ווען עס וועט אויסוואַקסן? עס וועט אויסוואַקסן, קעדיי צו פאַרדינען אַף דערדאָזיקער פאַבריק איין דאָלאַר אַ וואָך. עס וועט זיין איינע פון יענע 30 מיליאָן קינדער און יוגנטלעכע, פאַר וועלכע קיין שולן זיינען אין אינדיע איצט ניטאָ.

וואָס באַקומט דער אַרבעטער פאַר זיינע 14 שאָ אַ טאָג אַרבעט?

זייער ווייניק באַקומט פאַר אַזאַ אַרבעט אַפילע אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער. אַ גרויסע צאָל אינדישע אַרבעטער האָבן אַפילע קיין אייגענעם ווינקל ניט. אָט ווי אַזוי עס קומט אויס צו לעבן די אַרבעטער אין באָמבײ, אַ גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט אין אינדיע:

אין אַרבעטער קוואַרטאַל זיינען אין די ווענט פון די הייזער געמאַכט אַזוינע ספּעציעלע לעכער, וואו דער אַרבעטער האַלט דעם גאַנצן טאָג זיין אָרעמען פּעקל זאַכן, און באַנאַכט, ווען ער קערט זיך אום פון דער אַרבעט, שלעפּט ער אַרויס פון דאָרטן זיין צעריבענעם מאַטראַצל און מאַכט זיך אַ געלעגער טאַקע דאָ אַף דער גאַס. איז

א וואונדער וואָס פאַרשיידענע קראַנקהייטן זיינען שטאַרק פאַרשפרייט צווישן די אַרבעטער, און די שטערבלעכקייט איז אַזוי גרויס? פון 1000 קינדער שטאַרבן העכער 600 אין עלטער ביז איין יאָר. אַף די פאַבריקן אַרבעטן אין דיזעלבע שווערע באַדינגונגען ניט נאָר דערוואַקסענע, נאָר אויך קינדער, וואָס זיינען נאָך ניט אַלט אַפילע קיין צוועלף יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז בא אַזאַ מין לעבן איז די צאָל אַרבעטער וואָס קענען לייענען און שרייבן זייער אַ קליינע. זי דערגרייכט ניט העכער פון 5-6 פּראָצענט.

דערפאַר אָבער גיבן די פאַבריקן ריזיקע פּראָפיטן. און דידאָזיקע פּראָפיטן קריגן ווידעראַמאָל, די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן

# די מאַטאָנע

## פון כאַווער פאַווער

גייט אַ שיף איבער שוואַרצע וואַסערן גלייך קיין כינע. און מילטאָן, דער ראַדיאָ-מאַשיניסט, אַרבעט אין זיין אָפּטיילונג.

דער הימל איז הויך, דער יאַם איז טיף און די לופט איז דורכזיכטיק. אָבער אין שטיבעלע, צווישן די ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, הערט מילטאָן, ווי די גאַנצע וועלט שושקעט זיך און איז אומרואיק. פאַרשטעלטע ווערטער פליען אום איבער די יאַמען און ס'שמעקט מיט רויב, פייער און אומגליק.

ער האָט געוואָלט פאַרדינען פאַשעט אַף ברויט. שווערע צייטן היינט. ער האָט זיך פאַרדונגען אַף אַ שיף.

מען האָט אים ניט געזאָגט, וואָס פאַר אַ פראַכט מען פירט אַף דער שיף, און ער האָט גאָרניט געפרעגט. ס'האָט אים אַפילו ניט געאַרט, וואָס זי גייט אין אַזאַ ווייטן לאַנד. אַ שטעלע האָט ער באַדאַרפט, און ס'איבעריקע איז אים ניט אָנגעגאַנגען. נאָר די פראַגעס, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אים געשטעלט, זיינען אים גאָרניט געפעלן געוואָרן.

— ביסטו אַ פּאַטריאָט?

— אַ פּאַטריאָט. — האָט מילטאָן גלייך אָפּגעענטפערט און ער האָט זיך פאַרויטלט.

— גלויבסטו אין גאָט?

— כ'גלויב, — און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. דאָס איבעריקע איז שוין צוגעגאַנגען גלאַט. ער איז אַ „סיטיזען“, אַ וועטעראַן פון דער וועלט מילכאָמע און האָט אַ גוטע רעקאָמענדאַציע.

איצט טראָגט אים אַ שיף איבערן גרויסן יאַם און ער איז איינער אַף דער וועלט.

דאָ אין שטיבעלע, צווישן ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, הערט ער ווי די וועלט ציטערט, און עפּעס שלעכטע געדאַנקען טראָגן זיך איבער די יאַמען. ער ווייסט וואָס דאָס מיינט. און ער טראַכט: ווי! ווי! אין כינע — אַ רעוואָלוציע. מען שיסט און דורך דער לופט שיקט מען פאַר-שטעלטע באַפעלן. קריגס-שיפן יאָגן זיך. זיי שטרעקן אַרויס זייערע האַרמאַטן מיט לאַנגע העלזער. קאַלטע זיינען זיי און שטומע. אָבער אַז מ׳וועט אין לאָנדאָן, אָדער אין וואַשינגטאָן, געבן אַ באַפעל, וועלן זיך דידאָזיקע קאַלטע און שטומע העלזער אַ דריי טאָן אַזוי גלאַטן און גלייכגילטיק, זיי וועלן זיך אויסשטרעקן איבער אַ שטאָט און וועלן אָנהויבן שפּייען מיט פייער. וועלן זיין גרויסע געוואַלדן און געשרייען, פול מיט ווייטיק. וואָלקנס רויך וועלן זיך הויבן צום הימל.

די קריגס-שיפן לויפן, אָבער די פּראַכט-שיף, וואו מילטאָן געפינט זיך, גייט פּאַוואָליע.

באַגעגנט זי זיך מיט אַנדערע שיפן אַפן וועג, גריסן זיי זיך מיט פייפערייען און מיט געדיכטע וואָלקנס רויך. אָבער אינעווייניק, אין שיף, ליגט די סכוירע, אַזאַ שרעקלעכע, און וועט אָנטאָן אַזויפיל צאָרעס.

מילטאָן ווייסט שוין אַלץ. קוילן-וואַרפער פירט די שיף. ביקסן און גראַנאַטן. ערגעץ אין אַ שטאָט, וואָס שטייט באַם יאַנגטזע-טייך, וועט מען אויסלאָדן די סכוירעס. ווייסט שוין מילטאָן, אַז אַ כינע-זישער גענעראַל האָט דאָס באַשטעלט. און אָט-דער גענעראַל איז אין קאַמף מיט די רויטע. ער ווייסט אויך, אַז די כינעזישע אַרבעטער און פּויערים גייען פאַרויס מיט רויטע פאָנען און מיט גרויסן גלויבן.

ער קאָן ניט עסן פון זאָרג. ער קאָן ניט שלאָפן. נאָר דער קאַפּי-טאַן איז זיך גאַנץ רואיק. מילטאָנען דאַכט זיך, אַז ער פירט גאָר די שיף. ער פירט זי גלייך צום גענעראַל אין די הענט אַריין. ער וועט דאַרפן איבערגעבן די קוילן-וואַרפער, די גראַנאַטן, די ביקסן און זאָגן:

— שיס, טויט מיינע כאַווירים אַרבעטער און פּויערים. און מיר? מיט אונדזערע אייגענע הענט מאַכן מיר דידאָזיקע ביקסן און באָמ-בעס, און מיט דידאָזיקע הענט גיבן מיר דאָס איבער.

דעם לעצטן אָפּדערנאַכט איז דאָס געווען. פאַרטאָג דאַרף שוין די שיף אָנקומען צום פּלאַץ. אין שטיבעלע צווישן די דראָטן און לעמפּלעך זיצט מילטאָן. ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט. אָבער ער שרייט, פאַרצייכנט אַלצדינג, וואָס די לופט דערציילט.

פּלוצלונג — אַהאַ. דער אָפיס פון וואַשינגטאָן רעדט: „באַלד זיך אויסדרייען צוריק. די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט. דער גענעראַל איז אַנטלאָפן. אַף צוריק שנעל! גיך, טראַכט ניט לאַנג.“ ער האָט דאָס פאַרצייכנט, און דאָס האַרץ האָט אים אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן צו פּלאַטערן.

ער הערט טריט אַף די טרעפּ. דאָס גייט דער אָפיצער אַף דער וואַך.

— וואָס הערט זיך? — פרעגט ער.
— אָט דאָס הערט זיך. אַלערליי נייעסן פון דאָ און דאָרטן.
— ווייטער גאָרניט?
— גאָרניט.
אַוועק דער אָפיצער.
און ווידער אַ באַפעל דורך דער לופט: צוריק! צוריק!
מילטאָן האָט דעם באַפעל פון די באַלעבאַטים ניט איבערגעגעבן.
די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. די שטאָט שלאָפט נאָך, אָבער באַם פאָרט רודערט זיך. מען גיט סיגנאַלן, אַ פּאָר שיפלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, פון דער שיף האָט מען אַראָפּגעוואָרפן דעם לייטער. עס קומען אָן כינעזישע סאָלדאַטן מיט ביקסן און האַנט-גראַנאַטן.
דער קאַפּיטאַן מיט זיינע געהילפן ווייסן נאָך גאָרניט, שטייען זיי אויסגעפּוצטע און וואַרטן אַף די געסט. די געסט אָבער זיינען אַרויפגעקראָכן אַזוי פלינק און רירעוודיק. דער עלטסטער זייערער האָט עפּעס געגעבן אַ קאָמאַנדעווע אין כינעזיש, און באַלד זיינען אַלע געווען אַרומגערינגלט און אַרעסטירט. פון אַלע קאַיוטן און לעבער האָט מען געטריבן די מאַטראָסן אַף דער דעק, מילטאָנען אויך.
האָט עלטסטער זיך אויסגענויגט פאַר די אַרעסטירטע און אַ זאָג געטאָן:
— אין נאָמען פון דער רויטער אַרמיי באַדאַנקען מיר אייך פאַר דער מאַטאָנע, וואָס איר האָט אונדז געבראַכט. מיר דאַרפן האָבן טאַקע אָט די שיף. מיר נויטיקן זיך איצט טאַקע אין געווער. קיינעם פון אייך וועט אָבער ניט געשען קיין שלעכטס. איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל.
איז מילטאָן געגאַנגען מיט אַלעמען באַרג-אַרויף, אַרומגערינגלט מיט רויטע אַרמייער. מיד און אָפּגעשוואַכט איז ער געווען אָבער זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון גרויס פרייד.

# מיט קאַרל מאַרקסן אַף אומלעגאַלער אַרבעט

### פון ב. אָרשאַנסקי

ווי אַזוי עס איז געווען דאַרף קיינער ניט וויסן, נאָר אַז מיר האָבן שוין פאַרענדיקט אונדזערע מילכאָמעס מיט אַלע סאָנים, האָב איך באַשלאָסן אַזוי:
„וואָס וועל איך זיצן דאָ אין רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט אַ געזונטע און גרויסע פּאַרטיי; רוסלאַנד האָט אַ גרויסן קאַמיוג, וואָס

וועט צו יעדער צייט, ווען מ׳וועט דאַרפֿן, אַריינוואַרפֿן זיך אין קאַמף;
רוסלאַנד האָט פּיאָנערן, וואָס וועלן פֿאַרבייטן דעם קאַמיוג.״
האָב איך זיך באַטראַכט און באַשלאָסן:

— איך פֿאָר קיין פּוילן... ווייל פּוילן איז אַ פֿינצטער לאַנד, — פּוילן האָט צו יענער צייט געהאַט זייער אַ שוואַכע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

באַשליסן איז גרינג, אָבער אויספֿירן דעם באַשלוס איז געווען זייער שווער.

די גרעסטע שוועריקייט איז: וואו קריגט מען אַ פּוילישן פּאַספּאָרט?

געאַרבעט, געזוכט און ענדלעך געקראָגן אַ פּאַספּאָרט.

דעם פּאַספּאָרט האָב איך געקראָגן אין מאָסקווע, איז ער אָבער ניט געווען קיין פֿולער. עס איז געווען נאָר אַ בלאַנק, דאָס הייסט — אַ ריין ביכעלע, אין וועלכן מען קען אָנשרייבן וועלכן נאָמען מע וויל און אָנקלעפּן וועלכע פֿאָטאָגראַפֿיע מען וויל.

גיי איך מיר אין מאָסקווע אין וואָס איך שטיי און גיי און פֿאָטאָגראַפֿיר זיך. איז אָבער אַן אומגליק — מען מוז האָבן אַ שטעמפּל אַרויפֿצושטעלן אַפֿן פּאַספּאָרט אַף דעם אָרט, וואו מען מען קלעפּט אָן די פֿאָטאָגראַפֿיע.

שלעכט, וואו קריגט מען דאָס?

האָב איך ווידער געזוכט און בין דערגאַנגען, אַז דאָס קאָן מען קריגן אין אַ שטעטל, לעבן גרענעץ. דאָרט איז דאָ אַ גאַנצע קאָמ־פּאַניע ספּעקולאַנטן, וואָס האַנדלען מיט פֿאַלשע פּאַספּאָרטן. דאָרט קאָן מען אַלץ קריגן.

בין איך אַוועקגעפֿאָרן אַהין, קוים דערקליבן זיך צו דערדאָזיקער פֿיינער קאָמפּאַניע. הויבן זיי באַ מיר אָן צו פֿרעגן:

— נאָך וואָס פֿאָרט איר אין פּוילן? עפּשער זייט איר אַ קאָמוניסט?

— וואָס הייסט אַ קאָמוניסט. ווען איך וואָלט געווען אַ קאָמוניסט, וואָלט איך ניט געדאַרפֿט אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד.

— ווי דען... אַוודאי אַנטלויף איך. און איך הויב זיי אָן צו דער־ציילן אַ באָבע־מייסע, אַז די באָלשעוויקעס האָבן באַ מיר צוגענומען אַסאַך גאָלד, נאָר מיר האָט זיך איינגעגעבן אַנטלויפֿן פֿון זייערע הענט.

דאָ האָט זיך באַלד געביטן זייער באַציאונג צו מיר. בין איך דאָך זייערער אַ ברודער, דאַרף מען מיר העלפֿן. האָט מען גלייך פֿאַר מיר אין די אויגן גענומען מיין בילד. מע האָט זי אָנגעקלעפּט און אַוועקגעלייגט אַ שטעמפּל.

מען האָט באַ מיר אַרויסגעריסן אַ היפּשע סומע געלט. ניט גע־קוקט דאַרויף, וואָס איך בין „זייערער אַ ברודער״. און איך האָב געקראָגן אַ פּאַס.

— איצט ווי קומט מען אין פּוילן?

האָב איך ווידעראַמאָל געוואַרט, און סאָפקאָלסאָף האָב איך זיך צוגעשאַרט צו אַ כעוורע ספּעקולאַנטן. האָב זיך פאַרשטעלט פאַר זייערן אַ מענטשן. אין אַ פינצטערער נאַכט האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

די נאַכט איז געווען אַ נאַסע, אַ רעגנדיקע, אַ פינצטערע.

מיר פאָרן מיט זייטיקע פאַרוואָרפענע וועגעלעך, מיר זאָלן קיין מענטשן ניט באַגעגענען.

מיטאַמאָל הער איך, ווי איינער פון די ספּעקולאַנטן זאָגט:

— געלויבט איז גאָט. פון די „רויטע" זיינען מיר שוין פּאַטער געוואָרן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען שוין אין דער שוואַר־צער פּוילן.

דאָ האָט באַ מיר גענומען אַביסל ציטערן דאָס האַרץ: וואָס וועט זיין? די פּוילישע פּאָליציי שלאָגן און מאַזיקן יעדן קאָמוניסט, וואָס פאַלט אַריין אין אירע הענט.

האָב איך מיר באַשלאָסן, אַז איך וועל זאָגן אַזוי:

— איך האָב געהאַט אַ גרויסן געשעפט אין רוסלאַנד, האָבן עס די באָלשעוויקעס באַ מיר צוגענומען. זיי האָבן מיך געוואָלט אַרעס־טירן האָט מיר גאָט געהאָלפן און איך בין אַנטלאָפן (מען מוז דער־מאָנען דעם נאָמען „גאָט", וועלן זיי מיר גלויבן). און אַזוי ווי פּוילן איז אַ פריי לאַנד, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין פּוילן.

וויפל זיי זאָלן מיך ניט שלאָגן, וועל איך קיין אַנדער זאַך ניט זאָגן.

ווי איך טראַכט אַזוי, ערשט מיטאַמאָל הער איך אַ געשריי:

— שטייט, איך וועל שיסן!

און אין דער פינצטערקייט פון נאַכט האָב איך דערפילט, אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער נעץ פון פּוילישע ביקסן.

איך האָב זיך דערשראָקן, נאָר דער שאָכן מיינער האָט מיר קאָלטבלוטיק געזאָגט:

— האָט ניט קיין מוירע, מיר וועלן באַלד פּאַטער ווערן פון זיי, וועט עס קאָסטן אַן איבעריקע פּאָר צענדליק דאָלער...

און אַזוי איז טאַקע געווען. עס האָט ניט געדויערט קיין 5 מינוט, ווי מיר זיינען שוין געפאָרן ווייטער.

אינדערפרי זיינען מיר געקומען אין ווילנע.

איצט איז דאָ איין גרויסע שווערקייט, מע מוז קריגן אַ דירע, מע מוז אַוועקשיקן דעם פּאַס אין פּאָליציי. דאָס איז זייער שלעכט. דער פּאַס וועט זיין אין די הענט פון די פּוילישע פּאָליציילייט. ווער ווייס, עפּשער וועלן זיי דערקענען, אַז ער איז אַ פאַלשער...

דאָס האַרץ איז ניט רואיק. איך גיי זוכן אַ דירע.

איך האָב געקראָגן אַ צימער און האָב אָפּגעגעבן דעם הויז־וועכטער דעם פּאַס.

דאָס איז געווען אינדערפרי אזייגער 10. איך האָב אַ פרעג געטאָן דעם באַלעבאַס:

— ווען קאָן דער וועכטער ברענגען דעם פאַס צוריק?

— וואָס איז, וואָס דאַרפט איר דעם פּאַס?

— איך דאַרף אַרויספאָדערן פון ווארשע געלט, מוז איך האָבן אַ פּאַס, אַנדערש וועל איך ניט קאָנען אַרויסקריגן דאָס געלט.

— נו, ביזוואַנען עס וועט נאָך אָנקומען דאָס געלט, וועט איר שוין באַקומען דעם פּאַס. געוויינלעך האַלט מען דעם פּאַס אַן ערעך 2 טעג.

ס'איז מיר גוט צו הערן... 2 טעג וועל איך דאַרפן וואַרטן...

ערשט מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און עס גייט אַריין דער וועכטער און האַלט דעם פּאַס אין די הענט

עס איז מיר איינגעפאַלן דאָס האַרץ: אָט קומט מען מיך אַרעס-טירן. אַזוי פרי קאָן דאָך דער פּאַס ניט זיין. ערשט, לאָזט זיך אויס, אַז ער איז געווען אין פּאָליציי און האָט שוין געבראַכט דעם פּאַס אַ פאַרטיקן...

דער וועכטער האָט געזען, אַז מע קאָן בּאַ מיר כאַפּן אַ פּאָר סענט, האָט ער זיך אַליין געלאָזן אין פּאָליציי און האָט דאָס געמאַכט גיך.

בין איך שטאַרק צופרידן. האַלט דעם פּאַס אין די הענט און פריי זיך מיט אים...

איך פיל, אַז דאָס בלוט אין מיינע אָדערן הויבט אָן ווערן קאַלט. די הענט ציטערן, אין קאָפּ האָט אַ שווינדל געטאָן...

איז דאָס אָן עמעס? אָדער עפּשער האָט זיך עפּעס געטראָפן מיט מיר. בין איך פון זינען אַראָפּ?

אָף דעם זייטל, וואו עס איז דאָ מיין פאָטאָגראַפיע, זע איך אַ באַקאַנטן פּאָנעם, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר פוילן.

אָפן לאַץ בּאַ מיר האָט זיך צעלייגט מיט זיין גרויסער גראָער באָרד און מיט דעם געדיכטן גראָען קאָפּ האָר דער פאָטער פון מאַרקסיזם —

ק אָ ר ל מ אַ ר ק ס.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

לאָזט זיך אויס, אַז ווען איך האָב זיך פאָטאָגראַפירט אין מאָסקווע, האָב איך פאַרגעסן, אַז איך דאַרף האָבן די פאָטאָגראַפיע פאַר אַזאַ פינצטערן לאַנד, ווי פוילן, וואו מע טאָר אַפילו ניט דער-מאָנען דעם נאָמען פון קאַרל מאַרקס. בּאַ מיר אָפן לאַץ פון רעקל איז געווען צוגעשפּילעט קאַרל מאַרקס פאָטאָגראַפיע, האָט זיך עס אַזוי פאָטאָגראַפירט.

בין איך דורכגעגאַנגען די פּוילישע גרענעץ מיט קאַרל מאַרקס

אַפן לאַץ, האָב זיך דורכגעגאַנוועט דער פּאָליציי מיט קאַרל מאַרקס אַפן לאַץ און אַף צעלאָכעס דער גאַנצער פינצטערער פּוילישער רעאַקציע — מיט קאַרל מאַרקס אַף אומלעגאַלער אַרבעט.

# אין רויטן ווין

## פון מאַרטין בענק

ס'איז שטיל איצט אַפן פאַשיסטישן פראָנט. ס'איז שטיל איצט אין דעם באַרימטן קאַרל מאַרקס הויז פון ווין. אַלץ איז שטיל... אָבער ווי לאַנג וועט עס אָנהאַלטן?

די קאַנאָנען מיילער וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געשפּיגן מיט שטאָל, האָבן געגענעצט. פאַשיסטישע שנעל-שיסער (סנייפּערס) האָבן אין דער פינצטער געשלעפּט טויטנדיקע מאַשין ביקסן. היימווער אָפּיצערן האָבן געשאָלטן און געזידלט די העלדישע פאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער. אַלע גאַסן-לאָמפּן זיינען געווען אויסגעלאָשן. דאָס איינציקע ליכט איבער ווין איז געווען די קאַלטע ווינטערדיקע לעוואָנע אַפן האָריזאָנט. דער פאַרקער אין די גאַסן איז געווען אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען די צווייטע נאַכט פון בירגער קריג אין עסטרייך.

אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן דורך די צעבראָכענע פענצטער פון קאַרל מאַרקס הויז. שלאָפלאָזע, הונגעריקע אַרבעטער זיינען געקראָכן אונטער די פענצטער, קלאַמערנדיק זייערע ביקסן אין די הענט.

— זיי וועלן באַלד נאָכאַמאָל אָנפאַנגען — האָט עמיצער געזאָגט — זיי ברענגען נאָך סאָלדאַטן, די פאַשיסטישע כאַזיירים.

אין גרויסן צימער זיינען געווען פיר מענער און צוויי פרויען. עס זיינען דאָרטן געווען צוויי מאַשין-ביקסן און פיר ביקסן. אַף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויס בילד פון קאַרל מאַרקס, דאָס גלאָז און די ראַם איז געווען צעבראָכן פון פאַשיסטישע קוילן. לעבן בילד איז געהאַנגען אַ קליינע, רויטע פאָן. ס'איז געווען די פאָן מיט וועלכער דער קליינער הערמאַן ווינער האָט שטאָלץ מאַרשירט אין דער לעצטער ערשטער מיי דעמאָנסטראַציע. פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דאָס קרעכצן פון פאַרוואונדעטע אַרבעטער. קליינע קינדער האָבן געוויינט איבער זייערע פאַרוואונדעטע עלטערן.

— זיי הייבן שוין ווידער אָן! — האָט געזאָגט הערמאַנס פאָטער
— לאָמיר זיי דערלאַנגען!

ס'האָט זיך ווידער אַמאָל דערהערט אַ ברומעריי פון האוויצערס. דאָס הויז האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, פון די אויבערשטע שטאָקן

האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ רעגן פון ציגל. דער דאַך איז צעשמעטערט געוואָרן.

— נאָך קוילן — האָט הערמאַנס פאָטער געשריגן — עס פעלט אוים קוילן. מיין מאַשין-ביקס איז ליידיק.

הערמאַן איז אַוועק אין קיך וואו מע האָט געהאַלטן די אַמו-ניציע. ער איז שנעל צוריקגעקומען און אויסגעשריען:

— טאַטע, ס׳איז שוין מער ניטאָ.

הערמאַנס פאָטער, אַ וועטעראַן פון דער וועלט מילכאָמע, האָט שנעל אַ טראַכט געטאָן:

— עמיצער מוז גיין אין צווייטן הויז און נעמען נאָך קוילן בײַ די כאַווײרים.

אַזוי שנעל ווי הערמאַן האָט דערהערט דעם פאָטערס רייד, איז ער גלייך אַרוים פון הויז.

— הערמאַן! — האָט דער פאָטער געשריען — הערמאַן, גיי ניט הערמאַן!

דער פאָטער איז אים נאָכגעלאָפן, נאָר הערמאַן איז געווען שנעלער.

מע האָט באַדאַרפט דורכגיין אַ שמאָלן דורכגאַנג צו דערגרייכן דאָס צווייטע הויז. הערמאַן איז געקראָכן אױף אַלע פיר. די פינצ-טערניש האָט אים אויסבאַהאַלטן. ער איז אַריין אין צווייטן הויז און אַרויפגעלאָפן אױפן ערשטן שטאָק אין שלעזינגערס אַפּאַרטמענט. די קוילן האָבן געהאַלטן אין איין פליען. אױפן דיל זיינען געלעגן צוויי אַרבעטער איבערגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער... זיי האָבן פאַר-לוירן זייערע לעבנס אין גרויסן קאַמף... הערמאַן האָט געבעטן קוילן. מען האָט אים גלייך געגעבן אַ קאַרטאָן. ס׳איז געווען צו שווער פאַר אַ קליינעם אינגל, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קויכעס און דאָס געטראָגן. איצט האָט ער ווידער אַמאָל באַדאַרפט דורכגיין דעם שמאָלן דורכגאַנג. ער האָט ניט געקענט קריכן, ווייל דער קאַר-טאָן איז געווען צו שווער צו טראָגן קריכנדיק, און דורכגיין אין זיין גאַנצער הויך איז געווען אַ געפאַר. די פאַשיסטישע קוילן זיינען גע-פלויגן אין אַלע זייטן. הערמאַן האָט ניט געקענט קריכן און שלעפּן דעם קאַרטאָן קוילן אױף דער ערד, ס׳וואָלט אָנגעמאַכט צופיל טומל. הערמאַן האָט באַשלאָסן אַז ס׳איז בלויז דאָ איין וועג. אַרויפלייגן דעם קאַרטאָן אױף אַקסל און שנעל דורכלויפן. דער שווערער קאַר-טאָן האָט אַרונטערגעבויגן זיין קערפּער; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אױף אַ ווייל, געקוקט רעכטס און לינקס און גענומען לויפן... ער האָט אָבער מיט דער מאַסע ניט געקענט לויפן אַזוי שנעל ווי ער האָט געוואָלט... און די מאַשין-ביקסן האָבן געקלאַפּט און געשפּיגן מיט קוילן.

הערמאַן איז אָן אַן אָטעם אַרויפגעלאָפן די שטיגן. זיין פּאָנעם האָט

אויסגעדריקט וויטיק. ווען ער איז אריין אין צימער האט זיין פאטער אויסגעשריען!

— הערמאַן, מיין קינד!

הערמאַן איז אוועקגעפאלן א פארכאלעשטער.

— פארוואונדעט! — האט אן ארבעטער אויסגעשריען מיט א הייזעריקער שטים.

הערמאַן האט זיך צוגעהאלטן בא דער זייט. עס האט אים שרעקלעך וויי געטאן.

— טאטע, — האט ער געפרעגט — מיר שלאגן די פאשיסטן? פארוואס שיסטו ניט? איך האב דאך געבראכט קוילן. דערלאנג זיי. זאלן די באסעם פילן אונדזערע קוילן.

הערמאַנס פאטער און אלע אין צימער האבן געקוקט אף אים מיט פרייד געמישט מיט טרויער. זיי האבן זיך געפרייט מיט דעם אינגלס העלדישקייט און ס׳האט זיי וויי געטאן פון דעם אינגלס וואונדן וואס ער האט געקראגן פון שטיקער גלאז.

מען האט הערמאַנען אריינגעטראגן אין צווייטן צימער און א פרוי האט אף אים אויפגעפאסט.

— יא, הערמאַן! — האט דער פאטער געשריען מיט באנייטע קויכעס — מיר וועלן שלאגן די כאזיירים ביז צום ביטערן סאף! מיר וועלן זיך ניט לאזן פארשקלאפן! מיר האבן גענוג העלדן אנצופירן אונדזער קאמף. לאמיר זיי דערלאנגען, כאווירים!

באלד האט זיין מאשין-ביקס אנגעהויבן צו קלאפן.

— טו עפעס פאר מיר, טאטע, — האט הערמאַן געזאגט — איך וועל באלד ווידער קענען קעמפן, דערווייל נעם שטעל ארויס מיין רויטע פאן אין פענצטער.

דער פאטער האט ארונטערגענומען די רויטע פאן פון וואנט און זי ארויסגעהאנגען אין דרויסן; זי האט שטאלץ געפלאטערט אין ווינט, צווישן די קוילן פון א ביטערן בירגער קריג.

# טאג־בוך פון א דייטשישן פיאנער

## פון בען בלעק

מאנטיק: —

אך, איז היינט געווען א קאלטער טאג. דער ווינטער האט זיך שוין אנגעהויבן. היינט נאכמיטאג האב איך אוועקגעלייגט א אינגל.

קורט און איך זיינען אהיימגעגאנגען פון שול. באם ראג פון גאס האבן מיר זיך אריינגעדרייט אין ראכשטראסע.

— אך, — האב איך אויסגעשריען — שוין ווידער.

א סקוואד ברוין-העמדלדיקע נאצים — דייטשישע פאשיסטן —

האָבן מאַרשירט אויסגעשטעלט ווי אַ באַוועגלעכער טורמע-צעל. צווישן זיי איז געגאַנגען אַ אינגל מיט אַ צעריסענעם מאַנטל. די אַרבל אַרויסגעריסן. פון זיין באַק איז גערונען בלוט. דער אינגל האָט אויסגעזען אַ 16 יאָר אַלט. מיסטאמע האָט מען אים געכאַפּט אויס-טיילן ליפלעטס. אָך, וואָס זיי האָבן צו אים געטאָן. זיי האָבן אים גוט צעשלאָגן. קורט האָט אַ מאַך געטאָן:

— אַכט קעגן איינעם. דער עמעסער געשלעג, די „העלדישע", „בראַווע" נאַצים.

אין דער סעקונדע האָט זיך עפּעס אָנגעשלאָגן אין קורטן. קורט איז אומגעפאַלן. אַ אינגל אַף „ראָלער-סקייטס" האָט אים איבער-געקערט. איך האָב אויפגעהויבן קורטן. דער אינגל האָט זיך אַליין אויפגעהויבן. ער איז געווען הויך, געזונט, מיט רויטע באַקן, וואַרעם און שיין אָנגעטאָן. אין זיין לאַץ האָט געשטעקט אַ „נאַצי" שפּילקע. קורט האָט באַמערקט דעם נאַצי-צייכן און באַלד בייז געוואָרן:

— פאַרוואָס קוקסטו ניט וואו דו גייסט? — האָט קורט אויס-געשריען. דער פעטער אינגל האָט אַ קוק געטאָן אַף אונדז פון אויבן אַראָפּ און זעענדיק אונדזערע קליידער, האָט ער דערקענט ווער מיר זיינען.

— הער זיך נאָר צו, איך זע וואו איך גיי — האָט ער אויסגע-

שריען מיט שטאָלץ, זי האָב בעסער מער רעספּעקט פאַר אונדזערע — האָט ער אָנגעוויזן אַף דער שפּילקע.

דאָ האָט זיך דער קאָס אין מיר צעברענט:

— די פּעטער כאַזער, וועד דענקסטו ביזטו דאָס, הע?

— מיין פֿאָטער איז דער טשיף אַף פּאָלים פון דעם דיסטריקט. זיין קאָל האָט זיך געהעכערט — אייערע טאַטעס זיינען מיסטאָמע קאָמוניסטן אָדער שמוציקע אידן.

איך האָב אים אַ וויל באַטראַכט און באַלד מיט מיין גאַנצן קויעך אים פאַרפאָרן מיט אַ פויסט אין אָנגעפּרעסענעם פּאָנעם.

דער זון פון טשיף אַף פּאָלים, האָט אַ זעץ געטאָן צו דער ערד. דאָס איז ניט געווען פיין פון מיין זייט. באַ מיין כאַווער קורט האָבן די הענט געביסן אים צו דערשלאָגן, נאָר וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין דאַסמאָל געווען שנעלער פון אים.

גלייך נאָכדעם האָב איך זיך באַרואיקט און אים געזאָגט:

— מיין טאַטע איז אַ קאָמוניסט און צופעליק ניט קיין איד, נאָר מיין פריינטס טאַטע איז יאָ אַ איד און ביידע זיינען ערלעכע אַרבע-טער און גוטע קעמפער קעגן אַזעלכע ווי דיין טאַטע און אַלע נאַצי-מערדער. ווען אונדזערע טאַטעס וועלן פּאַרטיק ווערן מיט די נאַצים וועט איר שוין קיינמאָל ניט שלאָגן קיין אַרבעטער, איד צי ניט איד.

דער צעשראָקענער יונגער נאַצי, האָט ליגנדיק אַף דער ערד גענומען שרייען:

— העלפּט, העלפּט, פּאָליציי! און אָנגעהויבן וויינען.

מיר האָבן זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

מיטוואָך: —

היינט באַגינען האָב איך און קורט, פּונקט ווי אַנדערע פּיאָנערן, גענומען אַ פּאַק ליפלעטס צו פאַרטיילן אַף אַ באַשטימטן פּלאַץ. באַלד איז אָנגעקומען אַן אַלטע פרוי, וואָס טיילט פאַנאַנדער אַ נאַצישע ציימונג „פֿאָלקישער באַאָבאַכטער" אין זעלביקן געגנט. זי האָט אוועקגעלייגט איר פּאַק ציימונגען לעבן טיר פון קאָרידאָר און אַ קליינעם טייל האָט זי גענומען און אַריין אינעווייניק.

איך מיט קורטן האָבן אַף שנעל אַ כאַפּ געטאָן אונדזערע ליפלעטס און אַריינגעלייגט זיי אין די נאַצישע ציימונגען.

די אַרבעטער און קרעמער האָבן היינט ווי אַלע טאָג, זינט די נאַצים זיינען אין מאַכט, געקראָגן צוויי ציימונגען — אַ נאַצי און אַרבעטער ציימונג.

איך שטעל זיך פאָר ווי בייז די נאַצים זיינען געווען פון אַזאַ מין שפּיצל. צום טייוול מיט היטלערן. ראָט פראָנט! איך גיי שלאָפן, ס'איז שוין שפּעט.

פרייטיק: —

היינט פאַרנאַכט האָבן מיר פּלוצים דערהערט שפּילן אַ וואַלץ און באַלד — די הילכיקע טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל". אַלע

שכיינים האָבן אַרויסגערוקט די קעפּ, כאָטש ס׳איז געווען זייער קאַלט, און זיך צעזונגען אין אַ כאָר:

„שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז, אין נויט.“

אַ ווען די נאַצים כאַפּן זיי באַ אַזאַ שטיקל — מיינט עס טורמע און פייניקן.

ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן באַם ענדיקן איז געקומען צולויפן אַ אינגל און אויסגעשריען:

— די נאַצים קומען, היט זיך די נאַצים קומען.

די שפּילער האָבן אויפגעהויבן די רעכטע הענט, פאַרקלעמט פויסטן און אויסגעשריען:

— ראָט פראָנט!

פון די פענצטער האָבן די אַרבעטער באַלד אָפּגעענטפערט:

— ראָט פראָנט!

און די פענצטער האָבן זיך פאַרהאַקט.

שאַבעס: —

היינט אָוונט האָבן מיר, איך און קורט, געהאַט זייער אַ וויכטיקע אַרבעט דורכצופירן, און צי האָבן מיר זי דורכגעפירט ווי פּיאָנערן — וועט איר באַלד אויסגעפינען.

מיר האָבן באַדאַרפט זיין אַף דער וואַך באַם אַריינגאַנג פון קורט׳ס הויז, ווייל דאָרטן איז געווען אַ מיטגליד פון איינער פון דער „גרופּע פון פינף“. דאָס זיינען קליינע גרופּעס אַרבעטער, וועלכע זיינען אָר-גאַניזירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנצופירן אין געהיים רעוואָלוציאָנערע אַרבעט קעגן די נאַצים.

די פינף זיינען באַשטאַנען פון קורט׳ס טאַטע (וועלכער איז געווען אַ סאָציאַליסט ביז די סאָציאַליסטן האָבן פאַראַטן, ווען מען האָט גערופן אַ סטרייק קעגן דער היטלער רעגירונג) און נאָך פיר אַרבעטער, אַלע פון דערזעלביקער מעטאַל-פאַבריק. קורט׳ס מאַמע איז אויך דאָרטן געווען, צוגעגרייט מיט אַ באַרשט און אַן עמער. צוליב וואָס? — דאָס וועט איר שפּעטער זען.

איך מיט קורטן זיינען געזעסן אַף די טרעפּ. ס׳איז שוין געווען נאַכט און דער גאַסן-לאַמטערן האָט געוואָרפן אַ שוואַכע שיין אַרום זיך. פון צייט צו צייט איז איינער פון אונדז צוגעגאַנגען צום ראָג זען צי עס קומען ניט אָן קיין נאַצים. אויבן האָט די „גרופּע פון פינף“ גע-פּלאַנט, ווי אַזוי צו פאַרהיטן אַז די נאַצים זאָלן ניט איבערנעמען די יוניאָן פון דער פאַבריק, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער צו פאַרטיידיקן די קאָמוניסטן, אַף וועמען מען האָט אויסגעטראַכט, אַז זיי האָבן אונטערגעצינדן דעם רייכסטאַג.

קורט האָט זיך אויפגעשטעלט צו זען צי ס׳קומען ניט אָן קיין נאַצים, ווען מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן אַ באַנדע נאַצים. זיי האָבן אַלע געטראָגן ביקסן. מיין האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. זאָלן מיר

אַרויפלויפן אויבן און לאָזן וויסן? — אָבער די נאַציס זיינען שוין געווען לעבן אונדז.

— וואווינט דאָ פריץ שניימאַן, קינדער? — האָט זייער קאָמאַנדיר אַ פרעג געטאָן.

איך האָב געהערט ווי קורט האָט שווער געאָטעמט. פריץ שניימאַן איז געווען קורט׳ס פאָטער. אַ שפּיאָן האָט מיסטאָמע פאַר־דעכטיקט אַז אויבן גייט אָן אַ מיטינג. אַ געדאַנק האָט מיר שנעל אַ בליץ געטאָן אין מויעך.

— שניימאַן? — האָב איך איבערגעפרעגט — יאָ, ער וואווינט אין דער צווייטער הויז.

די נאַציס האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן.

— שנעלער קורט! — האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן — לויף אַרויף און זאָג די כאַווירים, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן דורכן דאַך.

קורט איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי שנעל ניט געלאָפן.

מיט אַ מינוט שפּעטער, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין קאָרי־דאָר, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך אַרויפגעכאַפּט אַף די טרעפּ. איך האָב געהערט די אָפּשטאַרבנדיקע טריט פון די כאַווירים אַפן דאַך. אַזוי שנעל ווי איך בין אַרויף אַפן צווייטן שטאָק, האָט זיך אויפגעריסן די קארידאָר־טיר און ס׳האָט זיך דערהערט די בייזע שטים פון נאַצי־אָפיצער.

— ס׳איז דאָרטן אויבן — האָט ער געשריען — אַזאַ שמוציקער קליינער — ער האָט געזידלט און געשאָלטן ווי אַ גאַסן־יונג.

— מאַכט ליכטיק — האָט ער געשריען.

גלייך לעבן מיר איז געשטאַנען אַ גרויסע אַש־קאַן פול מיט מיסט. איך האָב עס גלייך אַ כאַפּ געטאָן און עס אַראָפּגעלאָזט אַף זיי. דאָס האָט זיי פאַרהאַלטן אַביסל. דערווייל האָב איך זיך שנעל און שטיל אַרויפגעכאַפּט אַפן דאַך. פון דאָרט בין איך אַריבער אַפן דאַך פון אַ צווייטער הויז און געזען ווי די נאַציס גייען אַרוים פון הויז מיט גאָר ניט. שפּעטער האָט אונדז קורט׳ס מאַמע דערציילט, אַז ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטוב, האָבן זיי זי געטראָפן מיט אַ באַרשט אין אַן עמער וואַסער, וואַשנדיק דעם דיל. מיט אַמאָל האָב איך פון דער פינצטערניש דערהערט אַ שטילן רוף:

— האַנס! איך בין עס קורט!

פון דער פינצטערניש איז אַרויסגעקומען קורט און דער קאָמיו־ניסט פון דער „גרופּע פון פינף" — אַלע זיינען אַוועק אין ציט — האָט געזאָגט דער קאָמיוניסט, נאָר איך האָב נאָך אַ שטיקל אַרבעט אָפּצוטאָן.

פון אונטערן אָרעם האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ שטיק צונויפ־געלייגטע וואַרע.

דאָס איז — האָט ער דערקלערט — אַ גרויסער באַנער מיט אַ פּאָר לאָזונגען געפאַרבט מיט רויטע בוכשטאַבן. אַפן ראַג וואַרט

פאַר די נאַציס אַ באַס. ווען זיי וועלן צוקומען צום באַס, וועל איך אַף זיי אַרונטערלאָזן דעם באַנער — זאָלן זיי זען, אַז די קאָמוניסטן שרעקן זיך פאַר זיי ניט. איר כאַווער טראָגט זיך גלייך אַף, ס'אַ געפערלעך שטיקל ארבעט.

— איך בלייב — האָב איך געזאָגט — ביז דו וועסט אָפּטאָן די אַרבעט. איך וויים אַ זיכערן וועג פון דאַנען גלייך אין קעלער אַריין. קורט איז אויך פאַרבליבן.

מיר האָבן אַראָפּגעקוקט אין גאַס. אין דער פינצטער האָט מען אונדז ניט געקענט זען. באַלד זיינען אָנגעקומען די נאַציס און אַריין אין באַס.

— אָט גייען זיי — האָט געזאָגט דער קאָמיוניסט.

באַלויכטן פון דער לעוואָנע שיין האָט זיך דער ווייסער באַנער אַראָפּגעלאָזט אַף די נאַציס.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ געשריי. אַ נאַצי האָט באַמערקט די ווייסע מיסטעריעזע זאַך וואָס איז געפאַלן גלייך אַף זיי. זיי האָבן זיך ווייזט אוים גוט צעשראָקן, ווייל אַלע האָבן גענומען שרייען. אייניקע פון זיי האָבן זיך געכאַפּט צו די ביקסן און גענומען שיסן אַפן באַנער. און גלייך ווי דער באַס האָט אָנגעהויבן פאָרן איז דער באַנער אַרונטערגעפאַלן אַף דער גרופּע נאַציס, וועלכע זיינען געזעסן די לעצטע.

ביז די נאַציס זיינען געקומען צו זיך פון שרעק און זיך געכאַפּט וואָס דאָס איז — האָט זיך דערוויל דער באַס געטראָגן איבער דער גאַס מיטן ווייסן באַנער מיט רויטע לאָזונגען:

„נידער מיט פאַשיזם, הונגער און מילכאָמע!“

„לאַנג לעבן זאָל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד!“

# טעלמאַן

## פון מ. בירנבוים

פּראָלעטאַריער! וויגט פאַנאַנדער
שטעט און לענדער פון דער וועלט.
טעלמאַנ'ס קאָפּ, ער טאָר ניט פאַלן —
פרייהייט מאָנט פאַר רויטן העלד.
ס'שטייט שוין גרייט דער ברוינער הענקער,
האָט אויף טעלמאַנ'ס קאָפּ געצילט;
איצט אַ רגע צו פאַרלירן —
איז דעם פיינט אין האַנט געשפּילט.

איבער וועלט אַ קלונג פון קייטן
וועקט און מאָנט פון אונדז אַ כוווו:
מיר פון פעלדער און פאַבריקן,
ברעכט די טפיסע טעלמאַנ׳ס אויף!

זאָל פאָרויס אין שלאַכט אונדז לויכטן
טעלמאַנ׳ס און דימיטראָוו׳ס מוט,
לאָמיר שווערן: כאַוועֶר טעלמאַן
פאַר דיין פרייהייט אונדזער בלוט.

# פראַגן

1. ווי אַזוי האָט מען געפייערט דעם ערשטן מאַי אין הירש לעקערט׳ס צייט און ווי אַזוי פייערט מען איצט?

2. ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ערשטער מאַי?

3. וואָס זיינען געווען די ערשטע פאָדערונגען דעם ערשטן מאַי?

4. וועלכע פאָדערונגען שטעלן מיר אַרויס היינטיקן ערשטן מאַי?

5. פאַרגלייך ערשטער מאַי און „לעיבאָר־דעי”.

1. אויב קיובא געהערט צו אַמעריקע, פאַרוואָס האַלט דאָרטן אַמעריקע אַן אָפּטיילונג פון אירע קריג-שיפן?

2. אין וועלכע לענדער פון צענטראַלער און־דאָרעם־אַמעריקע באַלעבאַטעוועט די אַמעריקאַנער רעגירונג?

3. ווי אַזוי קעמפן דאָרט די אַרבעטער פאַר זייער באַפרייאונג?

4. פאַר וואָס איז דער סאָוועטן פאַרבאַנד קעגן מילכאָמע?

5. פאַר וואָס איז היטלער און זיינע נאַציס קעגן די אידן?

6. פאַר וואָס האָט מען טעלמאַנען אַרעסטירט?

7. אין וועלכע לענדער העלפן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג?

8. פאַר וואָס גרייטן זיך די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען צו באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?